STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02719

INTIM MITN BUKH

Rivka Kope

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רבקה קאָפּע

אינטים מיטן בוך

צווייטער באַנד

☆

פּאַריז 1983

אינהאַלט:

פון יענער זייט שוועל	9
די פרייד פון לייענען	33
די קונסט פון לייענען און פאַרשטיין פּאָעזיע	43
טויערן אין די בערג	61
צווישן שטורעמס	67
צווישן כרמל און ים	73
סילועטן פון אונדזער יאָרהונדערט	81
דער באַוווּנדערער פון אַרבעטער־קלאַס	87
משה שולשטיין: „גאָלד און פייער"	95
דער אומפאַרגעסלעכער שולשטיין	98
לייב קורלאַנד: ביי די ברעגן פון כנרת	103
„ „ אַ קעמל ביים כנרת	108
טאַניע זיסמאַן: צווייטע בוך לידער	115
יצחק פינער־בורשטיין: מיין מאַמע	121
שטיינער דערציילן	127
יוסף וויינבערג: אַ טרער און אַ תפילה	131
אינעם מלכות פון קונסט	139
גבריאל וויסמאַן: צו זיין ווערן אַ 75־ער	149
אין דער ספערע פון קונסט	152
אויף ליטעראַרישע טעמעס	157
די מאָראַל־לערע פון אַ ראָמאַן	163
דער משל אין אונדזערע ד' אמות	169
בינם העלער: „דאָס צוגעזאָגטע וואָרט"	175
דער יום־טוב פון לייענען שיינע ליטעראַטור	183
די משלים פון יצחק גאָלדקאָרן	193
י. ח. בילעצקי: שורות זעכצן	207
יחזקאל קאָרנהענדלער: יידן אין פּאַריז	219
יונה בערקמאַן: וויפרייד	225
חנה שאַליט: „אין שטענדיקן צאַפּל"	233
משה נאַדיר, דער גאון פון געלעכטער	243

* *
*

היות איך האָב די עסייען געשריבן אין פאַרשיידענע צייטן און ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, האָב איך געהאַלטן פאַר נישט וויכטיק, זיי אויסצושטעלן אין דער כראָנאָ־לאָגישער ריי און נישט געצייכנט קיין גע־דענק־דאַטעס — מיטן אויסנעם פון די לעצ־טע נפטרים, וואָס זענען ספּעציעל נייטיק פאַר דער געשיכטע.

פון יענער זייט שוועל

מ'זאָגט: „דאָס לעבן איז אַ חלום״. איז דאָס אַ רמז אויף אַ קורצן טערמין, וואָס דעם מענטשן איז צוגעטיילט געוואָרן אויף דער זייט וועלט. אָבער, שלאָפנדיק און לעבנדיק אינעם חלום, איז עס טייל מאָל, אַ גאַנצע אייביקייט...

די מענטשלעכע דערפאַרונגען קאָנען באַשטעטיקן די ריכטיקייט פון זיגמונד פרוידס טעאָריע, אַז די נישט-דערגרייכטע פאַרלאַנגען פונעם מענטשן-קאָמפּלעקס רעוואַנזשירן זיך, כדי זיי אויסצולעבן אין שלאָף. מען לאָדנט אויס די באַטעריעס אין דער אינטימקייט פון שלאָף, וואָס מען איז געשטערט אויסצולאָדן אינעם ריטעם פונעם טאָגגעיעג. די צוויי אומרועך פון מוח און האַרץ גיבן אונדז דעם תענוג און באַפרידיקן די פאַרלאַנגען און געפילן, וועלכע קאָנען נישט קומען צום אויסדרוק, ווייל זיי ווערן אונטערגעדריקט פון פאַרשיידענע רעגולאַציעס און פאַרבאָטן פון צניעות, מאָראַל פון דער אַרומיקער סביבה צו וועלכער אַ מענטש איז געבונדן ווי צו זיינע פינף חושים. אַ פּאָעט קאָן חלומען פון אַ ליד, וואָס האָט זיך אָפּגעזעצט אין אַ פאַרבאָרגן קעמערל פון זיין מוח און „שרייבט״ עס מיט דער חלום-האַנט אין שלאָף...

שלום עליכם דעפינירט דאָס פאָלקלאָריסטיש, קורץ און באַטעמט, דורך זיין העלדין שיינע שיינדל, וואָס זאָגט אין אַ בריוו צו איר פאַר-זאָרגער: „קרעפּלעך אין חלום, איז טאַקע נישט מער ווי אַ חלום״...

פאַראַן אַ ווערטל, אַז דער גאַנדז חלומט זיך האָבער, דאָס קאָן שוין פאַרענטפערן אַ טייל פון דעם פּרעאַמבול. ווען מע קומט זיך צו צו פעזאַנען, דאַכט זיך אַז זיי זענען שטענדיק הונגעריק; זיי קאָנען פּיקן

די צוגעוואָרפענע קערנדלעך אין יעדער מינוט, אין יעדער צייט פון טאָג. נישט דערפאַר ווייל זיי מוזן דווקא אָנקומען צו דער מענטשלעכער גאָב. אויף יעדן שטח ווו זיי געפינען זיך, גריבלען זיי מיט די שנעבעלעך און פּיקן און פּיקן. און היות עופות האָבן ליב צו פּיקן, האָט מען אַריבער־געטראָגן די קלאָרע און באַגרינדעטע השערה פון מענטשלעכע דערפאַ־רונגען אויף די בעלי־חי, אַז... זיי חלומען פון קערנדלעך.

ווען אַ מענטש לייגט זיך הונגעריק, רעוואָלטירט דער מאָגן און שטערט אים איינצושלאָפן. נאָר קוים באַוועלטיקט אים די מידקייט, שלאָפט ער און חלומט, אַז ער עסט: אין דעם פאַל איז עס גראָד אַ וווילטועדיקע פאַרגיטיקונג. פאַראַן אָבער חלומות, וואָס געהערן צום מעטאַ־פאָרישן באַגריף, וואָס לעבן זיך נישט אויס אין שלאָף... ס׳איז אפשר טאַקע אַ פּאַראַדאָקס, ווייל חלום איז דאָך אויך באַגער, וואָס קומט דירעקט אינעם באַוווסטזיין און מען בענקט עס אויס אין דער וואָכיקער רעאַלי־טעט. זאָגט דאָך אַ ווערטל מכוח אַ גליקלעכער איבערלעבונג, אַז דאָס איז גרייַלעך בלויז אַ חלום, וואָס איז שווער — אָדער בכלל נישט רעאַ־ליזירלעך.

דער חלום — וואָלט איך געזאָגט — איז דער אַקטיאָר, וואָס רעפּע־טירט די ראָלע וועלכע ער וויל שפּילן. עפּעס זעצט זיך אָפּ אינעם אונטער־באַוווסטזיין, באַקומט שווונג אינעם חלום און שפּילט אויס די נישט־דערשפּילטע ראָל אין דער טונקעלער אויסדוכטעניש פון שלאָף; ס׳איז אַ מין הינטערקוליסן אויף דער בינע פון דמיון.

די צווייטע זייט פון דער מטבע איז אָבער דער קאָשמאַר. דאָס זענען שוין נישט קיין סיסטעמאַטישע איבערזעצונגען פון די רעאַלע שטרע־בונגען, איבערלעבונגען, אָדער אַנגסטן; ס׳איז אַ סאַטאַנישער מישמאַש פון סימבאָלן, רייצנדיקע, נישט קאָאָרדינירטע בילדער, געמאָלן אין אַן אומאָרדענונג, איז דאָס שוין אַ טעזע מיט אַן אַנטי־טעזע. מע חלומט אַמאָל וועגן געשעענישן אינעם אייגענעם לעבן, וואָס דאַרפן ערשט פאָרקומען אינעם נאָענטסטן מאָרגן, אָדער אין די נאָענטסטע שעהען פון וועלכע מ׳האָט נישט די מינדסטע אַנונג, אָדער פאָרגעפיל.

די מאָדערנע וויסנשאַפט פאַרצייכנט אַזעלכע פאַלן, און פּאַסט צו זיי צו נייע טערמינאָלאָגיעס אָדער קאָמענטירט די אַ פאַלן און גיט זיי אַ פעסטגעזעצטע דעפיניציע, ווי אַזוי דאָס אומבאַקאַנטע איז געקומען ווי אַן אינטואיטיווער פאַראויסלויפער אָנצוזאָגן דיר אין שלאָף, אָדער דיר געבן אַ שטויס אין האַרצן, דיך אויפוועקן און סוגערירן אַ שלעכט געפיל, אַן אַנגסט, אַז עפּעס דאַרף געשען, און עס געשעט. פאַר וואָס? — דאָס איז אַ רעטעניש, וואָס לייגט זיך שווער אויפן שכל: אַן אייגענער, אַ פאַר־מיליאַנט איז פּלוצעם געשטאָרבן — און נאָך איידער עס קומט די ידיעה דורך די טעלעפאָן־כוואַליעס, קומט עס פריער דורך די פּסיכיק־אַנטענעס. דעם אַמעריקאַנער הומאָריסט מאַרק טווען האָט אַ קאָשמאַר באַקאַנט געמאַכט זיין ברודערס טויט, וואָס איז אומגעקומען אויף אַ שיף. אייבערע־האַם לינקאָלן האָט איבערגעלעבט פריער זיין טויט איידער מען האָט אים דערמאָרדעט — גאָרנישט אַנענדיק דערפון... געדענק איך פון מיין קינדהייט פון מיין מוטערס אַ דערציילטן פאַל, וועגן אַ וואָרענענדיקן חלום פון אַ פּלוצעם־פאַרשטאָרבענער פרוי פון אַ צווייטער שטאָט, וואָס האָט זיך אין שלאָף באַוויזן צו איר טאָכטער און איר געזאָגט, אַז אויף דעם און דעם אָרט, געפינט זיך פאַר איר צירונג צווישן בעטגעוואַנט, און זי וויל, אַז דאָס זאָל דורכאויס געהערן צו איר, ווייל אַ שנור איז נישט קיין טאָכטער!...

אַן ענלעכן פאַל צו דער איבערלעבונג פון דער אַמעריקאַנער שריי־בערין פּערל באַק, האָט אַמאָל דערציילט מיין טאָכטער. אירס אַ פריינ־דין איז דרינגענדיק גענומען געוואָרן אין שפּיטאָל אויף אַן אָפּעראַציע און האָט נישט באַוויזן מיטצוטיילן וועגן דעם דער מוטער אירער, אָבער די מוטער האָט תיכף באַרגעפילט, אַז ס׳איז עפּעס געשען מיט איר טאָכ־טער, און זיך צו מאָרגנס דערוווּסט.

די שרייבערין פּערל באַק באַשרייבט אין אירס אַ בוך, אַז זי איז איבערגעוועקט געוואָרן פון מוראדיקע אַנגסטן, און געפילט, אַז עמע־צער וויל זיך מיט איר דורכרעדן. זי איז דעמאָלט געווען אין טאָקיאָ און איר טאָכטער אין ניו־יאָרק. ליגנדיק אַ פאַר שעה אין אַן אַנגסטיקן

טראַכטן, האָט פּלוצעם דער טעלעפאָן זיך צעקלונגען און איר טאָכטער האָט איר איבערגעגעבן, אַז איר מאַן איז געשטאָרבן.

דער פענאָמען פון טעלעפּאַטיע איז אַן אַקאַדעמישע באַשטעטיקונג. פאַראַן אַזעלכע און ענלעכע געשעענישן מיט וועלכע די וויסנשאַפט אינ־טערעסירט זיך און פרוווט זיי אויסטייטשן.

די דריי דאָ געבערענגטע ביישפּילן, זענען פון דעם באַקאַנטן עסיי־איסט אריה פּאָזי, וואָס געפינט זיך אין פערטליאָר־שריפט „חשבון" נ. 83—84 יאָר 1976, אין זיין מאמר: „פּאַראַפּסיכאָלאָגיע — אַ באַגרינ־דונג און אַ פאַרטייטשונג".

אַ טייל פון מיינע אייגענע חלומות זענען אויך נישט קיין ליגנערס. איך האָב סימנים, וועלכע ה'וועל ביי קיין פאַל נישט לאָזן אָפּפרעגן. צום ביישפּיל: ווען כ'זע אין חלום אַ לוויה און אַ געדיכטער עולם באַגלייט די עגלה, קומט תמיד נאָך דעם אַ פריידיקע איבערלעבונג. ווען אין מיין חלום באַווייזן זיך פרויען־פריזורעס אָדער סתם האָר, איז עס אַ הונ־דערט־פּראָצענטיקער אָנזאָג אויף עגמת־נפש, וואָס פּייניקט מיך איידער עס אַנטפּלעקט זיך אין דער רעאַליטעט. האָר איז פאַר מיר אַ סימבאָל פון אומפאַרמיידלעך שלעכטס, פּונקט ווי רוי פלייש איז אַ געזיכערטע איבערלעבונג פון אַן אייגענער קראַנקייט, אָדער פון עמעצן פון מיין נאָענטער סביבה, דאַקעגן, אַ פערדל אין חלום, אָדער אַנדערע לעבע־דיקע בעלי־חי, איז אַ טריאומף אין די קומענדיקע טעג...

נאַפּאָלעאָן, וואָס איז געווען אַזאַ קלוגער פּאָליטיקער און סטראַטעג אין מלחמות, איז אויך געווען אַבערגלויביק. באַגלייטנדיק זיינע זעלנער אויף די פראָנטן, האָט ער אַמאָל צעבראָכן אַ טאַשן־שפּיגעלע — האָט ער גלייך מיט באַדויער אויסגערופן: „זשאָזעפינע פאַרראַט מיך — פאַראויס!". נאָך ווענן סוף פון מענטש האָט ער געגעבן אַ ריכטיקע דעפיניציע: „ס'איז אַ שלאָף אַן חלומות".

***

דעם פאַרגאַנגענעם זומער איז מיין געזונט־צושטאַנד נישט געווען

אין אָרדענונג. ס'איז גראָד געווען ערב דער קאָנפערענץ פאַר יידישער קולטור אין ירושלים, וווהין כ'האָב זיך געגרייט צו פאָרן. כ'האָב פאַרטריבן די שלעכטע געדאַנקען, באַגלייטע מיט אַ געפיל פון נישט־זיכערקייט, און זיך געגרייט אין פריידיקן פיבער פון אַן ערב יום־טוב.

אין אַ פרימאָרגן כאַפּ איך זיך אויף מיט אַ שטאַרק האַרצקלאַפּן און עס דעקן זיך אָפּ פאַר מיר בילדער, געמאָלן פון דעם טונקעלן, מיסטעריעזן קינסטלער־פענדזל, וואָס רופט זיך קאָשמאַר. איך זע אַ צימער מיט בעטן און אומבאַקאַנטע פרויען, ס'איז מיר עפּעס אַזוי אומהיימלעך, אַז כ'וויל אַנטלויפן... איך ליג אָבער איינגעקאָוועט אין אַ באַרג פאַרפרוירענעם שניי ביז איבער דער ברוסט און בין אַזוי איינגעקלעמט, ביז צום פאַרפעלן אָטעם. ס'איז מיר נישט געווען שווער צו זיין מיין אייגענער פותר־חלום. בעטן, — דאָס שמעקט מיט קראַנק זיין, שפּיטאָל. און כ'האָב זיך נישט טועה געווען, ווייל צווישן חלום און וואָר איז נישטאָ קיין סאָלידע גרענעץ, נייערט שטאַפּלען און אַ געמיש פון סימבאָלן, וואָס דער שכל נעמט אויף און מאַכט זיינע פאַרגלייך־חשבונות. כ'וועל זיין געוואַגט און זאָגן, אַז טעאָריעס וועגן חלום קאָנען אונדז ווייניקער איבערצייגן ווי אייגן־איבערגעלעבטע דערפאַרונגען, וואָס קומען אין דער אָפּטיק־פּערספּעקטיוו פון חלום אַריין אין אונדזערע ד' אמות. נאָר, פאַר וואָס דאָס געשעט און וואָס פאַר אַ כישוף־מאַכער שפּילט זיי פאַר אונדז אויס, איז מען, דאַכט זיך נאָך נישט געקומען צו דער דערקענטעניש. מען קאָן דאָס אָנרופן מיט נעמען: פאַטאַליטעט, גורל־באַשערטקייט. איין זאַך איז אָבער זיכער, אַז נישט דער ווערבאַליזם אָדער דער גלויבן אין באַשערטקייט שפּילט דאָ אַ ראָלע, נייערט, ווי שוין אויבן געזאָגט, דאָס מוז אויסגעלעבט ווערן אין דער וואָר, ווי דורך אַ דעקרעט פון עמעצן באַשטימט און געשטעמפּלט... ס'איז פּונקט ווי אַ רויבער וואָלט זיך אַריינגעריסן מיט קונציקע מיטלען, אַרויפגעוואָרפן אויף דיר אַ היפּנאָטישע מאַסקע פון שלאָף, כדי דו זאָלסט זיך נישט קאָנען ווערן.

פאַראַן אַ ווערטל־פראַגע: „וואָס וואָלט ביים מענטש טייערער געווען פון שלאָף, ווען ס'זאָלן נישט זיין די בייזע חלומות?".

**
*

דער פרימאָרגן איז קלאָר. ס'איז אויך קלאָר אין מיין קאָפּ. איך געפין זיך אין אַמבולאַנס, וואָס פירט מיך צום נאָענטסטן שפיטאָל. עס נעמען שעהען ביז איך באַקום מיין בעטל אין אַ שותפות־צימער מיט נאָך אַ פרוי. איך קוק אָן מיין שכנה, זי זעט מיר אויס צו זיין מער אויף יענער זייט ווי אויף דער. איך לייג מיך אין בעט אַ געפּרוּוירענע, כאָטש דער טאָג איז אַ הייסער, אַן אויגוסט־טאָג. אַ מאָדנע, נישט־פאַרשטענדלעכע רו נעמט מיך אַרום. — ס'קאָן זיין, אַז די דערוואַרטונג אויפן שלעכטס איז פּיינלעכער ווי ווען מען קומט מיט דעם אין באַרירונג. אין צימער איז ליכטיק און איך ליג ביים פענצטער, ווי אין דער היים. עס דאַכט מיר, אַז מיין קערפּער הייבט אָן באַקומען די נאָרמאַלע טעמפּעראַטור. איך בין צופרידן, וואָס מען פאַרעט זיך אַרום מיר. דאָס זענען יונגע פרויען אין ווייסע פאַרטעכער. אַ טייל פון זיי זענען סטודענטינס, וואָס אַרבעטן דאָ ווי פאַרטרעטערינס אין די זומער־פעריען. עס דרייט זיך אַרום מיר אַ יונגער דאָקטער, אַן עקסטערן, (אַ פּראַקטיצירער) וואָס מעסט מיר גלייך דעם בלוטדרוק, דעם פּולס און נעמט בלוט אויף אַנאַליזן. אַ סימפּאַטישער יונגערמאַן מיט לאַנגע האָר און בלויע לייוונטענע הויזן, פון דער היפּי־מאָדע.

איך באַמערק ווי מען לויפט פיבערדיק צו מיין צימער־שכנה מיטן אָרעם־מעסטער און טערמאָמעטער. זי שלאָפט האַסטיק, פאַרשמאַכט. מען פירט דאָס אמבולאַנטע אַפּטייקל. דאָס ליכט בליצט אויף יעדעס מאָל, שטעכט די אויגן־לעדלעך, טראָגט דעם פאָרהאַנג וואָס טיילט אונדז פונאַנדער. דאָס געררויש און געקלאַפּ פון די רעדלעך און די טריטעלעך פון דער נאַכט־וועכטערין הילכן אָפּ, און איך פיל, אַז כ'בין אין שפּיטאָל.

**
*

די קראַנקע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אין גסיסה, האָט מען אָפּגעמינטערט. דער דאָקטער שטייט נעבן איר בעט און פרעגט: געדענקט איר,

וואָס איר האָט געטאָן איידער איר זענט געקומען אַהער? — ווי אַזוי איך בין געקומען אַהער ווייס איך נישט. איך געדענק אָבער איינס, אַז כ׳האָב געוואָלט מאַכן אַ סוף... ס׳מעסטל איז איבערגעלאָפן...

די פרוי פון אַריבער זיבעציק, האָט, זעט אויס, אַ געפּערלעכן נאָש געטאָן און אַראָפּגעשלונגען אַ גרויסע צאָל פּאַסטילקעס פון „עקוואַניל" (אַ באַרויִקונגס־מיטל פאַר נערוון). אַזוי ווי אין פראַנצייזיש איז דאָ אַ ווערטל: „קיינמאָל צוויי אָן דריי", וועט זי זיין געצוווּנגען דאָס צו טאָן אויך אַ דריט מאָל... אַזוי זאָגט זי. דאָס האָט איר מאַן איר געבערענגט צו דער גוואַלדטאַט איבער זיך. דער מאַן קומט נישט צו איר. זי האָט נישט קיין וועש און נישט קיין טואַלעטן־אַקסעסאַריעס. דאָס שפּיטאָל גיט איר דאָס סאַמע נייטיקע.

אין איינעם אַ טאָג באַווייזט זיך דער מאַן. איך ווייס שוין, אַז ער איז נאָענט צו די אַכציק. ער פרעגט איר פּרעמדלעך, וואַרטשנדיק, וואָס זי וויל. זי זאָגט אים בייזלעך, קוקנדיק אין אַ זייט: אַ נאַכטהעמד און אַ האַנטעך. ער קומט צו מאָרגנס, וואַרפט אַרויף אַ פּעקעלע אויפן בעט. זי וויקלט אויף, גרייט אָנצוטאָן דאָס נאַכטהעמד, איז עס גאָר אַ קאָמ־בינעזאָן... דאָס גאַנצע בלוט וואָס איז איר נאָך געבליבן גיט אַ פלייץ אין איר געזיכט. זי צעשרייט זיך אויף אים. ער שעמט זיך פאַר מיר און לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, ווי אַ באַליידיקט קינד.

די שפּיטאָל־אַסיסטענטין פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג פאַרשאַפט איר אַן אָפּרוהויז. איך ראָט איר זי זאָל נישט צוריקקומען צו זיך אַהיים, נאָר זיך איינאָרדענען אין אַ הויז פאַר עלטערע מענטשן. די רעכט אויף איר מאַטעריעלן טייל פון איר היים וועט אַן אַדוואָקאַט אויסגלייכן. לויט דעם, וואָס זי דערציילט, באַקומט זיך, אַז דער מאַן האָט נישט ליב זיין היים — מסתמא אויך נישט דאָס ווייב... זי רעדט צו מיר און וויינט. איך פיל ווי אַ האַרטער בלאָק שמעלצט זיך אין איר דורך די טרערן, ווי פראָ־וואָצירט היפּנאָטיש דורך אַן אַ אַראָפּרעד דורך פּסיכאָאַנאַליז.

אָט ליגט שוין אַ צווייטע קראַנקע נעבן מיר. דער מאַן לייגט

אַוועק אירע זאַכן אין שאַנק און העלפֿט איר פֿאַרנעמען ס׳בעט. ער זאָגט, אַז ביי איר איז קאַליע דער געדאַנק.

דער דאָקטער־היפּי שטייט ביי איר בעט, שטעלט איר פֿראַגן. ווען ער פֿרעגט ביי איר ווי אַלט זי איז — שמייכלט זי... זי געדענקט נישט... יאָ, זי דערמאָנט זיך: 76 יאָר. איר געדאַנק גייט לאַנגזאַם, ברעכט זיך. זי איז נאָך ביי די צייטן פֿון פּרעזידענט פּאָמפּידו... ווער ס׳איז דער פּרעמיער־מיניסטער? ענטפֿערט זי ריכטיק — שיראַק.

ס׳איז פּיינלעך צו אָבסערווירן אַ מענטשן, וואָס וויל אַנטלויפֿן און קאָן נישט. עטלעכע מאָל אין טאָג שטופּט זי אַרויס אירע שווערע פֿיס מיט אַ האַלבן קערפּער פֿון בעט. יעדעס מאָל קלינג איך, רוף די פֿלעגעריך, זי רופֿט צו הילף אַ מאַן און מען לייגט זי צוריק. ביי נאַכט האָט מען פֿאַרצוימט איר בעט מיט שטאַנגען־ווענטלעך זי זאָל נישט אַרויספֿאַלן. אַ גאַנצע נאַכט האָט זי גערעדט, געפֿרעגט: „פֿאַר וואָס האָט מען מיך פֿאַרשפּאַרט אין אַ תּפֿיסה?״.

צו מאָרגנס האָט מען זי געפֿונען מיטן קאָפּ אין דער פֿאַרקערטער זייט פֿון בעט. איר מצב האָט זיך גאַלאָפּירנדיק פֿאַרערגערט. זי האָט אָנגעהויבן שלאָפֿן ביי טאָג און ביי נאַכט ס׳איז געווען דער אָנהייב פֿון איר אייביקן שלאָף. מיין אויסטראַכטנדיקער פּראָגנאָז איז נישט געווען קיין פֿאַלשער. דער מאַן אירער איז אַ פֿאַרפּלאָנטער צוריקגעקומען פֿון דאָקטער, איר אַ קוש געטאָן און געלאָפֿן אָנזאָגן דער משפּחה... די קראַנקע איז געווען שיין. איר ראָזע, לעבעדיקע פֿאַרב האָט געקאָנט אָפּנאַרן. אין איר גוססדיקן צושטאַנד האָט מען איר נאָך געמאַכט ראַדיאָס, זי גרינטלעך אונטערזוכט. דער בלוי־אויגיקער פּראַקטיקאַנט האָט דערוואָרבן אינטערעסאַנטע לעקציעס פֿאַר זיין פּראַקטיק. זיין קאָפּ איז געווען נאָענט צו איר געזיכט. ער האָט אַרומגעפֿינגערט איר האַלדז און נאַקן, באַוויגן איר קאָפּ, געדריקט אויף די האַלדז־דריזן און באַרירט אַלע טיילן פֿון איר שוין כמעט־טויטן קערפּער, ווי ער וואָלט געעסקולפּט אַ סטאַטוע מיט אַ מעדיציניש־קינסטלערישער אחריות און צאַרטקייט. כ׳האָב נאָך קיין מאָל נישט געזען אַזוי פֿאַמיליאַר און איבערטענסיוו אַ דאָקטער ביי זיין פּראַקטיק, ווי ביי אָט דעם מענטש, וואָס האָט

געהאַלטן נאָענט צום סוף. ער איז געבליבן דער לעצטער צו גיין עסן מיטאָג. איך האָב געטראַכט וועגן דער דימענסיע פון ליבשאַפט צום מיטמענטש. ער, אָט דער יונגער דאָקטער, וועט שענקען דער מעדיצין גאָלדענע מטבעות...

***

כ׳האָב געטראַכט מכוח די באַגרינדעטע וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונגען, פאַרשריבענע פון מעדיציניש עדות: וועגן פאַלן פון טיף־פאַרחלשטע, וואָס מען האָט שוין געהאַלטן פאַר טויט, און אַז עס איז געלונגען וועמען פון זיי צוריקצוברענגען צום לעבן, האָבן זיי שפּעטער איבערגעגעבן די געפילן פון יציאת־נשמה אין אַ שטויגנדיק־פאַנטאַסטישן פלי. אויס חומר, אויס ווייטיק. גלייך זיי וואָלטן געווען אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ מאַגנעטישן כוח פון היפנאָז. די מענטשן פון די באַשריבענע פאַקטן, וואָס זענען באַקאַנט פון דער וויסנשאַפט, האָבן שפּעטער באַדויערט, הלמאי מ׳האָט זיי באַרויבט דעם ווילגעפיל און זיי צוריקגעברענגט צום לעבן.

איז מיר איינגעפאַלן, אַז עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט ווען מען וואָלט זי געקאָנט אויפלעבן, כדי זי זאָל דערציילן וואָס זי האָט געפילט אין דעם ערב־תהום. אָבער ביי איר איז שוין דער מוח געווען אין גאַנצן טעמפּ, וויל ווען מען האָט זי געברענגט אין שפּיטאָל, האָבן שוין די מוח־שרייפלעך נישט געאַרבעט נאָרמאַל, געווען לויז...

***

כ׳האָב געוווּסט, אַז איך דאַרף נאָך דורכמאַכן אַ ריי טעסטן. נאָר דאָס אַדורכלייכטן די בראָנכן, וואָס רופט זיך בראָנקאָסקאָפּיע, האָט מיך טיף געשראָקן און געפּייניקט. דער בלוי־אויגיקער דאָקטער, וואָס פאַרמאָגט אַזוי פיל פיינקייט פאַרן קראַנקן, ער, וואָס האָט זיך פאַרנומען אויך מיט מיר, האָט מיך געטרייסט און פאַרזיכערט, אַז ס׳איז שוין נישט ווי אַ מאָל און עס רופט זיך היינט „פיבראָסקאָפּיע״. ער האָט מיך פאַרזיכערט, אַז די כירורגיע האָט געמאַכט אַ גוואַלדיקן שפּרונג פאָראויס, און ר׳איז

געווען גערעכט. דער אַלטער אופן פון אַדורכלייכטן די אָטעם־וועגן, איז געווען אַזאַ אָפּקומעניש, ווי דאָס אַריבערשפּרייזן אַ תהום. היינט קאָן מען אָפּילו מאַכן די עקסטרעמע איבערטרייבונג, און זאָגן, אַז דער איצטיקער מעטאָד פון דעם קלינישן טעסט איז, כמעט, אַ פאַרגעניגן...

צו די צוויי וואָכן האָב איך פאַרלאָזט ס׳שפּיטאָל און געפאָרן אין אַן אָפּרוהויז. ווען כ׳האָב מיך געזעגנט מיט די קראַנקן־שוועסטערס און מיט דעם מעדיציינישן קאָרפּוס, ווען מען כ׳האָב באַגעגנט אין קאָרידאָר — האָט מען צו מיר געשמייכלט מיט קאָמפּלימענטן...

**
*

נישט ווייט פון פאַריז געפינט זיך דאָס הויז וווּהין כ׳בין געפאָרן אויף אָפּרו. די געביידע איז ווייט פונעם שטאָטצענטער. די אַרומגעצוימטקייט און איזאָלירטקייט פאַר די קאָנוואַלעסצענטן, זאָגט אויס שוין דעם כאַראַקטער פונעם הויז, וואָס איז אַן אַמעריקאַנער פונדאַציע, בשותפות מיט ראָטשילדן. ס׳איז סאָליד, גרויס און פאַרמאָגט קאָמפאָרט. אינעם גרויסן שטח פון פאַרק, קאָן מען אָפּילו מיד ווערן שפּאַצירנדיק. פאַראַן אָבער אַ וואַלד מיט בענק; אויך אין דער פאָדערשטער אַלעע, ביים אַריינגאַנג און אַרויסגאַנג, זענען אויסגעשטעלט בענק פאַר די אָפּרוער און זייערע באַזוכערס.

איך האָב באַקומען אַ צימער פאַר צוויי פּערזאָן. איבער איין בעט איז געשטאַנען — אויף אַ ספּעציעל־איינגעאָרדנטער פּאָליצע, אַ פלעשל מיט זויערשטאָף. ס׳איז מיר געוואָרן אומהיימלעך. דאָס שמעקט דאָך מיט שפּיטאָל. די קראַנקן־שוועסטער האָט מיר געזאָגט, אַז איך קאָן נעמען וועלכע זייט עס געפעלט מיר, די ביים פענצטער אָדער ביים אַריינגאַנג. ווי מיין געוווינהייט איז, האָב איך טאַקע פאַרנומען די זייט פון פענצטער. מען האָט מיר גלייך געזאָגט, אַז היינט קומט מיין מיטוווינערין. מיין מאַן האָט מיר געהאָלפן זיך איינאָרדענען. פאַר נאַכט האָט מען אַריינגעפירט אַ יונגע פרוי, וואָס האָט באַקומען אַ דין רערל אין

דער נאָז אַריין, פון וואַנען זי האָט געעטעמט מיט דעם זויערשטאָף, וואָס איבער איר בעט.

איך האָב געפרעגט די קראַנקן־שוועסטער צי איך בין אין אַן אָפּרו־הויז. — ניין! האָב איך באַקומען אַן ענטפער, פון דאַנען דאַרף מען ערשט פאָרן אין אַן אָפּרוהויז. דאָס איז אַ שפּיטאָל. — האָב איך געזאָגט — הייסט עס, אַז איר מאַכט דאָ אויך טעסטן מיט אַנאַליזן?

דאָס האָט מיך שטאַרק צעטומלט. ווידער בין איך אַריינגעפאַלן אין אַ קעסלגרוב פון לאַבאָראַטאָרישע עקספּערימענטן און ווידער אין אַ סבי־בה פון קראַנקע.

**
*

ס׳איז אין מיטן חודש אויגוסט, ס׳איז ליכטיק און גרין. איך בין צו־פרידן, וואָס איך דאַרף כאָטש נישט ליגן. אויסגערוט זיך, נעם איך זיך דעם ערשטן פאַרגעניגן פון אַ שפּאַציר. איך הייב מיך אָן באַקענען מיט אַלע ווינקלען פון גרויסן פּאַרק, וואָס אַרום דעם שפּיטאָל־בנין. דאָ באַ־מערק איך, אַז אויפן גרויסן שטח זענען פאַראַן פּריוואַטע הייזער, קלענערע און גרעסערע פּאַוויליאָנען. אין די דאָזיקע הייזער — בין איך שפּעטער געוווּיער געוואָרן, וווינען דאָקטוירים, וואָס אַרבעטן דאָ, אויך אַ טייל פונעם שפּיטאָל־פּערסאָנאַל. אָט שטייט אַן אַמבולאַנס. אינעם גאַנג פון די טעג און דער עיקר פון די נעכט, האָב איך גוט אָפּגעפילט דעם לויף פון אַמבולאַנס, וואָס האָט געוועקט ווי אַלאַרם־סיגנאַלן. איך האָב מיך אַרומגעזען, אַז מיין צימער איז אין דער נאָענט פון דעם ווייזשילדל: „דרינגענדיקע הארצפאַלן". פלעג איך טאַקע ווערן איבערגעוועקט פון אַ געלויף אינעם לאַנגן קאָרידאָר און פון דעם רעדלען די אַמבולאַנטע אַפּטייקלעך. עס האָבן מיך געריירט ביז גאָר די דאָזיקע ערנסטע רעטונגס־אַקציעס. זעט אויס, אַז נאָר אויפן שפּיטאָלפּראָגנט פילט מען ווי דעם מענטשנס לעבן איז טייער, נאָר דאָ פילט מען די האַרמאָניע פון דעם דאָזיקן ענגן אוניווערס. דאָ פאַרגעסט מען אין דער גרויסקייט־מאַניע, אין דער גאווה, וואָס הערשט אין דער דרויסנדיקער וועלט. אין נאָרמאַלן

לעבן איז מען שוין אַזוי צוגעווינט צו ברידערמאָרד, צו גענגסטעריזם און מלחמות, אַז דער מענטש איז בכלל אַנטווערטיקט. אין דער אויסערלעכער קראַנקער וועלט ווערט פאַרשוועכט ביים מענטש די גרענעץ פון מענטש־לעכן דואַליזם פון גוטס און שלעכטס.

אויך די רעליגיעזע דאָגמעס האָבן וויזט אויס באַנקראָטירט; די עטיש־רעליגיעזע ווערטן האָבן זיך נישט אַנגענומען אין דער וועלט, זיי זענען פאַרלעצט פון שוין אַ צו גרויסן טייל פון דער מענטשהייט. נישט גאָט אין האַרצן, מענטש אין האַרצן! וואָס שייך די רעליגיעזע היעראַרכיע, גייט זי נישט אַרויס פון איר באַגרענעצטן קרייז, וואָס שרומפּט איין אַנטקעגן דער מאָדערנער וויסנשאַפט, וואָס דינט דער עיקר די נייסטע סיסטעמען פון מענטשנמאָרד און פאַרניכטונג. דאָ קאָנצענטרירט זיך די אידענטיפיקאַציע פון מענטש צו מענטש.

***

נאָך אַזעלכע שלאָפלאָזע נעכט, זענען אויך די טעג נישט געווען קיין לייכטע. מיין שכנה האָט לייכט־דרעמלענדיק געקרעכצט, זי פלעגט זיך אויפזעצן און זיך האַלטן ביים קאָפּ. איך האָב איר געראַטן, זי זאָל אַ רוף טאָן אַ קראַנקן־שוועסטער, נאָר זי האָט זיך דערפון אָפּגעהאַלטן, ווייל זי האָט שוין געהאַט באַקומען אַ גענוג רייכע דאָזע מעדיקאַמענטן און איינ־שפּריצונגען... כ'האָב זי געפרעגט צי זי האָט שוין געפּרווט לייגן הייסע קאָמפּרעסן. (אין דער היים האָט איר מאַן געלייגט קאַלטע קאָמפּרעסן). ניין, זי קאָן נישט דאָס מיטל. ווי געשטויסן פון הייל־כוח בין איך אַראָפּ פון בעט, גענומען אירע טואַלעט־הענטשקעס און איר געלייגט קאָכעדיקע קאָמפּרעסן מיט אַ שנעלקייט, זי זאָל נישט פילן די פויזע פון לויפן צום קראַן ביז צום בעט. די צענטראַלע באַהייצונג איז דעם גאַנצן זומער אַנגע־שטעלט אויף מינימום, נאָר דאָס וואַסער אין די קראַנען איז גענוג הייס. נאָך אַ צאָל קאָמפּרעסן האָט זי אַ זאָג געטאָן: „גענוג, ס'איז אַריבער!". זי האָט צו מיר געשמייכלט מיט אַ דאַנקעוודיקן בליק, אין וועלכן איך האָב אויך געזען קינאה צו מיין באַוועגלעכקייט. מיינע האַנטפלאַכן זענען

געוועזן רויט און האָבן מיך געבריט. מיין זשעסט לגבי מיין שכנה איז אפשר אויך געווען אַ רעזולטאַט פון דער איבערגעגעבנקייט פון דעם פּערסאָנאַל, וואָרעם אַט דער טייל פונעם פאַקולטעט פון אומדירעקטע, צופעליקע הומאַניסטישע לעקציעס, באַווירקט אויך די קראַנקע. אין די אינדערפריען — נאָך טומלדיקע נעכט — גלוסט זיך נישט צו גיין פריש־טיקן אין עסצימער. אָבער האַלב אָכט קלאַפּן שוין די טירן, באַוועגן די דרעמלענדיקע מידקייט און די ווייסע פאַרטעכער דרייען זיך און פאַר־צייכענען די טעמפּעראַטור, ביז איך וואַך געוואָרן, געקומען צו זיך.

דער בעסטער טייל פון שפּיטאָל־לעבן איז פאַרשטענדלעך דאָס שפּאַצירן אין דעם גוט געפלעגטן פּאַרק; דאָס צוזעצן זיך אויף אַ באַנק, לייענען אָדער אָנוואַרפן שורות געדאַנקען, וואָס האָבן זיך געבעטן אויס־צולאָזן. מיין נישט קאָנען פאָרן אויף דער ירושלימער קאָנפערענץ, האָט געקראַנקט פאַרגיטיקונג דורך אַ רייכער קאָרעספּאָנדענץ פון אַנטוישטע קאָלעגן און פריינד וואָס האָבן מיך דאָרט דערוואַרט. אין צימער בין איך געווען געשטערט פון די אָפטע וויזיטן ביי מיין שכנה און באַזונדערס פון דעם שטאַרקן ריח פון שוויס, וואָס די יונגע פרוי האָט אויסגעטיילט פון זיך. מיר האָבן קעגנזייטיק געפילט, אַז מיר שטערן איינע דער צוויי־טער. דער עיקר האָב איך זיך געפילט איבעריק, ווען מאַן און ווייבס אינ־טימקייט האָט זיך באַגרענעצט אין איינשליסן זייערע פינגער איינסאַנדער.

די וויזיטן ביי מיר זענען געווען זעלטענערע און איך האָב מיינע באַזוכערס אויפגענומען אין פּאַרק אויף אַ באַנק אָדער אויף אַ שפּאַציר.

אין איינעם אַ טאָג איז מיין אויער געווען אָנגעשטעלט אויפן דאָק־טערס וויזיט אין אונדזער קאָרידאָר.

אונדזערע פאַרטער־פענצטער פאַרמאָגן װענעציאַנער ראָלעטן. איין ראָלעט נעבן מיין בעט פאַרהאַקט זיך יעדעס מאָל אין מיטן אַראָפּלויף, און מען מוז אָנקומען צו אַ שטאַרקער האַנט, דער עיקר — ביים אַראָפּ־ציען. איך מוז מיך אויסהיטן פון זון־בעז׳ער און די זון — מיר צו להכעיס — צעלייגט זיך גאָר אין דער לענג און אין דער ברייט אויף מיין געלעגער.

מאַכט זיך פּלוצעם אויף די טיר און עס באַווייזט זיך אַ שוואַרצער שויבער פון אַ מאַן. ער פּלאָנטערט מיט דער צונג עפּעס אַ נאָמען. ער אַנטשולדיקט זיך, ר'איז שלעכט אינפאָרמירט; ער האָט געמיינט, אַז אין דעם צימער וווינט זיינס אַ חבר'... איך ניץ אויס זיין טעות און בעט אים אַראָפּציען דעם ראָלעט. ער טוט דאָס גערן, מאַנדרעווועט אַ פּופּצן מינוט און דער ראָלעט פאַלט. ער פּרוּווט אים אויס און דער ראָלעט גליטשט זיך ווי אויף געשמירטע רעדלעך. דער יונגרעמאַן זעט אויס צו האָבן זיך פאַרמאַטערט און איך בעט אים אַ ווײַלע זיך צוזעצן. ער נעמט דאָס אָן ווי אַ פאַרגיטיקונג פאַר זיין אָנשטרענג. דערוויס איך זיך, אַז ער איז ז'אַ אויך אַ פּענסיאָנער און איז געקומען זען זיינס אַ חבר... ס'איז מיר שווער אים צו פאַרשטיין, כאָטש אים דאַכט זיך, אַז ער רעדט פראַנ־צייזיש, אין דער אמתן איז עס מער יוגאָסלאַוויש... מען דאַרף אים נישט בעטן רעדן. ער זאָגט, אַז ס'איז אים געשען אַ מאַלער, ער איז אַראָפּגע־פאַלן פון אַ רושטאָוואַניע און צעשעדיקט עטלעכע ריפּן. ס'איז אים שוין שווער צוריקצונעמען זיך צום פאַך, זיין געזונט דערלויבט אים דאָס נישט מער. ער קען מאַכן לייכטע שטוב־אַרבעטן, אָבער דערווייל מוז ער נאָך רוען — דער עיקר וואָלט ער וועלן חתונה האָבן...

הינטער דער טיר האָט זיך שוין געהערט אַ שטאַרק גערייד. ס'זענען אַריינגעקומען צוויי דאָקטוירים, וואָס באַזוכן אונדז אין דער באַגלייטונג פון אַ קראַנקן־שוועסטער. דער יוגאָסלאַוו האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון צימער.

ביידע דאָקטוירים, ד"ר גאָטיע און ד"ר ל'עטיניע, האָבן זיך אָפּגע־שטעלט ביי מיין שכנה'ס בעט און געהייסן דער קראַנקן־שוועסטער איר איבערחזרן די זעלבע רפואות.

אויף מיין בעט איז געלעגן אַ יידיש בוך און ווי שטענדיק האָבן זיך אַרומגעדרייט אַרום מיר יידישע זשורנאַלן פון דער וועלט. יעדער פון די צוויי דאָקטוירים האָט זיך מער פאַרנומען מיטן יידישן דרוק ווי מיט מיר... ביידע האָבן גענומען אַ זשורנאַל און גלייך איבערגע־קערט... אַלע גויים זענען „געלינקט" אויף אונדזערע פּירקאַנטיקע

אותיות און לייענען זיי פאַרקערט... ווייזט אויס, אַז עס רופט ביי זיי אַרויס אַן אָפּטישע דעפאָרמאַציע, דעריבער מוזן זיי דאָס נעמען פאַר־דרייט... זיי האָבן געשמייכלט און געפרעגט צי איך קאָן דאָס לייענען און געשטוינט אויף די מאָדנע „היעראָגליפן".

— כ'האָב אייך היינט געזען שפּאַצירן — האָט דער ייִנגערער דאָק־טער געזאָגט צו מיר אַ צופרידענער. ער האָט אויסגעזען אין דער זעלבער עלטער, ווי מיין טאָכטער, איך האָב שמייכלענדיק אַרויפגעלייגט מיין ווייז־פינגער, וואָס מען ניצט אויך פאַרן שטראָפּפינגער צו אַ קינד, צוגע־שטעלט אים אויפן מיט נאָז און מויל און געענטפערט: „איר שפּיאָנירט מיך נאָך, דאָקטער! ס'איז גוט אַזוי, האָב איך צוגעגעבן, איך העלף אייך פאַרבעסערן מיין געזונט". — „זעצט פאַר אַזוי" — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ שמייכל, קוקנדיק כסדר אויפן יידישן דרוק.

דאָס דאָזיקע אָבסערווירן די פיזישע באַוועגלעכקייט אָדער פאַר־גליווערטקייט פון קראַנקן איז אַ פּסיכאָלאָגישער פאַקטאָר צו דער דער־קענטעניש, אַ לעקציע. דער מענטש פאַר זיך אַליין איז דאָך אַ טעריטאָריע מיט געהיימע גרענעצן. געפעלט מיר שטאַרק דער רואה ואינו נראה. אַ דאָקטער לערנט אַ סך פון זיינע פּאַציענטן. די פּראַקטישע אָנווענדונג פון דער מעדיצין איז נאָך ווייט נישט גענוג פאַרן קראַנקן, קומען אָפט פון די פּאַציענטן אַליין הילפמיטלען, וועלכע די דאָקטוירים נעמען אויף און דאָס באַרייכערט כסדר די פּסיכאָ־סאָמאַטישע טעראַפּיע.

יעדער מענטש קאָן עפּעס לערנען פונעם צווייטן, אויך פון אַ קלע־נערן פון זיך, אַפילו פון אַ קינד. האָט דאָך דער גריכישער פילאָסאָף דיאָגענעס, וואָס האָט געלעבט אין אַ פאַס, געלערנט פון אַ קינד טרינקען פון די הענט־שיסעלעך און אַוועקגעוואָרפן זיין שאָל...

**
*

כ'האָב בייגעוווינט ביי דער פרוי דוגע, מיין בעט־שכנה, אַן עלעק־טראָקאַרדיאָגראַם. ס'איז איר נישט געגאַנגען גוט. זי האָט נישט גע־קאָנט אַראָפּגיין פון בעט; איר אָטעם איז געוואָרן צו גאַליפּירנדיק, האָט

מען איר דערפֿאַר געפּרוּווט ס'האַרץ אָפּטער. כ'האָב אָבסערווירט די שריפֿט פֿונעם אַזוי אינטערעסאַנטן עלעקטראַנישן מאַשינדל, וואָס פֿאַר־צייכנט די ריטעם־נאָטן פֿונעם האַרץ. איך האָב געקוקט אויפֿן באַנד — אמת, ווי אַ פּראָפֿאַן, אָבער די נישט־רעגולערע שריפֿט האָט מיך באַ־אומרואיקט. די זיגזאַגן זענען איבערגעריסן געוואָרן מיט לענגערע האָ־ריזאָנטאַלע שטריכן. די קראַנקן־שוועסטער ביי טאָג און די נאַכטוועכטער ביי נאַכט זענען אָפּט געלאָפֿן צו איר, געמאָסטן דעם בלוטדרוק, געגעבן רפֿואות, געפּרוּווט איר בלוט פֿון דער פֿאַכווע און די צוויי דאָקטוירים, ל'עטיני און גאָטיע, האָבן זי אָפּט באַזוכט.

אין אַ נאָכמיטאָג, ווען דער מאַן, איר מוטער און שוויגער זענען געקומען אויף אַ באַזוך צו איר און מיטגעברענגט, ווי שטענדיק, בלומען, נאַשערייען און אַ פֿלאַש מילך, האָט זי זיך באַקלאָגט, אַז זי קאָן נישט עסן. פֿאַר נאַכט איז דער ד"ר ל'עטיני אַריינגעקומען. ווען די משפּחה איז אַרויס אין קאָרידאָר, האָט ער געזאָגט דער קראַנקער, אַז זי מוז צוריקגיין אין שפּיטאָל אַריין פֿון וואַנען זי איז אַהערגעקומען. מען וועט איר דאָרט געבן הילף, גיכער ווי דאָ. די קראַנקע האָט זיך ספּאַזמאַטיש צעהעשעט. דער דאָקטער, וואָס איז נאָך געווען נאָענט פֿון דער טיר, איז צוריק אַריין און געזאָגט קורץ און טרוקן: „נאָר נישט קיין נאַרישקייטן, מען גרייט פֿאַר אייך אַן אומבולאַנס".

זי איז שטיל געוואָרן ווי פֿאַרשעמט. די משפּחה איז אַ צעטומלטע צוריק אַריין אין צימער, אָבער די טרערן האָבן זיך נישט געלאָזט האָ־מעוּוען. אונטער דער ווירקונג פֿון די טרייסטרייד און צערטלעכקייט פֿון אירע נאָענטע, האָט זי זיך באַרואיקט, און ווען דער מאַן האָט געהאַט גרייט די וואַליזקע, איז שוין געווען די שעה פֿון אָוונטברויט. אויך איך האָב איר געגעבן אַ טרייסטנדיקן קוש אין שטערן און בין אַ צערודערטע אַוועק אין עסצימער.

ס'צעוואָרפֿענע ליידיקע בעט האָט מיך אַרויסגעיאָגט פֿון צימער. דער אָוונט איז געווען מילד און אָנגענעם, בין איך אַרויס זיך אַרומ־צודרייען אויף דער אַספֿאַלטענער אַלעע. כ'בין איצט געווען די איינציקע

נאַכט־וואַנדלערין. אַ וואָרעם וויבטל האָט געפּרוּווט אַראָפּפּעכערן פון מיר די שווערע שטימונג. פון די ליכטיקע פענצטער האָבן זיך געטראָגן טעלע־וויזיע־טענער אין וועלכע ס׳האָט זיך אַריינגעריסן אַ יאָמערלעכער, אויס־געצויגענער קרעכץ פון אַ קראַנקן, ווערמען מ׳קאָן שוין מסתמא נישט איינשטילן און וואָס איז מיר שוין באַקאַנט געוועזן עטלעכע טעג. ס׳האָט געקלונגען אין מיינע אויערן ווי אַ לייטמאָטיוו, וואָס באַגלייט די פּאָלי־פאָניע פון מענטשלעכע ווייטאָג־קלאַנגען...

ס׳איז מיר איינגעפאַלן, אַז מיט דער צושטימונג פון די סאַמע נאָענטסטע מעג אַ דאָקטער מאַכן אַ סוף צו די ליידן פון אַ שטאַרבנדיקן מענטש, מחמת די מעדיצין האָט נישט קיין שום אַנדערע עצה. אין אַזאַ פאַל גיט מען אַ ריכטיקע דאָזע מאָרפין, כדי אים פון די ליידן צו באַפרייען. אָט טאַקע דער זעלביקער מענטש, וועמענס פאַרצווייפלטער קרעכץ בויערט די אויערן...

עס איז מיר שוין אויסגעקומען צו הערן פון קריסטלעכע פּרעדיקער, אַז גאָטס באַשאַף מוז מען לאָזן אַזוי לאַנג ביז ער נעמט אים צו זיך, צו דער אומענדלעכקייט. און אַזוי איז דאָך אויך געניינט די יידישע רעלי־גיע. וואָס זשע טוט מען צו די מוראדיקע יסורים פון עלטערן, וואָס זייערס אַן אומנאָרמאַל קינד איז אַ פּערמאַנענטער אומגליק פאַר דער גאַנצער משפחה און נישט ווייניקער פאַר דער געזעלשאַפט?

מיר זענען דאָך אַלע פאַר דעם הייליקן פּרינציפּ פון: „נישט טייטן!" אָבער דער דאָזיקער צוגאַנג פון לאָזן ליידן, איז, דוכט מיר, אַן אומ־מענטשלעכער און דעריבער אויך אַ גאַטלאָזער!!!

איך האָב איצט געטראַכט, ווי אין טראַנס פון פיבער: אויב די מאָס פון דער העכסטער פּאָזיציע לגבי דעם מענטשס לעבן איז מאָראַל, פאַר וואָס זשע פאַבריצירט מען אַזוי פיל מלחמה־מכשירים און מען הרגעט אויס יונגע און געזונטע קינדער?

פאַר וואָס זשע מלחמות?!

אומבאַמערקט פון דער נאַכט־וועכטערין בין איך שטיל אַריין אין

מיין פּאַרטער־צימער, אַראָפּגעשלונגען אַ פּאַסטילקע צום שלאָפֿן און זיך געלייגט. דער ערשטער היפּנאָטישער שלאָף איז געווען קורץ, עס האָט זיך מיר פֿאַר יעדן פֿאַל אַזוי אויסגעוויזן. דער קאָרידאָר איז ווידער געוואָרן טומלדיק. אַ גלעקל האָט מיט קורצע איבעררייסן געקלונגען און זיך פֿאַרגאַנגען אין אַן אויסגעצויגענעם אַלאַרעם. די שיכלעך פֿון די נאַכט פֿלעגערינס האָבן אָפּגעהילכט אין קאָרידאָר. כ׳האָב אָנגעצונדן די ליכט איבער מיין בעט. דער זייגער איז געווען איינס. איך האָב געפּרוווט לייענען, אָבער מיינע געדאַנקען האָבן צעריסן דעם קאָנטאַקט מיטן בוך. די לעצטע סצענע פֿון מיין שכנה מיט דעם ערנסטן געזעגענונג־פּירוואָרף צו דער פֿאַרצווייפֿלטער קראַנקער, וואָס האָט געמוזט אַוודאי האָבן אַ ספּעציעלע טעכנישע באַהאַנדלונג, כדי איינצושטילן דאָס נישט־דיס־ציפּלינירטע האַרץ אירס, וואָס האָט געטריבן איר אָטעם, ווי אויסצוהאַלטן אַ קאָנקורס צו אַ געוועט־מעטע — האָט מיך נישט צורו געלאָזט. מיין געדאַנק האָט זיך גראָד פֿאַרקערעוועט נישט צום קראַנקן פּאַציענט, נייערט צום דאָקטער, וואָס וווינט אין דער אַרומצוימונג פֿון הויז און מוז צו יעדער רוף זיין גרייט צום דינסט.

עס איז מיר געקומען אויפֿן זינען אַנדרעי סוביראַנס ראָמאַן „די מענער אין ווייסע כאַלאַטן״. עס האָט זיך מיר געשטעלט פֿאַר די אויגן דער נאָבעלער, אַלטיטשקער דאָקטער דעלפֿיש, וואָס האָט געדינט זיינע דאָרפֿישע פּאַציענטן מיט טיפֿער פֿאַרשטענדעניש און געוויסן, און פֿאַר־לאַנגט די זעלבע מסירת־נפש פֿון דעם יונגן דאָקטער, זיין פֿאַרטרעטער. מיט די לעצטע כוחות פֿאָרט ער צו אַ געווינערין, וואָס וואַרפֿט זיך אין קראַמפּן פֿון געבורט. ער האָט נישט געקאָנט אָפּזאָגן דעם טעלעפֿאָן־רוף. ער פֿאָרט און ברענגט אַ מענטש אויף דער וועלט, אָבער אויפֿן וועג אַהיים אין זיין פּרימיטיווער „קאָטש״ גייט ער אויס. אָט אַזאַ מעדיציני־שע דינסטגרייטקייט שטייגט אַריבער אַלע מענטשלעכע ווערטן, דאָס הייסט געבן זיך אין גאַנצן! מען דאַרף טאַקע האָבן פֿאַרשטענדעניש פֿאַרן קראַנקנס עגאָאיזם, ווייל די ליידן באַצווינגען אים — אָבער גלייכצייטיק זיך באַזינען און פֿאַרגעבן דעם דאָקטערס אַ צוגעאיילטן וויזיט, אַ שנעלן זאָג, אָדער אַ פֿאַרשפּעטיקונג. האָט דאָך אַ דאָקטער אויך אַ פּריוואַט־לעבן,

אַ פֿאַמיליע און קינדער, און אויך ער דאַרף אָפּרו און צעשטרייטקייט פּונקט ווי יעדער מענטש, כדי ווידער צו זיין גרייט אויסצוהערן אַ גאַנצן טאָג יעדנס קרעכץ; גרייט זיין אָנצוכאַפּן די האַנט פון אַ טרינקענדיקן אין ים פון יסורים.

פּאַר טאָג בין איך איינגעשלאָפן. כ'האָב געפילט אַ לייכטן באַריר פון אַ האַנט און געזען נעבן מיר אַ ווייסן שמייכל פון אַ נעגער־פלעגערין מיטן טערמאָמעטער אין האַנט. איך האָב זיך געמוזט צוויילן צו גיין צום פרישטיק. דער זייגער איז געווען האַלב ניין.

דער סטאַנד פון צייטונגען און טעלעוויזיע־זשורנאַלן איז געווען באַלעבט. אין קאָרידאָר, אויפן וועג צום עסצימער, האָט אויך פונקציאָנירט דאָס קרעמל וווּ מען האָט געקאָנט באַקומען פאַרשיידענע טואַלעט־נוצלעכקייטן און זיסוואַרג, וואָס איז געווען אָפּן בלויז אין דער פרי, פון אַכט ביז ניין אַ זייגער.

די זון איז געקומען אַביסל שפּעטלעך. איך האָב נישט געוואָלט פאַר־פעלן מיין פרימאָרגן־שפּאַציר, ווייל דער טאָג איז אָפּט פאַרנומען מיט פאַרשיידענע טעסטן און איבונגען. כ'האָב מיך אויפגעמינטערט מיט אַ באָד־שפּריץ. די רוימערקעס זענען אַריינגעקומען מיט אַ שמייכלענדיקן יוגנט־פלאַטער. אויפגערוימט דאָס צימער, ריין געמאַכט דאָס לײדיקע בעט, גרייט פאַר אַ פרישער קאָנוואַלעסצענטין.

די לופט האָט געשמעקט מיט פייכטן וואַלד־ריח און מיט ערשטע געלע בלעטער פון ערב־האַרבסט. ביי מיינע ערשטע שפּאַצירטריט האָט מיך באַמערקט דער יוגאָסלאַוו, וואָס האָט ביי אונדז פאַרראָכטן דעם ראַלעט. אָט דער אמתער „דעוס עקס מאַכינאַ", וואָס האָט מיך אַרויס־גענומען פון אַ קוועל. ער האָט געוואָלט מיך באַגלייטן אויפן שפּאַציר און דער עיקר אויסן געווען צו רעדן... איך בין געווען שטאַרק מיד און דער יונגער מאַן פאַרקלאָפּט דעם קאָפּ מיט זיין יוגאָסלאַווישן פראַנ־צייזיש... האָב איך זיך אַנטשולדיקט, אַז איך מוז באַלד זיין אייף מיין אָטעם־סעאַנס ביים קינעסיסט און בין אַוועק.

אויף מיין ווייטערדיקן שפּאַציר אין די אלעען נישט ווייט פון די פּריוואַטע פּאַוויליאָנען, האָב איך באַגעגנט אַ מיידעלע פון אַ יאָר אַכט אָדער צען מיט אַ קאַץ אין אירע אָרעמס. דאָס מיידעלע איז געווען בלאָנד ווי פּרילינג און שיין פאַרקעמט מיט אַ שרונט אין דער מיט, וואָס האָט צעטיילט פון ביידע זייטן אויערן צוויי בינטלעך האָר ווי הערנערלעך, פאַרפלאָכטן מיט גרינע בלעטעלעך פון אַ געראַניום. די קאַץ האָט געהאַט אַ ווייסע פעל און ס׳נעזל האָט פאַרמאָגט אַ שוואַרץ פלעקל ווי אַ שיינהייט־פּעלער... אויך אירע לאַפּקעס זענען געווען פון שוואַרץ און ווייס ווי וועלורענע שיכלעך. אויפן האַלדז האָט זי געטראָגן אַ קייטל, וואָס האָט זיך נאָכגעשלעפּט ביז אויף דער ערד.

— ווי הייסטו מיידעלע? — מאַרילין. — און דו, קיצי־קעציניו? די קאַץ האָט אַרויסגעלאָזט אַ וויינענדיקן מיאַאַאאַ! דאָס קעצל פילט זיך נישט גוט — האָב איך געטראַכט און געזאָגט צו מאַרילין, וואָס האָט מיך באַגלייט צום שפּיטאָל: — „לאָז אַראָפּ דיין קאַץ, זי וועט נישט אַנטלויפן”.

הערנדיק דעם צאַרטן דיאַלאָג מיט דער קאַץ, האָט דאָס קינד מיך געפאָלגט. אָבער גלייך איז דאָס קעצל אַריין אינעם גרינס פון הינטער די פאַרטער־פענצטער פונעם שפּיטאָל, געשאַרעוועט מיט די אַנטענע־וואָנסעס, געלאָפן פון איין בינטל גראָז צום צווייטן, פאַרזוכט און אויס־געשפּיגן. ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און דאָס נעזל, וואָס איז ספּעציעל אַנטוויקלט פאַרן ריח, האָט געפונען איר גרעזל און געקייעט מיט הנאה די נייטיקע דאָזע צו איר פאַרדאַרבונג.

איך האָב דערווייל פאַרפירט אַ שמועס מיט מאַרילין און דערביי באַוואונדערט די געאָמעטרישע פּינקטלעכקייט פון איר שיין פאַרקעמטן קעפּל. — דו האָסט אַ פאָטער? — יאָ. — וואָס טוט ער? — ער איז דער שעפקוכער פון שפּיטאָל. — און דיין מוטער? זי איז די דיעטעטיקערין.

איך האָב זיך גאַרנישט געוווּנדערט. אַ מענטש וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ דרויסנדיקער אַרבעט, פאַרזעט, נישט ווילנדיק, און פאַרוואַרלאָזט די היימפליכטן. דווקא אין דער נאָענט פון דער הויז־חיה, האָט די דיע־

טעטיקערין נישט געוווסט אַז איר קאַץ איז פאַרדאַרבן — און אַ פרעמדע קאַנוואַלעסצענטין האָט דאָס צופעליק באַמערקט. ס׳קעצל איז צוריק־געקומען צו מאַרילין. זי האָט געפינטלט מיט די האָניק־אויגן, וואָס האָבן געבליאַסקעט ווי צוויי גאָלדענע מטבעות. איך האָב איר אַ גלעט געטאָן איבערן רוקן און זי האָט מיר אויסגעדריקט אַ דאַנק און אַ רייב־געטאָן איר פיסקל אין מיין קנעכל. —

דער מאָדערנער מענטש פאַרזוכט וואָס אַמאָל ווייניקער פון די נאַ־טירלעכע פלאַנצן און ווערט, וואָס אַ מאָל מער, פאַרשלונגען פון די לאַבאָראַטאָרישע מאַניפולאַציעס — האָב איך געטראַכט אין דער וועלט אַריין. אָבער דו, קעצעלע, שיינהייט, אַריסטאָקאַץ, דו קאָנסט לאַפּאַנטענס ווערטל: „יעדער ווייטיק געפינט זיך זיין נייטיקס... זיין רפואה אין דער נאַטור״...

***

דער וועג צום צימער, אין די לאַנגע קאָרידאָרן, וואָס לויפן אַוועק אין אַזאַ ווייטער פערספעקטיוו, אַז די טירן ווערן כמעט אָפּגעמעקט פון אונדזער וויזיע — איז אויך אַ שפּאַצירוועג פון טייל קאַנוואַלעסצענטן. עס גייט אַ פרוי אין מאַרגנראָק און פייפט זיך אונטער אַ ניגונדל... זי רופט ביי מיר אַרויס אַ צווייטן ניגון מיט אַ שמייכל. איך גיב מיר גלייך אָפּ אַ חשבון, אַז מיין שטימונג האָט זיך נישט בלויז אָפּגעפאַרבט פון דעם פייפערל פון דער פרוי, נייערט אויך פון האָבן היינט געהערט די הייזעריקע פרוי ביי מיין טיש רעדן מיט כמעט אַ נאָרמאַלן קלאַנג פון איר שטימע.

אַט זעט מען אַן אַלטיטשקע, וואָס גייט פּאַמעלעך, אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן און מיט דער צווייטער האַנט העלפט זי זיך אונטער מיט דער וואַנט. איך פאַרליר דעם ניגון מיטן שמייכל צוזאַמען. די פרוי קוקט אויף מיר, באַגריסט זיך און גיט אַ זאָג: ס׳איז אַ פאַרגעניגן צו זען ווי איר גייט נאָרמאַל און שנעל... דערמאָנט איך, באַבעשי, אַז איר זענט אויך

אַ מאָל אַזוי געגאַנגען, און אויך געלאָפן. ווי אַלט זענט איר באַבעשי? — 83 יאָר. איר זענט נאָך יונג! עס העלפט אָבער נישט צו ווען ווערן יינגער, ווילט בעסער זיין געזינטער און אין דעם זאָלט איר גלייבן, אַז מען וועט אייך דאָ העלפן — האָב איך די אַלטיטשקע פאַרזיכערט.

**
*

מיין דאַטע צו פאַרלאָזן דאָס הויז האָט זיך דערנענטערט. נאָכן אָפּזיין עטלעכע טעג אַליין אין צימער, איז דער דאָקטער גאָטיע געקומען אין אַ פרימאָרגן פון אָנהייב וואָך, באַגלייט פונעם שפּיטאָל־עסקאָרט מיט מיין קראַנקן־קאַרטע און מיר געמאָלדן די דאַטע פון מיין אַהיימגיין, — מיט־וואָך אָדער פרייטיק? — האָט ער געפרעגט. — ס'קאָן זיין מיטוואָך, צוויי טעג פאַרן חודש — האָב איך אָן וואַקלונגען געענטפערט. — אָן איבער־געלאָדענע מיט פרייד בין איך געלאָפן צום טעלעפאָן און איבערגעגעבן מיין מאַן, אַז ער זאָל קומען מיך אַהיימנעמען. כ'האָב איבערגעלעבט אַ געפיל ווי פון איבערוועקן זיך פון אַ קאָשמאַר. ס'איז מיך באַפאַלן אַזאַ גדולה, אַז כ'האָב מיך אַזש דערשראָקן פון דער איבערמאָס... ווייל פונקט ווי ס'איז נישט געזונט צופיל טרויער, אַזוי איז נישט גינציק צופיל פרייד.

די סעפּטעמבער־טעג האָבן זיך אָנגעהויבן אָנזען. ווען כ'האָב אַ קוק געגעבן אויף די אַראָפּגעפאַלענע בלעטער, אין אַלע ניואַנסירטע פאַרבן פון האַרבסט, האָט פּלוצעם אין מיר דורכגעריזלט אַ מעלאָדישער שטראָם: איינע פון די פיר סעזאָן־קאָמפּאָזיציעס פון וויוואַלדיס „האַרבסט"; די האַרבסט־סימפאָניע איז געווען אַ דירעקטער מעסאַזש, וואָס האָט זיך געטראָגן פון צוויי ריכטונגען, פון דרויסן און פון אינעווייניק... יאָ, דער הימל מעלקט זיך, די בלום וועלקט זיך און אַ ווינט מעג וואָגאַ־בונדעווען, מישן די קאָלירטע בלעטער ווי קאָנפעקטן צו אַ קוכן... דער טאָג איז נאָך גרויס און גאָט איז גרויס און אויב איר ווילט איז טאָג און גאָט — איינס, אַ געטלעכער אַנאַגראַם!

כ'האָב זיך קיין מאָל נישט אָפּגעגעבן מיט די סודות פון פּסיכאָ־

גראַפיע. פריער פון אַלץ ווירקט ביי מיר די אָבסערוואַציע, און אינטו־איציע באַגלייט מיין שכל.

צו די סודותדיקע געביטן פון וויסנשאַפטן געהערט אויך די קונסט פון כיראָמאַנטיע. אַ פרוי, וואָס האָט אין גאַנצן מיך געקענט עטלעכע שעה, האָט זיך באַרימט, אַז זי קען געניי די דאָזיקע קונסט. זי האָט ביי מיר אויסגענאַרט מיין האַנט, אַ קוק געטאָן אויף די ליניעס פון דער האַנטפלאַך און אַרויסגעלייענט: "אַן אַנטוויקלטן חוש פאַר קונסט". איך האָב געשטוינט און מיט מורא פאַר דער ווייט־זעערין אויף שלעכטע נביאות, האָב איך גלייך צוריקגעצויגן מיין האַנט.

אָט דער „אַנטוויקלטער חוש" האָט, ווייזט אויס, מיר אונטערגעזאָגט צו פאַרצייכענען די שפּיטאָל־איבערלעבונגען און דער עיקר — די אָב־סערוואַציעס. כ'האָב געוואָלט אַ קוק טאָן דורך דער פּריזמע פון דער מענטשלעכער נשמה; דערביי פּרוּוון אַרויספירן די קאָנפראָנטאַציע פון חלום מיט וואָר, ווייל די אַליין געלעבטע אמתן — מאַכן ליכטיקער אין מוח.

די פרייד פון לייענען

(אברהם סוצקעווער: „פון אַלטע און נײַע כתב־ידן״ און „לידער פון מיין טאָגבוך״)

רבי שלמה יצחק — רש״י — האָט אונדז געלאָזט אַ מאָטאָ: „קויף אַ פריינד, קריג ספרים, וועלכע זענען די בעסטע פריינד!״. צו דעם דאָזיקן קלינגוואָרט קאָן מען צוגעבן, אַז אַ בוך איז אַ מעדיום, אַ פאַרבינדלער, וואָס איז ראוי אויסצוברייטערן די פריינדשאַפט פון מענטש צו מענטש.

איידער מיר טעמען איין די אויסשיידשטאָפן פון דעם אויפגעוועקטן טאָג, וואָס זעצן זיך אָפּ אין אונדזער געמיט אין טאָג־טעגלעכן קאַמף פאַרן אייגענעם לעבן, איז געוווּנטשן ביים שחרית אַנצוהייבן דעם טאָג מיט לייענען פּאָעזיע. האָב איך טאַקע אויסגעניצט דעם אויפקום פון מאָרגנשטערן, בכדי צו געניסן פון אברהם סוצקעווערס פּאָעטישן באַשאַף. איך האָב זיך איינגעבלעטערט אין זיינע כתב־ידן מיט דער גאַנצער סענסיביליטעט פאַר דיכטונג, וואָס איז געשטיגן אין מיר ביז צו אויפהערן פילן די טרער פון פרייד, וואָס גליטשט זיך אַראָפּ דורכן כסדרדיקן שמייכל פון לייענען, ביי וועלכן מע קומט אין באַרירונג מיט אַ מחיהדיקן קאָקטייל פון געדאַנקען, וויזיעס, דערמאָנונגען בלוטיק־וווּנדיקע טעמעס, וואָס האָבן בלינדערהייט געפונען זייער פּאָעטישן טיפּ זינגער, וואָס זאָל דאָס אַריינפירן דורך זיין וווּנדערלעכן אופן אינעם זיכרון פון פאָלק און אים געבן אין דימענסיעס פון וויטיקלעכער, אָבער אויך פּאָעטישער געשטאַלטיקונג, וועלכע פאַרשאַפט אַ מתיקותדיקע הנאה אַפילו דורך טרויער.

„פון אַלטע און יונגע כתב־ידן״ איז אַבסאָלוט נישט קענטיק די אַנטוויקלונג־פּאָזעס פון מחברס ערשטן אַדלערדיקן אַריינפלי אין דער פּאָעזיע, וואָס וואָרצלט נאָך אין זיין זיידנס געגנדזענער פעדער און פונעם זעלבן

רינג פון געגעאַלאָגישן שטאַם פון טאַטנס פידעלע... אפשר דערפאַר געפינט מען ביי אונדז דעם גאַנצן היינטיקן סוצקעווער, וואָס קען אויס־טיילן פּאָעזיע פון זיין מינדסטן האַרוואָרצל. מע קאָן זיך אָבער פאַר־שטעלן — און דאָס דער עיקר נאָר אַ פּענמענטש — מיט וויפל ערנסטער האַרעוואַניע מע מוז זיך שענקען דערצו.

דער דיכטער־דזשענטעלמען, מלך ראַוויטש ע״ה, האָט נישט אויס־באַהאַלטן און אַרויסגעפירט פאַר דער עפנטלעכקייט זיין פילמאַליקן אי־בערלייענען און שלייפן זיינס אַן אַרבעט. דאָס איז זיכער נישט אַ ברכה לבטלה — און מיר פילן דאָס אָפּ אויך לייע:ענדיק סוצקעווערס פּאָעזיע. דעריבער האָלט אַזוי אַן דער ערנסטער צוגאַנג צום פּאָעטס שאַפן, צו וועלכן ער גיט זיך איבער בלב ונפש, אַז עס זאָל ביי אונדז אַרויסרופן און אַנהאַלטן דער כסדרדיקער הונגער צו לייענען און דווקא נישט אין געאייל; ווייל אַפילו געניסן פאַרזוכנדיק, פאַרכאַפּט עס דעם אָטעם און מע מוז צוריקקומען צום זעלביקן ליד מיט דער קאָנסטאַנטער באַוווּנדערונג.

סוצקעווער האָט ליב דאָס וואָרט און די ליבע צום פּאָעטישן אויס־דרוק איז געבונדן מיט דער מענטשהייט. דאָס בולט זיך אַרויס באַזונדער מיט קאָלעגן, פריינד מיט וועמען ער האָט אַ ספּעציעלע אפיניטעט אוןווידמעט זיי געפילפולע לידער. אָבער דאָס איז נישט קיין אויסנעמלעכע באַצייכענונג. מיר שיינט, אַז מע קאָן אַלע זיינע לידער שטעלן אונטערן טיטל: „ליבע פון מענטש צום מענטש״, און דער פּאָעזיע־אידעאַל ביים דיכטער אַקצענטירט זיך בכלל אינעם גאַנצן לידבאַשאַף, וואָס דאָמינירט איבער אַלע ליבעס און שפּילט די הויפּטראָלע אין אַלע זיינע אויסדרוק־מעגלעכקייטן. ער איבערצייגט אַזוי קינסטלעריש, אַז מע קאָן גאָרנישט דערפון אָראָפּנידערן, ווייל אין זיי באַמערקט זיך דער ווילטועודיקער דואַליזם. אויב מיר לייענען דעם נאָמען פון אַ פרוי, וועמען ער דערמאָנט אין זיינס אַ ליד מיט ליבשאַפט, איז אין דעם נישט אַנזעעוודיק קיין נאַקעט האַרץ אויף דער האַנט. ס׳איז דורכאויס דיסקרעט, ווייל ער איז פּאַקטיש באַהערשט פון הומאַניסטישער ליבע דורך זיין געזאַנגלעכער ליבע צום וואָרט. מיר דערקענען דאָס אין דער סוצקעווערישער וואָרטשיינקייט, וואָס איז פאַרוועבט אין אַ דינדינעם פיליגראַן פון אַן „אויסרייד״, וואָס ער

פאַרקלינגט מיט אַ גרויסאַרטיקן כאָר פון דעליקאַטע פאַרבן און מוזיק פון זיין אומגעצוימטן פּאָעטישן פלוס פון רייד. זיי זענען צעוואָרפן אין אַלע ציקלען פון זיינע ביכער, ווי כ׳האָב אויך פאַרצייכנט ביים ציקל „נאַכטגראַניט”, „דאָס וויגליד צו אַ שטיין”, אין וועלכן ס׳שפּילט זיך אָפּ דער אַקט פון אַנימאַציע.

אונדזער אַרכאַאישער משה האָט אַרויסגעשלאָגן וואַסער פון שטיין און דער מאָדערנער פּיטן אברהם, קלאַפּט אַריין מוזיק אין שטיין... אויך ביי דעם ליד ווערט מען פאַרבלעפט פון דער שפּילעוודיקייט פון זיינע פערזן, וואָס דריקן אויס די העכסטע ליבע פון אַ טאַטן צו אַ קינד, וואָס לוליעט איין אַ שטיין און פאַרמוזיצירט מיט די פּאָעטישע האַלב־טענער „איילע, איילע, איילע”, וואָס איז כולל דעם אויסדרוק פון אָנאָ־מאַטאָפּעען; דאָס איז אַ שטיין, וואָס איז אַמאָל געווען אַ מענטש.

איך שטעל זיך ווידער אָפּ ביים ליד: ״גוט מאָרגן פּיקהאָלץ” אינעם ציקל „לידער פון טאָגבוך”. אַ טייל וועקן טאָקע די סאַמע אינטימ־סטע פאַרצייכענונגען פון טאָגביכער. און זייער בולט ליכטיקט אַרויס דער בין־השמשות פון פיינלעכע איבערלעבונגען פון וואַנען סוצקעווער דער בונקעריסט, האָט איבערגעלאָזט נישט פאַרגעסלעכע זאַמלונגען, וואָס זענען געבונדן צו זיינע יובל־ביכער, ווי זיין איינציק־אַרטיקע פּאָעמע „געהיימשטאָט” און „לידער פון ים המוות”, צעוואָרפענע אויך אין אַנדערע זאַמלונגען. אינעם שוואַרצסטן געראַנגל פון דאָרנדיק שווער לעבן, האָט דער מחבר געשאַפן אין זיין פּאַלאַצל פון אילוזיע, וואָס פּאָרט זיך מיט אָפּטימיזם און באַהערשט די טונקלסטע זייט פון שטיין ביים ראַנד פון אומקום און דאָך שטרעבן און קעמפן מיט דעם שווונג פון אַ קאָסמישער דימענסיע: ער טייט דעם טויט!

אינעם גאַנצן סכום פון זיין גאָב אין פּאָעזיע און פּראָזע איז ער טיף פאַראַנקערט אין אונדזער נאַציאָנאַלן חורבן, וואָס איז מוזיקאַליש פאַר־קלונגען, אַז עס שלאָגט פון די פערזן אַ שטייגנדיקע פרייד — אין דעם זין, איז פרייד נישט קיין סתירה, ווייל דער עסטעטישער גענוס שטייגט איבער די טרויעריקסטע איבערלעבונגען. נישטאָ קיין גליק אין אמתער געשיכטע, ווי ס׳איז אוממעגלעך סאַמע פרייד אין פּאָעזיע!

כדי צו באַקרעפטיקן זיין דראַסטיש שפּילן זיך מיטן טויט, איז כדאי נאָך צוצוגעבן פון די יוגנט־כתב־ידן, געצייכנט מיט דער דאַטע 1946 די שורות פון אַ ליד, וואָס דריקט אויס ליבשאַפט צום צווייטן מין. אין אַ פאַנטאַסטישן געוועב פון מעטאַפאָריק, וואָס איז ראוי צו פאַרשאַטענען דעם ריינסטן סענטימענט. דאָס ווערט אַ „דיאַלאָג" און די ווענדונג הייבט זיך אָן פון דער פרוי:

לאָמיר אויב דו קענסט ניט אין דיין בענקען,
די אומשטערבלעכקייט מיר שענקען
ווי אַ קאַרש אין סאַמע ווינטער
נאָר אין בוימהאַלץ אַ פאַרבלינדטער,
גיב אַ נאָמען אים אַ צווייטן.

**
*

איצט אַ שפּרונג צום פינאַל, דעם דיכטערס ענטפער:

יעדער שטילקייט אין איר פלוידער
וועט אַזאַ געשענק איר געבן,
לאָמיר שפּילן זיך אין שוידער:
לאָמיר בייטן טויט אויף לעבן.

אין דעם דאָזיקן פאַרבינדן די טעזע מיט דער אַנטיטעזע, אין די פּאָעטיש־אָפּטימיסטישע קאַטעגאָריעס, פאַרבינדט זיך אינטים דער לייענער.

מיר דאַכט, אַז דער איינציקער טיטל: „לידער פון טאָגבוך" וואָלטן אויך געקאָנט אַרומנעמען אַלע ציקלען לידער, ווייל אַלע אָן אויסנעם פאַרקערפּערן אין זיך דעם פאַרליבטן דיכטער צום ניגון, גראַם און שפּי־לעוודיקן מעטאַפאָר. אַפילו די אומעטיקסטע לידער זענען פעאיק צו פאַרשאַפן אונדז אַ נחת־רוח: „טרייב די מרה־שחורה ווי אַ כלב אַ משו־

געגעם". אינעם ערשטן אָפּטייל, וואָס רופט זיך מיטן טיטל פון בוך, איז פאַראַן אַזאַ פּערלדיק ליד, אונטערגעצייכנט 1938, וואָס רופט זיך „לייקע־נונג פון שלעכטס", געשריבן 45 יאָר צוריק, וואָס נעמט אַרום מיט פּאָזיע דאָס פיינלעכע פון אייגענעם ווייטוט און דאָס פיינדלעכע פון מענטשלעכן שלעכטס. דער דיכטער הייבט אָן מיט אַ געבעט צום אייגענעם האַרץ:

„זיי רואיק האַרץ,
זאָל קיינער ניט פאַרנעמען דיין געשריי".

און אין די וויטערדיקע שורות:

פאַרלייקן שלעכטס
פאַרטרייב פון זיך די פיינדשאַפטן".

און וואָס מיינט סוקצעוור מיט דער שורהלע: „פאַרלייקן דאָס שלעכטס"? ער זעגט אַדורך מיט זיין פען די קראַטעס פון זיין אייגענער פיין און צינדט אָן דאָס ליד אין זיין נשמה, וואָס איז אויך ראוי צו פאַרלייקענען דאָס מענטשלעכע שלעכטס.

פאַראַן אויך אַ צווייטע דערשיינונג אין זיין ליד. יעדער טאַלאַנטירטער קינסטלער פילט אָפּ דעם מענטשלעכן שטריך פון קינאה, וואָס פלאַדיעט שנאה — טראָץ דעם סתירותדיקן פאַרמעסט פון „קנאת סופרים מרבה חכמה". אינעם ציקל „לידער פון טאָגבוך" (זייט 185) געפינען מיר אַ ליד, וואָס דעקט זיך מיט אַן ענטפער צו די בעלי קנאה. וואָס נייטיקט זיך נישט אין קיין שום אייגענע רעפלעקסיעס, ווייל דאָס ליד איז דאָס איידלסטע וואָרטגעפעכט פון דיכטער. אַזוי לייענט זיך די לעצטע סטראָפע:

„דעריבער, אַז אַ גראָז פאַרנייגט זיך
ווו דו זאָלסט ניט איילן,
פאַרנייג זיך אויך און זאָלן בענקען ערגעצדיקע מיילן.
אַנטפלעקט ניט אייער סוד פאַר קיינעם, זיי ניט קיין אַנטפּלעקער,
נאָר גלייב: אַ גראָז פאַרנייגט זיך, ווערן שטום די פוסטע גלעקער".

בײ יעדן ליד האָט דאָס פאַרגעניגן געצייכנט מיין שמייכל...

אָט אַזאַ ענלעכע אַסאָסאַציע פֿון באַגײַסטערונג האָב איך אָפּגעפּילט לייענענדיק אונדזער אַלעמענס געשעצטן און באַליבטן פּראָפֿעסאָר דב סדנ׳ס יוגנטלעכע לידער, וואָס אַ טייל איז דערשינען צו זיין יובל־השמונים אין דער „גאָלדענע קייט" נומער 107 פֿון 1982 יאָר. דב סדן האַלט זיך ספּעציעל גייסטיק אָריגינעל אויף זיין איינעם דיאַפּאַזאָן, וואָס איז גאַנץ באַזונדער פּאַרפּרוכפּערט מיט זיין אינטעלעקט:

⁂

און אָט פֿאַרהאַלט מען זיך ווידער ביי סוצקעווערס ליד: „אין דריי גלגולים־קרייזן מוז דיין גורל זיך באַוועגן". וואָס זשע לאָזט דאָס אונדז צוהערן? דער דיכטער פּילט אַ מיטפֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿון געטלעכן וועלט־אַרומנעם, אַן אָנצוהערעניש, צו פֿאַרענדיקן די אָנגעהויבענע קרייזן פֿון וועלטבאַשאַף — און אפשר האָט גאָט אַליין געלאָזט פֿאַרן פּאָעט דעם אָפֿענעם קרייז, ער זאָל אים קינסטלעריש פֿאַרקיילעכיקן?... מיר האָבן דאָך שוין אין די ערשטע בלעטער די אונטערשטרייכונג פֿון אַזאַ שותפות מיט דער נאַטור: „די זון, וואָס האָט איר אלף־בית, פֿאַרזייט אין מיינע טיפֿן". און דאָס זענען דאָך די נאָטן פֿון מוזיק פֿאַר פּאָעזיע.

אונדז איז באַקאַנט און דאָס איז דאָך נאַטירלעך, אַז דער מענטש קאָפּירט גאָטס באַשאַף — מיט זיין עקספּרעסיע, אָדער אימפּרעסיע. אַ רע־אַליסטישער מאָלער שאַפֿט זיך די קאָלקעמאָניע פֿון וועלטס אויסגע־שפּרייט. ביי סוצקעווערן איז דער רבונו של עולם דער עפּיגאָן, אויס־רופֿנדיק מיט באַגייסטערונג: „די נאַטור מאַכט נאָך שאַגאַלן".

אַזאַ איבעראַשנדיקע איבערשאַפֿונג שימערירט אין זיינע פּערזן. דער מאַגיקער פֿון וואָרט ביי וועמען „אַ בליץ אין שטורעם דיריגירט", פֿאַר־שעמט נישט די באַצייכענונג „וואָרטואָז" מיט וואָס דער דיכטער חכם, יעקב גלאַטשטיין האָט אים באַקרייגט. — אברהם סוצקעווער מאַכט לע־בעדיק די מאַרמאָרענע, קאַלטע עקספּרעסיע פֿון אומגעברענגטן טויטן מיכאַעלס און שאַפֿט פֿון אים לעבן. אָט, די טייטלעכע רעאַליטעט באַ־

צווינגט דעם פּאָעט צו אַ נייעם אָריגינעלן איבערשאַף און, וואָס מוז אַדורך דער נאָבעלער מיל פון פּאָעט, ביז ס׳ווערט אַ צווייטע רעאַליטעט, אַן אַנדערע, געזען דורך דער פּריזמע פון פּאָעטיק.

***

אַ קריטיקער קען באַלייכטן מיט אַ פּאַקל אַ ליד, פּותר חלום זיין אַ הערמעטיש פאַרמאַכט טורעמל, וואָס פאַר אַ סך לייענערס זענען די סימבאָלן און בילדער פון די וויזיעס פון דיכטער, ממש היעראָגליפן. אַזאַ אַנטפּלעקונג קאָן מען געפינען אין די ליטעראַרישע און פילאָסאָפישע עסייען ביים דיכטער אהרן צייטלין וועגן „חיות־גאָרטן״. אינעם „ליד אָן אַ נאָמען״, ווו ס׳לאָזט זיך אָננעמען דעם קריטיקערס סוביעקטיווע באַלייכטונג. דער פּתרון פון סוצקעווערס אויסטערלישער חלום־זעאונג: „די גאָרילע, דער טיגער און די שלאַנג״. מע זעט אין דעם ליד, ווי סוצקעווער איז געווען באַהערשט פון אַ שטורמישער כוואַליע פון אינספּיראַציע. אַ מאָדעל פון אַ ליד, וואָס רירט אָן די מיסטיק פון חלומות, וואָס ווערט אַ שותּפות־ווערקל און דעקט זיך מיט דער אינטערפּרעטאַציע פון אינטעלעקטועלן פּאָעט און עסייאיסט אהרן צייטלין — סוצקעווערן אויף לאַנגע יאָרן!

דאָס איז נישט דאָס איינציקע ליד, וואָס באַקומט דורך סוצקעווערס פען, די אויטאָנאָמיע־באַוועגונג, ווו ס׳בייטן זיך די סימבאָלן; דערביי ווערן שטוינענדיק רייך די קורצע ווערקלעך פון זיינע לידער. אַז אַ חלום איז באַוועגלעך און שטעלט נישט אָפּ די צייט, איז דער קלאָרסטער סימן, וואָס אונדזער מוח־זייגער באַווייזט דאָס אונדז.

***

אַ רעצענזענט מוז האָבן אַן אויג — ווי אַ מרגל, אין דעם מליצהדיקן זין, וואָס שפּיאָנירט דעם פּאָעטישן ווולקאַן־געקנויל פון ווערטער אויסגעקנעטענע פון אַלע וויזיעס. אין די „לידער פון טאָגבוך״ קומט קהלת, וואָס

האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין פּאָעטס טיר און ער האָט אים אויפגענומען ווי אַ ברייטער גאַסטגעבער...

דער קהלתדיקער חשבון־הנפש מאַכט רעדן דעם דיכטער: „ס׳דער־נענטערט זיך די ווייט, נאָך אַלע רייזעס אַוואַנטורעס״. אָבער אויך אין דעם טייל ליגט די כאַראַקטעריסטיק, ווי אין מוזיקאַלישן טאָן פון פריידיקן סוצקעווערישן אַלעגראָ! „יהי זאָל ווערן ליד״. וויפל מע זאָל נישט בלע־טערן הין־און־קריק דאָס בוך, קאָן מע זיך נישט קיין עצה געבן מיטן אָפּקלייב פון ציטאַטן. פאַראַן אַן אָפּטישער אילוזיאָניזם און אַ זעלטן געשפּין פון פאַרטיפטער געדאַנקלעכער וויזיע. זען דאָס ליד (ז׳ 162).

> די לאַפּעטע ליים אויף דער שמאַלינקער קרקע
> זעט אויס ווי זיין מאַנטל, זיין מאַרינאַרקע

און דאָס ליד ענדיקט זיך אַזוי:

> און צווישן די אַלע באַגלייטער, באַוויינער,
> אים שענקען אַ רגע דערלויבט זיך ניט קיינער.

און דאָ אינטערווענירט דער פּריווילעגירטער קינסטלער און שענקט דעם מענטש די אייביקע רגע מיט זיין פּאָעטישער לייטזעליקייט פון „געבן, זיך צעגעבן״...

„פון אַלטע און יונגע כתב־ידן״, איז דער סינטעז, וואָס ברענגט אַרויס דאָס גאַנצע פּאָעטישע געמיט פון צייטלויף, וואָס דער דיכטער זעצט איבער אין פּאָעזיע. די סטרוקטור, די טעכניק איז די זעלביקע, נייערט שטענדיק מיט אַ באַנייטן ווערטערפלוס!

***

כדאי צו געבן נאָך אַ קליינעם ציטאַט, וואָס שפּיגלט אָפּ דעם אָפּטי־מיזם פון דיכטער, נאָך אין ווילנער געטאָ ביי דער פיינלעכער שקלאַפן־

אַרבעט אין די מלחמה־טעג פון 1942. אינעם בוך „די פעסטונג״ איז פאַראַן אַ קורץ ליד „עקזעקוציע״. הייבן זיך אָן די ערשטע שורות אַזוי:

גראָב איך אַ גרוב ווי מען דאַרף ווי מען הייסט!
זוך איך בעת־מעשה אין דרערד אויך אַ טרייסט.

אין מיטן גראָבן מיטן רידל אַנטפּלעקט זיך פאַר אים דער וווּנדער פון לעבן: אַ קליין ווערעמל, וואָס ער צעשנײַדט אין דער אַרבעט, אָבער צעשניטענערהייט האָט זיך אָנגעהויבן בײַ אים פונעם צאַפּל־כּפּלען לעבן... ווערן צוויי, ווערן פיר פון דעם פראַקציאָנירטן ווערעמל. און דער פּאָעט ענדיקט דאָס קורצע ליד „עקזעקוציע״ מיט די ליכטיקע צוויי שורות:

אויב אַ ווערעמל גיט זיך ניט אונטער דעם שניט
ביסטו ווינציקער דען פון אַ וואָרעם?

אָט אַזוי פיבערט אויס דער דיכטער אין זײַן אינספּיראַציע לעבן, וואָס מיר איבערפיבערן מיט דער אויפריכטיקער וויבראַציע אין קאָנטאַקט מיט קונסט פון שאַפן.

**
*

פּאָעזיע, מוזיק, טאַנץ.

כ׳האָב אַמאָל בײַגעוווינט אַ יערלעכן קאָנצערט, אַ סך־הכּל פון שטודירנדיקע יוגנט־טענצערס, בײַ דער זײַט פון זייערע פּראָפעסאָרן. די פּראָגראַם איז געווען פון קלאַסישע און מאָדערנע טענץ האַרמאָניזירט מיט באַגלייט־מוזיק. די מאָדערנע רויִשיק־טומלדיקע טענץ טראָגן די פאַרביקע קאָסטיומען, האָבן אויף מיר געווירקט ווי ספּאָרט־אַטראַקציעס פון אַ צירק. נאָר איין סצענע, וואָס האָט מיך פאַרכאַפּט — און אָפּגערוט ווי אַן אינטערמעצאָ נאָך אַ טומלדיקן ספּעקטאַקל, איז געווען די אָריגינעלקייט פון כאָרעאָגראַפישן אײַנפאַל; די סצענע האָט געוויזן אַ ליידיקן זאַל און

יעדעס מאָל האָט אַ טענצער אַריינגעשוועבט פון הינטער די קוליסן און אַוועקגעשטעלט אַ שטול מיט אַ דעטערמינירטן כאָרעאָגראַפישן זשעסט באַגלייט פון אַ געדעמפּטער קלאַסישער מוזיק, וואָס אוניפיצירט זיך דירעקט מיט פּאָעזיע — און דעריבער די גרויסע איבערלעבונג פון דעם אַמאַלגאַם פון קונסטצווייגן, וואָס זענען ווי די גלידער פון אַ גאַנצן בוים אין וועלכן כ׳האָב אַנטפּלעקט דעם סימביאָז פון דער פּאָעזיע־גרעפּטונג...

**
*

פאַר וואָס נישט צוזעצן נאָך אַ ווערטל צום אָריגינעלן „וואָרטואָז" אברהם סוצקעווער און אים אָנרופן ווערטעראָן? ער איז דאָך איינער פון די צענטראַלע דימענטן אין אונדזער כתר־המלכות פון פּאָעזיע, וואָס שימערירט אויך אַרויס פון זיין פּראָזע! כ׳מוז אונטערשטרייכן, אַז סוצקעווערס איצטיקע בוך „פון אַלטע און יונגע כתב־ידן" — אַריינגע־נומען אויך די אייגנאַרטיקע צייכענונגען פון קינסטלער יאָסל בערגנער, איז איינס פון די שענסטע ביכער, וואָס איך האָב געלייענט דאָס פאַר־גאַנגענע יאָר 1982.

די קונסט פון לייענען און פאַרשטיין פּאָעזיע

— 1 —

פּאָעזיע לאָזט זיך פאַרגלייכן מיט מוזיק, וואָס האָט פאַר אַ באַזע נאַטירלעכע אויסדרוק־פאָרמען, וועלכע שפּיגלען אָפּ די טיפסטע נשמה־געפילן, פון איבערלעבונגען. דער קלאַנג, דער מעטאַפאָר, די מדרגות פון איבערטרייבונגען זענען אייגנטלעך דיכטערישע פאַרגרעסערונגען, געזען מיט אַן אויג פון אַן אויפגעוועקט געפיל פאַר שיינקייט.

וועל איך ציטירן איינעם פון די היינטצייטיקע דיכטערס, אַברהם סוצקעווערס אַ זאָג: „עס ווײַנט מיט נייע בילדער דאָס אויג פון דער נשמה". דער דאָזיקער פּערז איז זיכער אויפגעקומען פון אויסטערלישע, איבערגעלעבטע געשעענישן, וואָס האָבן זיך אַרײַנגערעמט אין דער נשמה. דער פּאָעט, שיכור, אָבער נאָר מיט בילדער פון דער נאַטור און דאָס איז גורם, אַז אַל דאָס בייז האָט נישט קיין שליטה אויף אים. דאָס איז די גוואַלדיקע אויסקערפּערונג, אַז פון סאָמאַטיק זאָל ווערן פּאָעטישע פונקציע און דאָמינירן איבער די פּיינלעכסטע מאָמענטן — נאָך מער, זיי סטי־מולירן דעם קינסטלער אין געפאַר — צום אומבייט פון אַ ווונדערלעכן איבערשאַף פון גלגולים: פון מיאוס אויף שיין, פון שלעכטס אויף באַלזאַם פאַרן אויג פון דער נשמה, וואָס „ווײַנט מיט נייע בילדער". אָט, דאָס באַלעבט און נישט נאָר דעם פּאָעט, נייערט גלייכצייטיק דעם לייענער מיט אַ פריידיקן געניוס. פון דער דאָזיקער באַהערשונג, איז דער בעסטער מוסטער אברהם סוצקעווערס בוך: „לידער פון ים המוות".

וואָס שטאַרקער די באַגייסטערונג פון דיכטער, אַלץ אינטענסיווער איז זיין אויפגערעגט רעדן דורך ריטעם, גראַם און דערפינדונגען פון ווערטער, וואָס קאָנען אַרײַנגענומען ווערן אין סכום פון דער עלאַסטישער

סעמאַנטישקייט. וואָס שטאַרקער די אָנרעגונג, אָדער אויפרעגונג, מוזן די פאָרמען פון געמיט און וואָרט־באַוועג געניצט ווערן פרייער. מען דאַרף אָבער זיין אָפּגעהיטן אין מאָס און רעספּעקטירן די פּרינציפּן.

פּונקט ווי אין דער פילאָסאָפיע איז שווער צו מאַכן אַ געמיינזאַמען סינטעז פון אידעען, איז אין פּאָעזיע נישט מעגלעך צו דעפינירן מיט איין זאַג, וואָס דאָס איז. אָבער וואָס מען זאָל נישט זאָגן וועגן דיכטונג, מוז מען אונטערשטרייכן, אַז אַ ליד איז די געפילסוועלט פון דיכטער. מעג ער שרייבן אין אַ איך־פאָרעם, איז דאָס אַ פאַרבינדונג־בריק פון מענטש צו מענטש.

מיין ערשט בוך לידער רופט זיך: „טוי פון שטילקייט", אַן אַבסטראַקטער טיטל פון אַ בוך. קאָנקרעט איז דאָך: שטילקייט פון טוי! ווייל טוי, ווען ער פּערלט זיך אויף צווייגן, צי ווען די טראָפּנס פאַלן אויף דער ערד, פאַלן זיי מיט דער שטילקייט פון טוי, קלאַנגלאָז. האָב איך אָבער אַ מאָל געהאַט אַזאַ וויזיע פאַר זיך — זיצנדיק ערגעץ, ווו עס האָט געהערשט אַזאַ פולע און טיפע שטילקייט, וואָס האָט זיך געמוזט פאַרטאָפּלען ביי מיר, געוואָרן שטאַרקער ווי שטילקייט פון טוי. איך האָב ממש געזען ווי עס טראָפּנט אַרויס פון שטילקייט אַ טוי — און דאָס איז די פּאָעטיק פון מעטאַפאָר.

— 2 —

יעקב גלאַטשטיין, דער גרויסער אויטאָריטעט אין דער יידישער ליטעראַטור, פון וועמען איך האָב באַקומען סמיכה פאַר פּאָעזיע, האָט אויף מיר געזאָגט אַמאָל: „חסידישע דיכטערין". כ'ווייס נישט צי די דאָזיקע באַצייכענונג איז אין גאַנצן אַ ריכטיקע. אָבער עפּעס אַן אָנדייט, אַ רמז איז פאַראַן אין דעם זאָג וועגן מהות פון מיין שאַפן. איך האָב אַ רעליגיעזן חוש פאַר אַלע שיינקייטן פון דער וועלט. איך שליס נישט אויס אויך די עטישע שיינקייטן, די ליבע צום מענטש, די צווישנמענטשלעכע באַציאונג. איך וועל אייך נישט רעדן וועגן פאָרמען, מעטרישע כללים און

פּאָעטישע געזעצן. איך וועל מיך האַלטן נאָענט צו דער טעמע: די קונסט פון לייענען און פאַרשטיין דיכטונג.

אַ קליינע דיגרעסיע: אַ קורצן אויטאָביאָגראַפישן דערמאָן, ווי אַזוי שיינקייט איז אין מיר אַריינגעדרונגען און ווי אַזוי איך בין געקומען צו דיכטונג. דער חוש פאַר פּאָעזיע האָט זיך אָנגעהויבן וועקן ביי מיר אין די פריע קינדער־יאָרן. איך קום פון אַ רעליגיעזער היים און בין געווען די מיזינקע פון אונדזער הויזגעזינד. ווען מיין מאַמע האָט צו דער פולער וואָך געזוכט דעם פרומען שטערן, ער זאָל איר אַ ווונק טאָן, אַז ס'איז צייט צו זאָגן „גאָט פון אברהם", פלעגט זי אַריינגעמען מיין קאָפּ אין איר שויס און צניעותדיק אָנהייבן: גאָט פון אברהם, פון יצחק און יעקב" אאז"וו. ווען זי איז געקומען צו דער שטעלע און ס'האָט אַ גלאַנץ געטאָן דער פערז:

„נעם דעם בעכער אין דער רעכטער האַנט
און מאַך אַ ברכה איבערן גאַנצן לאַנד"...

אָט, ביי דער פּאָעטישער ווענדונג, האָב איך אַ צאַפּל געטאָן פון אַנטציקונג. זי האָט געוואָרפן אין מיר דאָס קערנדל פון דיכטונג. איך פלעג צו דער פולער וואָך זיך איינהערן מיט פאַרגעניגן — און אַזוי ווי מיין מאַמע האָט דאָס רעציטירט מיט אַזאַ פרומקייט און איבערצייגונג, אַזוי האָט גלייכצייטיק די פּאָעטישע תפילה אויפגעזוכט איר אָביעקט, דאָס מיינט מיך. מען זאָגט, אַז אברהם רייזען האָט זיך אַ מאָל אויסגעדריקט: „וואָס איז דען דער סידור, אויב נישט די גרעסטע אַנטאָלאָגיע פון פּאָעזיע?".

ביי צען יאָר האָב איך פאַרלוירן מיין פאָטער. די שטאַרקע עמאָציאָנעלע אויפטרייסלונג, דער שאָק פון קומען אין קאָנטאַקט מיט דער מיסטעריע פון טויט, האָט מיך געפירט צו מיין ערשטן ליד: „אַ יתום".

פאַראַן אַזאַ וואָרט — אַ גאַנצער באַגריף: אינספּיראַציע. וואָס איז דאָס אַזוינס? עס קאָנען אַדורכגיין ליידיקע טעג, טרוקענע, ווען מען קען נישט שרייבן. פּלוצעם האָט מען עפּעס אַ פריידיקע, אָדער אומעטיקע

איבערלעבונג און דאָס באַצווינגט איך, עס באַפֿאַלט איך ווי אַ גזלן: „שרייב!". ווייל פּאָעזיע — ווי קונסט בכלל — איז אַ גייסטיקער פֿאַר־טיידיקונג־רעפֿלעקס קעגן פּערזענלעכע איבערלעבונגען. דאָס וויל נישט זאָגן דווקא עגאָצענטריש, וואָס איז נאָר נוגע דעם מחבר גופא. די איבער־לעבונגען קאָנען זיין פֿון נאַציאָנאַלן און אַלמענטשלעכן כאַראַקטער.

אַ מאָל קען איך אויפֿוועקן בלויז איין קלאַנג. לאָמיר נעמען אַ ליד געווידמעט מוזיק — ווי אַ מוזיקאַלישער אַריינפֿיר צו מיין דיכטונג פֿון בוך: „סימפֿאָניע אין ווינט". אַ ליד, וואָס רופֿט זיך: „מיין אלף־בית". כ'ציטיר:

די אותיות פֿון מיין אלף־בית,
מיין ערשטע ליבע איז געווען
דער ניגון אין מיין קינדערקרייז,
ווי קריצן פֿון געבאָטן צען.
פֿון די אותיות אין זכרון,
כ'האָב דעם זינגזאַנג אויפֿגעפּירט,
אויפֿן פֿידל מיינע יאָרן,
ווי אויף סטרונעס מוזיצירט.
איז יעדער אות ביי מיר אַ קרוין,
אָריגינעלע אָרנאַמענטן —
דעם אַרקעסטער איך באַשטוין
פֿון צוויי און צוואַנציק אינסטרומענטן.

איצט לאָמיר אַ ביסל צעגלידערן דאָס ליד: „ווי קריצן פֿון געבאָטן צען". דאָס איז שוין אַ שוונג צו פֿאַרהייליקונג פֿון די לוחות מיט די פּירקאַנטיקע אותיות פֿון אונדזער אלף־בית.

„פֿון די אותיות אין זכרון
כ'האָב דעם זינגזאַנג אויפֿגעפּירט".

דאָס הייסט, אַז די אותיות זענען גלייך געוואָרן ביי מיר געזאַנגלעכע.

„אויפן פידל מיינע יאָרן,
ווי אויף סטרונעס מוזיצירט".

מיינע יאָרן ווערן אַ פידל און אַ פידל האָט סטרונעס. דער פינאַל איז ווידער אַ רינגעלע פון דער אידעע און פאַרבינדט זיך מיטן אָנהייב. דער אלף־בית ווערט אַן אָרקעסטער פון 22 אינסטרומענטן.

— 3 —

אין אַן אָוונט האָט אויף מיין שויב זיך געשטעלט אַ זילבערן זומער־פייגעלע. אין צימער איז געווען ליכטיק און דאָס פלאַטערל ציט זיך צו ליכט. הייב איך אָן רעדן צו דעם שיינעם באַשעפעניש:

גוטן אָוונט, פלאַטערל אויף שויב,
קלאַפּ אַראָפּ פון נאַכט דעם שטויב.
מאַך מיט פליגעלעך פּאַך־פּאַך,
פון לבנה ברענג אַ פּראַך.

דאָס זומער־פייגעלע רופט אַרויס ביי מיר אַ וויזיע: די נאַכט ווערט שטויב און איך פאַרגראָם זי מיט שויב.
כ׳ציטיר:

מאַך מיט פליגעלעך פּאַך, פּאַך,
פון לבנה ברענג אַ פּראַך.

צי קען דען אַ פלאַטערל ברענגען אַ פּראַך פון דער לבנה? אָט דאָס איז די שפּיל, דער צוגעטראַכטער, קינסטלערישער אמת פון פּאָעזיע. אַ פאַרגלייך מיט אַן אַנדער ליד, ווו עס רעדט זיך וועגן קאָסמאָנויטן,

וועל איך פאָרשטעלן אַ „פראַבקע״ פון צוויי סטראָפן. דאָס ליד רופט זיך: „נאַכט־וואַנדלעריןן״ און דאָס האָט שוין צו טאָן מיט אונדזער עלעקטראָניק־ציוויליזאַציע. אין אויבן־ציטירטן ליד פאַרשפּיל איך זיך מיט אַ פּלאַ־טערל אין קעגנזאַץ האָט שוין דאָס ליד אין זיך אַן אַנלאָדונג פון ווער ווייסט וואָס פאַר אַ סיורפּריזן פאַר דער וועלט. איך ציטיר די צוויי לעצטע סטראָפן:

די היישעריקע וויסנשאַפט די נישט דערזאָטע,
האָט שוין אַלץ גערירשנט אויפן ערד געווימל,
נישטערט זי אין פייערן פון הימל,
לאָזט דעם שטאַמס פון קאָסמאָנאַוטן־פּיאָטע
לבנה־באַבעשי.

דאָס ליד איז אַ מין פאַרבענקטע אָדע צו דער לבנה־באַבעשי. דער מענטשלעכער פּוס, וואָס טרעט שוין איבער די הימלישע פּלאַנעטן, דער־שיטערט אונדז. ווי איר זעט, זינג איך נישט קיין לויבגעזאַנג צו די קאָסמאָנאַוטן; אויך פאַר דער גוואַלדיקער עוואָלוציע פון דער וויסנשאַפט קאָן מען זינגען אַן אָדע, אַ באַוווּנדערונגס־ליד, אָבער די דערפאַרונג פון דער וויסנשאַפט לערנט אונדז, אַז וויסנשאַפט קאָן ברענגען גליק און אומ־גליק דער מענטשהייט — און איך וויל באַשיצן די לבנה און ווידמע איר אַ ליד — דער אַלטער לבנה־באַבעשי. כ׳ציטיר:

כ׳וועל אַ ליד דיר אָנטאָן מיט אַ ברכה „תתחדש״
און פון מיר פאַרטרייבן די געדאַנקען־וויגעס.

די געדאַנקען זענען נישט היימלעך ווען מען טראַכט פון אַזאַ ווייטן און הויכן שפּרונג פון דער וויסנשאַפט. און ווייטער:

מיט מיין עלטער־שוועסטערלס השגות,
כ׳בין מיט מיינע ליפּן דיך מחדש,
לבנה־באַבעשי.

דאָס מחדש זיין די לבנה־באַבעשי איז שוין אַ רעליגיעז געפיל — אָבער מיט מיין עלטער־שוועסטערלס השגות. ס׳איז אַ פּאָעטיש־ראָמאַנטיש באַהאַלטן זיך פאַר דער ווירקלעכקייט.

— 4 —

דער קריטיקער י. ראַפּאַפּאָרט, אַן אָבסערוואַטאָר מיט ראַפינירטע חושים, אַ קריטיקער, וואָס האָט געהאַט פאַר אַ ציל צו רייניקן די קונסט מיט זיין פּען, ווי אַ גערטנער מיט זיין מכשיר, וואָס דערלאָזט נישט קיין ווילד בלימעלע אינעם גאָרטן, וואָס ער קולטיווירט, האָט זיך אַ מאָל צוגע־קוקט ווי אַ הונט בילט אַרויף צו דער לבנה — און ער האָט זיך געטראַכט: אפשר איז דער הונט אויך אַ פּאָעט? ער באַוואונדערט דעם ליכטיקן באַלעם פון הימל און ער האָט האָוועקט אויס צו אים זיין באַגייסטערונג? (דאָס איז נישט קיין ציטאַט, נייערט אַ דערמאָנונג).

ווי ריכטיק איז די דאָזיקע באַמערקונג פון שרייבער י. ראַפּאַפּאָרט וואָס גיט אַ בילד בשייכות מיט פּאָעזיע, וואָס פאַרבלייבט אין אונדזער געדעכעניש. ווייל כאָטש פון דעם הינטיש־פּסיכישן אַפּאַראַט קומט שטענדיק צו אונדז די זעלבקיע שפּראַך פון זיין בילן, האָב איך אַליין אויך אָבסער־ווירט און זיך איינגעהערט צום געביל פון דעם פאַמיליע־באַשעפעניש, וואָס דריקט זיך אויס אין פאַרשיידענע טענער־וואַריאַציעס און מען קען אָפּפילן דעם הונטס שטימונגען: זיינע פּסיכישע צושטאַנדן, ווי רעוואָלט, געבעט, אַ פּלענטיוון קרעכץ־האָוקעריי, ווען עס טוט אים עפּעס וויי, ווי ער וואָלט זיך פרעגן: פאַר וואָס זאָל איך ליידן, ווען האָב איך שלעכטס געטאָן? אָדער ווען דער הונט האָוקעט אויס זיין פרייד און אויך באַוווּנ־דערונג צו דער לבנה — אָדער גאָר צו מוזיק. מיין משפחה־הינטל האָט איין מאָל אָנגעשפּיצט זיין געהער צו אַ נייער פּליטע פון מוזיק און אָנגעשטעלט אַ פרעגנדיקן בליק צו די משפחה־מיטגלידער, באַגלייט מיט אַן אָנגענעמער ברום־באַמערקונג, ווי ער וואָלט געזאָגט: הממממ... דאָס האָב איך נאָך נישט געהערט און ס׳איז שיין...

ס׳האָט זיך אפשר געלוינט צו מאַכן די דיגרעסיע און זי נאָך

אַ ביסעלע פּאַרציעז, ווייל די דאָזיקע שורות ברענגען מיך ווידער אויף אַן אַסאָציאַציע, כּדי צו ציטירן, ווי שוין העכער דערמאָנט, אברהם סוצקעווער.

דער רוסישער מעדיצינער איוואַן פּאַוולאָוויטש, מער באַקאַנט אונטערן נאָמען פּאַוולאָוו, איז דער עיקר פּאָפּולער געוואָרן נאָך זיינע לאַבאָראַטאָרישע אָבסערוואַציעס דורך אָנשטעלן אַ גלעקל יעדן טאָג אין דער זעלבער שעה פון הונטס מאָלצייט, וואָס איז באַקאַנט אונטער דער פאָרמולע: „רעפלעקס קאָנדיציאָנעל", און אַרויסרופן דעם רייץ־אַפּעטיט פון די מויל־דריזן. דאָס גלעקל איז אַזוי אַרום געוואָרן דער כראָנאָמעטער פון מוזיק, וואָס האָט אַ רוף געטאָן צו דער פליישׁ־סעודה. דורך דעם באַגריגדעטן אמת פון דעם עקספּערימענט פון רוסישן מעדיצינער פּאַוולאָוו איז לייכטער צו פאַרשטיין סוצקעווערס אַן אָריגינעלע און באַחנטע שורה: „דער וואָלף שמעקט צום פלייש פון דער מוזיק"...

— 5 —

קומען מיר צוריק צו אונדזער שוועסטער־קונסט מוזיק, הערנדיק דעם שפּאַנישן קאָמפּאָזיטאָר מאַנועל דע פאַיאַ.
איך ציטיר:

מען דאַרף זיך טיילן מיט יעדן ביסן פרייד;
פרייד זוכט אויסגעשפּרייט;
האָט זי מיך געכאַפּט אין געשפּאַן!
כ'האָב געזען פינגער און געהערט פאַלן קלינגענדיקע טראָפּנס
פון די פינגער־מעסטער; יעדער פינגער אַן אָרקעסטער!
הנאה־ספּאַזמעס האָבן מיר געציקלט אַן עכאָ...
ס'איז גוט צו הערן ווי צייט שפּילט צוריק און ס'שמייכלען
די קלאַווישן־ציין
מיין גומען שלינגט די זיסע נאָטן־בערעלעך
פון נאָטנוואַלד.

פרייד צעפּערטלט מיך.
נעם איך פּאַטשן מיט די הענט.
איז מיר דען גענוג?
נעם איך שפּרינגען,
ווערט אַ טאַנץ.
וויל איך מער ניט ווערן גאַנץ.
די מינוט איך בענטש:
ווי גוט איז זיין אַ ווײַלינקע
אויס מענטש!...

איצט לאָמיר צוריקגיין צום אָנהייב מיט אַ טײַטש: „מען דאַרף זיך טיילן מיט יעדן ביסן פרייד". פאַר וואָס דווקא „ביסן פרייד"? מער ממשותדיק וואָלט דאָך געווען, אַ ביסל פרייד. ניין. ווען דער דיכטער שטייגט אין זיין באַגייסטערונג, איז נישט גענוג דער איינפאַכער אויס־דרוק: „אַ ביסל". ער מעג דאָס אַפילו פאַרמאַטעריאַליזירן מיט אַ גשמיות־דיקן פאַרבייט אויף „אַ ביסן פרייד", ווייל ס'איז אַ רמז אויף עפּעס אומגעוויינטלעכס, מוז מען געפינען דאָס צוגעפּאַסטע וואָרט, די העכערע נאָטע. ווייטער פאָלגט נאָך: „פרייד זוכט אויסגעשפּרייט" — ס'איז קלאָר, געלעכטער, פרייד, פסיכישע געפילן זוכן צו קאָמוניקירן, צו פאַרברייטערן דעם קרייז פון דעם הויכן גייסטיקן און נשמהדיקן געָנוס. „האָט זי מיך געכאַפּט אין געשפּאַן"" — דאָס הייסט, אַז די מוזיק פירט שוין אָן מיט מיר, איך ווער איר שקלאַף און באַדין די מוזיק. איך וועל אַרויס־כאַפּן די ווייניקער פאַרשטענדלעכע שורות. כ'ציטיר:

„מיין גומען שלינגט די זיסע
נאָטן־בערעלעך פון נאָטנוואַלד".

ווען מען שפּילט אויף קלאַוויר און מען באַניצט זיך מיט די זיבן צוויבערנדיקע קלאַנגען פון דאָ, רע, מי, ווערן פון נאָטן־בערעלעך, ווען מען איז אַ נאַשער אויף מוזיק... פאַראַן אַ טראָפּן־מעסטער, אַן אָביעקטל פאַר פליסיקייט. אָבער פינגער מוזן קענען מעסטן, ווען זיי שפּילן; זיי

האָבן צו טאָן מיט דער מוזיקאַלישער מאַטעמאַטיק, דעריבער ווערן אין פּאָעזיע די פינגער מעסטער. אַזוי ווי די באַגייסטערונג שטייגט, מוז מען צושטעלן דאָס פּאַסיקע, אַדעקוואַטע בילד: „יעדער פינגער אַן אָרקעס־טער״.

„פרייד צעפּערטלט מיך״,

איך זיץ נישט גלייכגילטיק, עס צעטראָגט מיך פון באַגייסטערונג:

נעם איך פּאַטשן מיט די הענט,
איז מיר דען גענוג?
נעם איך שפּרינגען,
ווערט אַ טאַנץ,
וויל איך מער ניט ווערן גאַנץ.
די מינוט איך בענטש: ווי גוט איז זיין אַ ווײַלינקע
אויס מענטש!...

דער אויסדרוק „אויס מענטש״, איז אַ צוויי טײַטשיקער באַגריף. אין דער מאָדערנער טערמינאָלאָגיע רופט מען עס: אמביוואַלענט. איך נעם דעם אויסדרוק צום ליד אין גוטן און פריידיקן זין. ווײַל ווערן אויס מענטש! ווערט מען אויך פון עפּעס אַ שאָק, אַן עמאָציאָנעלער קלעמונג. דאָס איז אינעם ערגערן זין, אָבער אינעם גוטן זין ווען אַ מענטש ווערט פאַרכאַפּט פון מוזיק, אָדער פון אַן אַנדער קונסט, ווערט ער אויך אויס מענטש; אויס חומר, ער פאַרגעסט די אַנגסטלעכקייט, וואָס באַגלייט דעם גוף — נאָך ווייטער, אויך דאָס מאַטעריעלע, דאָס גשמיותדיקע, אַלץ מיט אַן אַנדער, מיט וואָס דער מענטש איז פאַרבונדן, ער ווערט לויטער גייסט און פרייד — און דאָס איז די היגיענע פאַרן געזונט, וואָס קונסט פאַר־שאַפט אונדז.

די געפיל־וועלט ביים קינסטלער איז פאַרשיידן, אַזוי ווי ביי יעדן בשר־ודם, וואָס איז נישט קיין קינסטלער. דער דיכטער מוז אָבער געפינען דאָס פּאַסיקע וואָרט צו פאַרפיקסירן די שטימונגען.

פאַראַן אין מיין בוך צווי לידער, איינס נעבן צווייטן, מיט קאָנטראַ־ווערסאַלע שטימונגען. איינס רופט זיך „גרוי" דאָס צווייטע „ליכט". אונדזער לעבן געפינט זיך דאָך אין צענטער פון צווי קרייזן: טאָג און נאַכט. פרייד און טרויער; ליכט און שאָטן; אַ טעזע און אַן אַנטי־טעזע. דער ענגלישער דיכטער פ. ב. שעלי האָט אין אַ ליד אַזאַ שורה: „פון אונדזערע טרויעריקסטע מחשבות, קומט דער זיסטער ניגון".

איצט לאָמיר צעגלידערן אַ חלק פון דעם ליד „גרוי". כ׳ציטיר:

„ווי לאַנג וועט מיין ליד זיך די אויגן אויסקוקן
נאָך אַ שטראַליקן נס פון בלוי?
אַז דאָס ווינטער־פּנים מיט די מירמלנע בליקן
זאָל צעגיין אינעם זאַלץ פון מיין אוי".

מיר האָבן דאָ אַ פּאַנאָראַמע פון ווינטער מיט די מירמלנע בליקן, מירמלשטיין האָט דאָך די אייגנשאַפט פון קאַלטקייט, פאַרטרעט עס דאָס וואָרט „פראָסט" אַ געבעט, אַז דער פראָסט זאָל לאָזן.

אַ צווייטע סטראָפע, כ׳ציטיר:

„כ׳גיי אויף אין מיין ליד דורך וואָלקן־פליגל,
ווי כ׳וואָלט אַ בשמים־רויכל געווען...
באַשלאָגן מיט שוויים, ווי מיט זילבער אַ שפּיגל
ווו נאָך עמעצער קען זיך דאָרט זען".

ס׳איז ווינטער און די שטימונג איז באַווירקט פון גרויקייט און פון פראָסטיקע וואָלקנס. אָבער שאַפנדיק דאָס ליד, ווער איך באַליכטיקט פון דער שכינה, איך אידעאַליזיר די דאָזיקע שטימונג, וואָס דיקטירט מיר ווערטער:

„גיי איך אויף דורך וואָלקן־פליגל,
ווי כ׳וואָלט אַ בשמים־רויכל געווען...

איך לעז מיך אויף — און נישט סתם — דווקא אין אַ „בשמים־רויכל״.

„באַשלאָגן מיט שוויס, ווי מיט זילבער אַ שפּיגל —
ווו נאָך עמעצער קאָן זיך דאָרט זען.

דורך דעם, וואָס כ׳בין באַשלאָגן מיט שוויס פון שאַפן, מיט אינספּיראַציע, נעם איך עס צום פאַרגלייך מיט אַ שפּיגל, ווו נאָך עמעצער קאָן זיך דאָרט זען. ווייל אין אַ ליד זעט איר אַ סך מאָל זיך אַליין אויך.

איצט וועלן מיר אַנטקעגן שטעלן דאָס צווייטע ליד „ליכט״. צוויי עקסטרעמע נאַטור־סעזאָנען, וואָס ווירקן זיך אויס אויפן געמיט פון מענטש און דער קינסטלער דריקט דאָס אויס מיט זיינע מיטלען. כ׳ציטיר:

„ס׳איז דאָ אַזאַ שעה ביים מענטש,
ווען עס העלט ווי אַ סנה זיין געמיט.
כאַפּט מען די שעה פאַר דער צוים
און מען טאַנצט מיט איר אויס אַ ליד״.

שטימונגען בייטן זיך, בייט זיך די עקזאַלטאַציע, ווייל מען די שטימונג פאַראייביקן.

כ׳ציטיר:

„וואָס דען זאָל מען טאָן מיט דער פרייד,
וואָס לעבן באַגערט אין געשטאַלט
אַ טראָפּן, ווי קוועקזילבער־בלוט,
וואָס שפּרינגט אַרויף פון באַהאַלט?״

ווי אַזוי שאַפט מען דאָס געשטאַלט פון פרייד, דאָס אָנטאָן אין

ווערטער ? ווען די פרייד שטייגט, איז די פּולסאַציע אַ שטאַרקע, גיט מען אַ בילד פון קוועקזילבער־בלוט.

כ׳ציטיר :

„אָ, די שעה, אַ זעלטענער גאַסט —
און די ווערבע, וואָס וואַקסט פון געוויין,
האָט פאַרהויבן זיך הימלדיק, הויך
און צעלאַכט זיך הילכיק און ריין״.

אין דער סטראָפע געפינען מיר שוין אַן אָפּאָזיציאָנעל בילד, וואָס פאַרפלעכט זיך צוזאַמען מיט פרייד. דער דיכטער האָט אַזאַ געהויבענע שטימונג, וואָס שאַפט אים די זעאונג, דווקא פון אַ דיסאָנאַנס, אַ סתירה צו אַ וויינענדיקן בוים, וואָס „צעלאַכט זיך הילכיק און ריין״.

איציק מאַנגער האָט אַ מאָל געזאָגט, אין אַ שמועס וועגן זיין אייגע־נעם שאַפן : „ווען איך בין אינספּירירט, איז ראָטשילד צו מיר נישט גלייך״. אויבנאויפיק זעט דאָס דאָך אויס ווי אַן איינפאַכער זאָג — אָבער וואָס פאַר אַ הערלעכער פאַרגלייך ! ער אַליין איז אפשר אין דעם מאָמענט זיך נישט געווען באַוווּסט איבערן טיפן אינהאַלט פון דעם פאַר־גלייך ; ווייל ראָטשילד סימבאָליזירט דאָך געלט, מאַטעריעלע רייכקייט — אָבער געלט איז אין תוך גענומען שמוציק — נעמענדיק דאָס בלויז פון היגיענישן שטאַנדפּונקט, ווייל דאָס גייט דאָך דורך אַזוי פיל הענט פון מענטשן פון אַלע קאָנטינענטן — און זיין מאַנגערס גייסטיקע שאַפונג איז עסטעטיק.

איצט די לעצטע סטראָפע, כ׳ציטיר :

„דאָס ליכט פון אַ געטלעכן לוין,
וואָס פאַרגיסט ווי אַ לאַווע מיין גוף —
איז אפשר דאָס ליכט גאָט אַליין,
וואָס קומט פון אַ וועלטווייטן רוף . . .״.

געטלעכער לוין איז רוח־הקודש, באַגייסטערונג. דאָס איז באַשאַף און באַשאַף קומט פון גאָט. פאַר מיין יצירה קומט פון ערגעץ אַ רוף, אַ סיגנאַל און מען זינגט דערמיט אויס אַ ליד.

— 6 —

הכלל, איך האָב דאָ געגעבן אַ פירוש אויף איינצלנע לידער; אַלע אויסשליסלעך פון אַ פערזענלעכן אויסגאַנג פון געפילן. פאַראַן ביי מיר אויך אַ ציקל נאַציאָנאַלע לידער געווידמעט ישראל. וויל איך דאָ צוגעבן מיין אַני מאמין, אַז דער ציל פון דיכטערס שאַפן אין ברייטן זין גענומען, מוז נישט דווקא זיין בלויז נאַציאָנאַלע שליחות; ער דאַרף פריער פאַר אַלעם איבערלעבן און האָבן פון זיין שאַפן פאַרגעניגן. פרייד איז אַזאַ מאַגנעטיזם, וואָס ציט אויך צו אַנדערע און גיט זיי די מעגלעכקייט פון אַ טייל פון דער פרייד צו געניסן.

אין מיינע לידער איז פאַראַן אַ פאַרשיידענע טעמאַטיק, און יעדער ציקל לידער איז באַגלייט מיט אַן אילוסטראַציע, וואָס סימבאָליזירט דעם אינהאַלט. דאָס הייסט, אַז איך בין נישט בלויז קאָנצענטרירט אויף זיך אַליין מיט מיין ליבע צו מוזיק און צו גאָטס שיינקייטן; איך בין נישט עגאָצענטריש, גיכער ליראָצענטריש.

כ'וועל נאָך פּרוּוון אויסטייטשן שורות פון אַ קליין ליד, וואָס רופט זיך „תפילה". וואָס מיינט דאָס, ווען איין פינגער רעדט מיטן צווייטן, זאָלן אויך הערן לייטן? זיך האַלטן וואָך צום פּאָעטס שפּראַך?

העגט קאָנען לאַכן, הענט קאָנען וויינען און חלומען און הענט קאָנען אויך זיין גייסטיק. פאַר וואָס זאָגט אברהם סוצקעווער אין זיינס אַ ליד: „אַ דינע, שמייכלענדיקע האַנט?". ווייל ער זעט די האַנט שמייכלען. ווייל ער אַליין איז באַגייסטערט פון דער האַנט, וואָס האָט זיך אים „געצויגן אַנטקעגן", טוט ער איר אָן זיין אייגענעם שמייכל. דאָס איז דיכטונג.

אין מיין „תפילה" בעט איך, אַז מיינע פינגער זאָלן אַדורכחלומען

די פען און קומען אויפן פּאַפּיר, ווייל ווען מען שרייבט, טראַכט מען און ווען מען טראַכט, לעבט מען, און ווען מען לעבט, חלומט מען.

***

פאַר וואָס ווערן מיינע פינגער רעדעוודיק? ס׳איז פאַראַן אין דעם זעלבן בוך: „סימפאָניע אין ווינט״ אַ ליד: „כ׳וואָרט״. (זייט 239). איך לעב איבער אַן אַנגסט וואַרטנדיק אויף אַ מענטש — נישט קיין אונטער־שייד ווער דער מענטש איז. איך קלער איבער מיט טונקעלע בילדער; אפשר אַן אומפאַל? אָבער איך וויל מיך נישט אונטערגעבן דער שוואַר־צער שטימונג און פאַרשפיל מיך מיט שאָטנס, איך שאַף אַ געמעל פון כינעזישע שאָטנס אויפן וואַנט. מיינע הענט זענען אין אַזאַ שפּיל־סעאַנס פון מימיק, ווי איין פינגער וואָלט גערעדט מיטן צווייטן. שטעלט אייך פאָר אַ שטומען רעדן מיט די הענט, איז דאָך יעדער פינגער „אַ קלאַנג־לאָזע צונג״! כ׳בין געווען אַליין און געלאָזט רעדן מיינע פינגער, ווי אַ שטומער...

איך האָב דאָ געמוזט מאַכן אַ פאַרפלעכטונג פון פאַרשיידענע אויס־דרוקן, ווו מע מוז זיין קאַרג און פילזאָגעוודיק. ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט, איז דער פירמאַטיוו געווען אויך צו געבן אַ שטיקל אַריינפיר פון קאָמענטירן פּאָעזיע, אַן אָנווונק ווי אַזוי צו געניסן פון דיכטונג. אַוודאי וועט איר זיך אָנטרעפן אויף בילדער, וויניקער פאַרשטענדלעכע, מער אַבסטראַקטע, ווו מען מוז זיך אַריינטראַכטן, כדי אַליין צו דערגיין צום סוד פון זאָגן אַ סך אין קורצע, ריטמישע שורהלעך. אָבער לייענען סטי־מולירט צום טראַכטן — און טראַכטן איז אַ באַזונדער פאַרגעניגן, ווייל פון נאָכדענקען ווערט מען קלוג...

אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, אַז יעדער קינסטלער מוז האָבן זיין זשאַנער, איז ווען מען לייענט אַ בוך, דאַרף מען דערקענען אינעם סטיל דעם מחבר, זיין פּערזענלעכקייט. ער דאַרף זיין אָריגינעל — און צו עפּעס נייעם האָט מען שטענדיק וויניקער צוטרוי, ווי צו קאָנווענציאָנאַליזם. אין דעם פאַל בין איך מסכים מיטן יידיש־דייטשן פילאָסאָף, מאָזעס מענדעלזאָן, וואָס האָט געזאָגט: „שטימען דאַרף מען נישט ציילן, נייערט וועגן״...

אָבער נישט נאָר דאַרף מען דערקענען די פּערזענלעכקייט אינעם סטיל פון מחבר, ער דאַרף פאַרמאָגן דעם גראַוויטאַציע־כוח, דעם רייץ, זיינע ווערק זאָלן צוציִען דעם לייענער.

עס זענען פאַראַן פּאָעטן, יידישע צי אין אַנדערע שפּראַכן, וואָס זענען שטאַרק טונקל, שווער צו פאַרשטיין. צום גליק, געהער איך נישט צו דער קאַטעגאָריע. נאָר די לידער, וואָס איך פאַרשטיי פון אַנגעזעענע פּאָעטן און פיל זיי אָפּ, זאָג איך, זיי זענען גוט. די אַנדערע, וועלכע זענען מיר נישט גענוג קלאָר, זאָג איך, אַז זיי מוזן אוודאי זיין נאָך בעסער...

פאַראַן אַזאַ פאַרגראַמט שפּריכוואָרט: „וויל מען פאַר אַלעמען יוצא זיין, קריכט מען ערשט רעכט אין דער בלאָטע אַריין". אַ שרייבער מוז בלייבן טריי זיך אַליין. ער דאַרף קיינעם נישט צאָלן קיין צינזן. נישט רעכטס און נישט לינקס. צו יעדנס מיינונג זיין טאָלעראַנט און ענטפערן מיט אַ פרישׁ ווערק. אָבער דאָס קאָן שוין אָוועקפירן אויף אַן אַנדערן וועג און דאָס איז נישט איצט מיין אויפגאַבע.

אַ ליד, לאָמיר נעמען פּראָזאַיִש גערעדט, איז אַ באַשעפעניש פון אַן אמת און ליגן. דער אמת נעמט זיך פון דער מאָס פון אינספּיראַציע, אויף וויפל עס האָט פאַרכאַפּט דעם קינסטלער און אים באַווירקט. אָבער נאָר אין דעם הויכן ווערט פון די אויסדריק־מעגלעכקייטן פון קינסטלער, ביי זיין געבורט־שאַפונג, ווערט עס ערשט קינסטלעריש וואָר.

דער פּאָעט פּושקין האָט עדות געזאָגט, אַז ביז ווען אַפּאָלאָ רופט אים נישט צו זיין הייליקן מזבח, איז צווישן אַלע נישטיקע מענטשן דער נישטיקסטער דער פּאָעט.

אַ קינסטלער דאַרף נישט קאָפּירן ס'לעבן, נייערט איבערשאַפן. ווי ריכטיק זיגמונד פרויד זאָגט וועגן קינסטלער, אַז ער איז אַ מענטש, וואָס קאָן נישט שלום מאַכן מיט די פאָדערונגען פון דערווירקלעכקייט, נייערט אויפשטעלן פון דער פאַנטאַזיע, וואָס ווערט די ווירקלעכקייט פון דער קונסט.

כדי צו פאַרשטיין פּאָעזיע, מוז מען זיין אויסגערוט און מען לעבט זיך אַריין אין דער אַטמאָספער פון ליד און אין דער אימאַגינאַציע פון קינסטלער — אין הסכם מיט שאַרל באָדלערס מיינונג: „אימאַגינאַציע איז די קיניגן פון פעיִקייטן".

וויפל איינטאָניקייט לעבן מיר אין טאָג־טאָגיקן לעבן? וויפל וואָכעדיקע, באַנאַלע רייד נוצן מיר פאַרן לעבנס־געברויך. קיין שום קינסטלער, מאַן, אָדער פרוי, פאַרנעמט זיך נישט מיט בלויז רוחניות. יעדערער האָט אויך אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן זיין חלק אין דער גשמיות אין דעם ראָד פון דער טעגלעכער רוטין. — אָבער ביים וואָרט־קינסטלער און ביי יעדן מין קינסטלער געפינט איר די קאָמפּענסאַציע...

וואָס איז שיין? וואָס איז די מאָס, ווו איז דער שליסל, וואָס איז די קריטעריע פון אַ שיין ליד, אָדער פון שיינקייט בכלל? אויף דעם קאָן איך געבן אַ קלינגענדיקן ענטפער: שיין איז דאָס, וואָס געפעלט!

יעקב שאַרגעל

„טויערן אין די בערג"

פאַראַן ביכער און מחברים פון דער וועלט־ליטעראַטור, אַריינגעגערעכנט דער יידישער, וועלכע מען האָט אַזוי פיל מאָל געלויבט און איבערגעלויבט, אַז די קריטיקערס האָבן זיך שוין נישט באַדאַרפט געבן די מי ביי נייע אויפלאַגעס פון די ווערק. דאָס ווערק און זיין מחבר איז געוואָרן קלאַסיש פון דעם עכאָ, פון די עכאָס און אַריין אין דער געשיכטע פון ליטעראַטור. מיר דאַכט, אַז יעקב צבי שאַרגעל איז אַ קאַנדידאַט אויף דער קאַטעגאָריע...

דאָס גאַנצע לעבן איז נישט מער ווי אַ געיעג נאָך רייכקייט, שיינקייט, כבוד און דערפאָלג. דורך רייכקייט, ווי אַ מיטל צום ציל, איז מעגלעך צו קומען צו די אַבסטראַקטע באַגריפן, וואָס ווערן פאַרוואַנדלט אינעם קערן פון קאָנקרעטקייט. פאַרן קינסטלער אָבער, איז ליבע צו עסטעטיק, אַריינגעמענדיק אַלע קינסטלערישע ווערטן, מער גילטיק, און פאַר דער שיינקייט קאָן אַ קינסטלער ברענגען אַ קרבן אַלע איבעריקע געטער.

היות ווי דער פּראָצעס פון לייענען לידער ביי אַן אַקטיוון לידער־לייענער איז אַ לאַנגזאַמער — און דער סטימולאַנט אין קעגנטייל אַ האַס־טיקער, נעם איך מיך נישט צו קיין פּאָעזיע ביי נאַכט... דער פּאָעטישער קלימאַט און דער ריטעם פון די קורצע שורות, צעשטערן דעם ריטעם פון שלאָפּפּרו. חזר איך דערפאַר איבער, וואָס איך האָב דאָס שוין ערגעץ וואו באַמערקט, אַז כ'האָב ליב צו לייענען לידער אין סאַמע פריסטן באַגינען, ווען די לופט איז נאָך ריין און דער מענטש האָט זיך נאָך נישט אָנגעגעסן מיט די אַרומיקע שעדלעכע שטאָפּן — אויך היימיש־מאַטעריעלע זאָרגן, וואָס אַלץ צוזאַמען קאָן מען אָנרופן לויט דער מאָדערנער טערמינאָלאָגיע: „פּאָלושאָן".

אַזוי איז דאָס אויך געווען מיטן בוך „טויערן אין די בערג" פון י. צ. שאַרגעל. זיין פריִערדיק בוך „אויף זוניקע שוועלן" האָט שוין ביי מיר באַגײַסטיקט נישט אַוועקצולייגן דאָס איצטיקע בוך אין אַ זייט.

דאָס לידערבוך עפנט זיך מיט אַ פיליגראַן־דינער צייכענונג פונעם מיניאַטוריסט דוד טושינסקי, וואָס צייכנט — דאַכט מיר — מיט האָר פון אַ מלאך, און ס'איז טאַקע ווי אַ פאַרבעטונג אין אַן אָפן טויער פון פּאָעזיע...

„פון חלום אויפגעריסן", „שווייגשאַפט", „ביים סוף פון מידן טאָג" און „צו דיר", זענען די פיר טיילן פון בוך. מען זאָגט, „דאָס לעבן איז נישט מער ווי אַ חלום, אָבער וועק מיך נישט אויף"... „פון חלום אויפגעריסן" איז אַ דראַסטישער אָנזאָג צו די חבלי־לידה פון שאַפן און איבערשאַפן.

דאָס ערשטע ליד איז ווי אַן אַריינפיר צו אַ נאַציאָנאַלער וויזיע, וואָס איז געוואָרןווירקלעכקייט. די מאָטיוון זענען אַ געפלעכט פון דאָרט־און־דאָ און פון קאָנטראַסטן: סביבה, אומגעבונג, סאָציאַלער שטאַנד, איצטיקייט און עבר. אין פאָדערגרונט פון אַלע מאָטיוון שטייען די מאַיעסטעטישע בערג פון ישראל. כדי בולט צו מאַכן די פאַרבינדונג פון דער אַלטער און נייער היים, זינגט ער צו זיין גאָרטן און דערציילט:

„האָסט געהערט,
מיין ברכה, די ברכה פון מיין ליד, וואָס עס זינגט
פון מיר אַרויס מיין טאַטע, דער געשאָכטענער ייד".

ליכט־ און שאָטן־וויזיעס קייטלען זיך אין אַ סך פון דער לידער־זאַמלונג.

אַ מענטש קאָן נישט פאַרגעסן דאָס אָרט, וווּ זיין וויגל איז געשטאַנען. צייט און רוים קאָנען עס נישט אָפּמעקן. אין דעם ליד פונעם ערשטן ציקל, „שיכור פון דיין בלוי", איז אַרויסגעפירט די מעכטיקע קאָליזיע פון עפּאָכעס פון צוויי געאָגראַפיש־ווייטע שטחים: ישראל און פּוילן. דער

באַרג חרמון „צעצינדט דאָס זען און דעם ניגון", וואָס וויקלט אויף אַ פּאָעטישע פּאַנאָראַמע פון אַ טונקעלן דאָרט מיט אַ ליכטיקן דאָ.

„פוילן האָט געהייסן דאָס לאַנד פון מיין געבוירן,
דאָרט האָב איך געפונען און פאַרלוירן אַ לעבן".

פוילן — די ליקוי־חמה — און ישראל דאָס אויפגיין פון ליכט. אָבער דאָס כאַראַקטעריסטישע פון זיין היים געפינען מיר אין דעם ליד „מיין באָבע האָט געהאַט דאָרט אַ מיל". אַ וואַרעם און היימיש בילד פון דער באָבעס מילעכל, וואָס איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים צוזאַמען מיט דער באָבען אין אַ גלגול פון אַ נישט־פאַרגעסלעך ליד:

„גראָד איז דאָס מילעכל געוואָרן אַזוי גרויס ווי איר מזל.
איז דאָס געמאָלעכטס געפאַלן דורך די זיפּן —
שניי פאַר דער טיר,
און פאַרשאָטן
די קוים באַפּוכטע חלומות וואָס אין מיר".

טראָץ דעם, וואָס דאָס ליד וועקט די נאָסטאַלגיע פון דער שיינער און פרומער אָרעמקייט, קומט אָבער ווי אַ דונער דער פינאַל:

„אַז וויי צו דעם מזל —
דער שכן האָט אַלץ צוגעגזלט".

איר זעט אָבער נישט דעם חורבן, ווו מען האָט געגזלט און אָפּגעטויט דעם וואָרצל פון יידנטום, ווייל דאָ דאָמינירן די פּאָעטישע פערזן פון וועלכע מיר הערן דאָס נאַראַטיווע געזאַנג פון דער באָבעס מילעכל, וואָס איז „קליין ווי דאָס מזל" און איז פאַרוויגט מיט פּאָעטישן ליריזם.

כמעט אַלע לידער זענען אין פרייען און אין ווייסן פערז. זיי זענען אָבער מעלאָדיש אין זייער ריטעם. גאַנץ אָפט גראַמט זיך אַ סוף שורה

מיט דער מיטן־שורה, אָדער אין פאַרקערטן סדר. אַ מין נייקייט־פאַרעם, וואָס לאָזט זיך לייכט אַסימילירן. צום ביישפּיל:

כ׳וועל מחדש זיין די לבנה די נייע,
און וועל איר זינגען בעטהאָוועס סאָנאַטע,
און ווי מיין טאַטע — שפּרינגען קדוש״.

אַ דיכטער מוז זיין פאַרליבט אין אַלעם, וואָס רינגלט אים אַרום, אין יעדער נאַטור־דערשיינונג און די פאַרליבטקייט איז זיין אינספּי־ראַציע.

בכלל געפינט שאַרגעלס ליד איר דימענסיע אין דער קאָנטעמפּלאַ־ציע און באַוווּנדער פון נאַטור־ווערטן, ווי אַ תפילה אין אַנטראָפּאָמאָרפישן זיין. לדוגמא איז דאָס פערלדיקע ליד, „צום טעפּער״ מיטן מאָטאָ: כי הנה כחומר ביד היוצר...

„טעפּער,
איך פאַרגיב דיר דיין אייביק מאַכן מיך
פאַרשמעלערט.
פון דער טיפעניש פון טאָל,
פון דער געדעכעניש פון אַ מאָל —
כ׳פאַרגיב דיר דיין מאַכן מיך שמאָל,
פאַרפּעלערט״.

פאַראַן לידער פון וועלכע עס טראָגט זיך דער זעלבער באַדויערנ־דיקער אויסקלאַנג פון פאַרגיין. זיי דערמאָנען דאָס ליד וואָס משה נאַדיר ע״ה האָט אויף זיין זשאָנגלירנדיקן אופן פאַרמאָגט צו וואָרטלען זיינע געדאַנקען:

„היינט איז נעכטן, מאָרגן איז אויס,
שענקט מיר אַ חלום און וואַרפט מיך אַרויס״.

רעדנדיק צום מאָרגן, פאַרענדיקט שאַרגעל אין אַ סאַטיריש־מעלאַנ־כאָלישער ווענדונג, דער מאָרגן איז דאָ בלויז אַ סימבאָל:

„און דו? —
אוי ווי וואָלסטו וועלן זיין גרויס,
גרויס ווי דער אומענד,
ווי די פרייד,
ווי דער אומעט —
נאָך איידער געוואָרן ביסט היינט".

אָט די שורות פון שאַרגעל „נאָך איידער געוואָרן ביסט היינט", ווו דער מאָרגן ווערט דער פאָרלויפער פון היינט, באַציט זיך צום שפּעקו־לאַטיוון וואָרטדריי און פאַראַדאָקס פון משה נאַדירס „היינט איז נעכטן". — היינט בין איך דאָ, מאָרגן בין איך אַ געווען...

דער גאַנצער ציקל פון די לעצטע לידער זענען אָדעס צו שיינ־קייט — שיינקייט אויך אינעם זין פון גוטסקייט, וואָס נעמט אונדז אַרום מיטן ווילגעפיל פון רוח־הקודש.

שאַרגעל שטייט אין אַ פּונקט פון מדבר סיני ווו ער איז באַגייס־טערט און שליסט איין אין דעם רוח־הקודש, וואָס איז דורכגעשטראָלט מיט תנ"כישע זעאונגען.

מיר מוזן אויך אונטערשטרייכן די לידער־ווידמונגען צו סוצקעווער, צו מאַנגער און אַנדערע, וואָס זענען געשאַפן מיט אַזאַ פּאָעטישן אָטעם, וואָס קאָנען זיכער נישט אַנטוישן גרויסע קינסטלערס.

אַזוי פיל שיינקייטן זענען קאָנדענסירט אין דעם אָפּקלייב פון לידער פונעם דיכטער יעקב צבי שאַרגעלס „טויערן אין די בערג", אַז עס לאָזט זיך רעזומירן מיט איין זאַץ: פון האַרץ אַרויס אין האַרץ אַריין.

לילי בערגער

„צווישן שטורעמס"

די באַקאַנטע שרייבערין און עסייאיסטין, לילי בערגער, ציט דעם אויפמערק סיי מיט איר קרעאַטיווקייט, סיי מיט דער זעלבער נישט אויסשעפּלעכער טעמע פון אירע לעצטנס דערשינענע ביכער, ווו די געשעענישן און נאַראַציע זענען געאָגראַפיש צעוואָרפן איבער צוויי לענדער, פוילן און פראַנקרייך. די לעצטע דריי ביכער: „נאָכן מבול", (אַ פּרעמירטער ראָמאַן), „אָפּגעריסענע צוויַיגן" (נאָוועלן און דערציילונגען) און דאָס איצטיקע, „צווישן שטורעמס" זענען אינספּירירט פון די באַלאַסטנדיקע איבערלעבונגען פון דער מחברין איבעם היטלער־חורבן און זיינע קאָנסעקווענצן — און פּאַראַלעל צו דעם, דעם חורבן פון דער אידעע פון סאָציאַליזם, אויף וועלכער דער גרעסטער טייל פון דער יידיש־פּוילישער יוגנט איז געווען דערצויגן. דער היטלער־קאַטאַקליזם ווי אַ טעזע, דער סאָציאַליזם און די צעשמעטערנדיקע אַנטוישונג צוליבן פּוילישן אַנטיסעמיטיזם ווי אַן אַנטיטעזע, און דער פיין אויפגעבויטער ראָמאַן, „צווישן שטורעמס" — דער סינטעז. לילי בערגערס בוך איז אַ האַרץ־אַראָפּרייד אין רבים. אָדער בעסער געזאָגט, זי אַליין איז דאָס האַרץ פונעם ראָמאַן.

אַ רעזיסטאַנצלערין אין פראַנקרייך, פאָרט זי נאָכן קריג צוריק קיין פוילן מיטן געדאַנק צו העלפן בויען די נייע פאָלקס־דעמאָקראַטיע — אויף וועמענס לוחות עס זענען אויסגעקריצט אַלע פּריווילעגיעס פון אַ הומאַניטאַרער אָרדענונג. כאָטש דער דורכפאַל איז אַזאַ טאָטאַלער, באַקעמפט דאָס די מחברין מיט איר אָפּטימיזם — אָבער שוין נישט לויט דער מאַרקסיסטישער דיאַלעקטיק פון עוואָלוציע און פּראָגרעס, נייערט מיט אַ געזונטן און קלאָרן צוגאַנג צום אמת און גערעכטיקייט.

איז דאָס איצטיקע בוך, „צווישן שטורעמס", אַן אויטאָביאָגראַפישער

ראָמאַן? יאָ און — ניין. דער דייטשער דיכטער געטהע האָט ריכטיק כאַראַקטעריזירט דעם סכום פון זיין שאַפן, זאָגנדיק: „אַלע מיינע ווערק זענען קליינע פראַגמענטן פון מיין גרויס לעבן״. און לאָמיר זיך אַ ביסל קלאָר מאַכן וועגן דעם באַטייט פון אַ ראָמאַן, ווייל נישט אַלע ווערק, וואָס טראָגן דעם טיטל זענען עס ווערט. אַ ראָמאַן קאָן אויסדריקן פאַרשיינ־לעכקייט און אומגלויבלעכקייט, אימאַזשינאַציע, ליבשאַפט און אינטריגע, אינטימע צווישנמענטשלעכע באַציאונגען אין אַ סביבה פון ארומנעמענ־דיקע קולטור־באַדינגונגען. אָבער די סאַמע קורצסטע דעפיניציע: אַ ראָ־מאַן איז לעבן, נאָר דאַרף צוגעטראָגן ווערן דעם געניסער, ער זאָל באַוווּנדערן — נישט בלויז די כלי, נייערט אויך וואָס עס געפינט זיך אין דעם...

ווער עס קאָן נעענטער די מחברין, איז לייכט צו דערקאָנען אין דער הויפּט־העלדין אַנעט, לילי בערגער. אַנעט איז אַ פּראָטאָטיפּ פון אַ ראָמאַן. אַ פרוי וואָס ווייסט וואָס זי וויל און וויל דווקא דאָס, פאַר וואָס מען דאַרף שווער קעמפן.

דער ראָמאַן הייבט זיך אָן מיטן צוריקקומען פון אַנעטן קיין פוילן צו איר מאַן מאַרעק. זי ברענגט מיט זיך אַ פינפיעריק יינגעלע פון אַ גע־ליבטן, וואָס איז אומגעקומען. דער מאַן ברענגט מיט צו דער באַן זיינס אַן אַדאָפּטירט קינד. אַ ביסל אַן עלטערער, פון אומגעקומענעם פריינד — אָדער אפשר גאָר פון אַן אַנדערער פרוי? ביי דער באַן שטעלט מען פאָר ביידע קינדער ווי ברידערלעך, יורי און קלאָד. דורך דער ליבע פון פאַרפאָלק, וואָס איז געווען צעשיידט אַ לענגערע צייט, צעמענטירט זיך ביסלעכווייז דער משפּחה־עלעמענט.

דער היטלער־חורבן איז פאַרענדיקט. די ערד, פעט פון יידיש בלוט און פלייש, ווערט פאַרבויט. אַ הייפל געבליבענע יידן הייבן אָן אויפסניי צוריקצושטעלן זייער היים אויפן פוילישן באָדן. אויך אַנעט איז צוריק־געקומען פון פאַריז אין איר היימלאַנד מיטן ציל צו העלפן דעם סאָציאַ־ליסטישן אויפבוי.

פונקט ווי דער וואָרעם, וואָס כאַפּט זיך אַריין אין דער בליאונג פון אַן

עפּל און פאַרדאַרבט אים, אַזוי אַנטוויקלט זיך דער חורבן־אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן. גלייך ביים אָנהייב פון בוך פילט מען די אַטמאָספער, וואָס שאַפט פאַרדאַכט... אין די סודותדיקע, אָפּגעריסענע, נישט־דערזאָגטע זאַצן פון מאַרעקן זענען שוין דאָ אָנדייטן אויף דעם ווייטערדיקן, וואָס ווערט אַנטוויקלט אינעם ווערק. אַנעט באַמערקט אין דער ערשטער נאַכט ווען זי איז ווידער אין די אָרעמס פון מאַרעקן, דעם שראַם ביי זיין מויל... און די צעשאָקלטע ציין. זי אָבסערווירט דאָס זייער דיסקרעט; זי רעדט נישט קיין סך דערפון. ער — נאָך ווייניקער... זי וויל נישט האָבן מער קיין קינד. ער ענטפערט ווידער מיט אַ נישט־דערזאָגטקייט, אַז ער איז דערוויייל נישט בכוח... מען דערקאָנט אַ טונקעלן אַרויסדרייען זיך, אַז אין דער לאַבאָראַטאָריע וווּ ער אַרבעט ווי אַ כעמיקער, האָט עפּעס אויף אים שעדלעך געווירקט... קלאָרע דיבורים הערן מיר אַ סך שפּעטער, אַז מען איז אים מכבד געווען מיט אַ שאַרפן אָביעקט אין די ציין, ביי אַן אויס־פאָרשונג, ווו מען האָט אים איינגערעדט נישט געשטויגענע חטאים...

דאָס בוך ווימלט מיט אַ גרויסער צאָל סימפּאַטישע פיגורן. אַן אינטע־לעקטועלער שיכט פון פריינד און באַקאַנטע מיט וועלכע די הויפּט־פּער־סאָנאַזשן מאַרעק און אַנעט קומען אין קאָנטאַקט. זיי גייען אַדורך אין דעם בוך מיט וועלכע די מחברין פאַרבינדט אונדז און גיט שטריכן פון יעדן העלדס איבערלעבונגען. זיי אַלע זוכן זיך אַריינצופּאַסן, זיך אינטעגרירן אין נייעם רעזשים. אַ ניי לעבן און אַ נייער קאַמף אין דער פּוילישער היים. צו ערשט צווישן די קינדער, ביז עס שטעלט זיך איין אַ געמיינזאַמע שפּראַך. קלאָד רעדט פראַנצייזיש. יורי רעדט פּויליש — און אַנעט צילט מיט איר געפלעגטן חוש פאַר יידיש, צו שאַפן האַרמאָניע. סוף־כל־סוף געלינגט דאָס איר. נאָך שווערער קומט איר אָן אַנצוהעקלען זיך אין אַ באַשעפטיקונג, וואָס אַנעטן איז נאָענט. זי איז אַ שרייבערין, אַ היסטאָ־ריקערין; פאַרנעמט זיך מיט שאַפן דאָקומענטן בשייכות מיט דער יידי־שער קינדער־מאַרטיראָלאָגיע. זי וויל איר מאַנוסקריפּט אָפּדרוקן. דער הויפּט־רעדאַקטאָר, וואָס פאַרנעמט זיך מיט דעם קאָנטראָל גיט איר אַראָפּ־צושלינגען אַ ביטערע פּיל: „חברטע, איר גייט אויף אַ גליטשיקן וועג". זי ווייסט גאַנץ גוט וועגן דעם, זי זוכט אָבער צו דינען דער יידישער זאַך.

פּונקט פאַרקערט ווי די העלדין מיט איר ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט און קעמפערין פאַר גערעכטיקייט, טרעפט זי אַרום זיך אַ פּאַסיוון שיכט, אַ מידן, וואָס וויל זיך דווקא לאָזן אָפּמעקן און אונטערוואַרפן זיך קאָמ־פּראָמיסן. אַנעט איז אַ טומלערין, אַן אָפּפרעגערין און זוכט נישט נאָר אויסער איר היים איבערצייגן פריינד, אַז מען דינט דעם טייוול, אויך אין איר היים לאָזט זיך די האַרטנעקיקייט אָפּפילן. מאַרעק שווייגט פאַר־ביסן און וואַרפט איר פאַר אומפּאַרזיכטיקייט. אַנעט און מאַרעק זענען צוויי אַנטיפּאָדן. די שטילע קאָליזיע פון קעגנגעזעצלעכע באַשטימונגען, זי — צו אַנטלויפן, ער — צו בלייבן, קומט פאַר צוליב זיין אָפּשטאַם. יעדערער פון זיי איז געקומען מיט זיין קולטור־ירושה, מיט זיין היים־דערציאונג. זי פון אַ רעליגיעזער היים, ער פון אַ דורכאויס אַסימילירטער סביבה. אויב עס זענען פאַראַן וואַקלונגען, שטימונגען פון אַ גיוואַנסירטן אויפנעם פון פּוילישן נאָך־מלחמה־רעזשים, איז די הויפּטהעלדין אַנעט דראַקאָניש, האַרט מיט איר שטעלונג און דיסציפּלין קעגן קאָנפאָרמיזם. ווייַ איז צו דעם לאַנד, ווו מען צווינגט צו לעבן לויט אַ דיקטאַט. דאָס רודערט אויף די מחברין, וואָס גיט איבער איר אומרו און רעוואָלט דורך דער צענטראַלער פיגור פון אַנעטן. זי איז קעגן דער אידעע, אַז אַלע זענען פּאָליאַקן און מוזן זיך פאַרשמעלצן אין זעלבן טיגל ווי פּוילישע פּאַ־טריאָטן. קיין זאַך קאָן אַזוי נישט איבערצייגן ווי אָפּפילן אַליין פאַקטן. אויך די קינדער האָבן זיך געהאַלטן פאַר פּוילישע פּאַטריאָטן, אַזוי לאַנג ביז מען האָט זיי אַרעסטירט אין אַ סטודענטן־געשלעג.

אין דעם בריוו פון אַנעט צו איר שול־פריינדין סילוויע, געפינט מען שוין די גאַנצע היסטאָרישע דראַמע פון דעם ראָמאַן. די מאַקאַברישע איבערלעבונגען אין וואַלד, ווי אַ פאַרבינדלערין צווישן פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען אין פראַנקרייך — און די אַנטוישונג אין דער אידעע פון גלייכקייט און יושר. די פּערזענלעכע ליבע פון מאַרעק צו אַנעטן און דאָס צוריקקומען צו אים קיין פּוילן, איז בלויז אַ קליינער עפּיזאָד און אפשר אַן אויסרייד ?...

מערקווערדיק איז ביי אַ טייל די נישט־צעברעכלעכע מיסטיק פון גלויבן, די נאַאיווקייט, אַז די אידעע פון סאָציאַליזם וועט נאָך אָפּהאַלטן

דעם פֿאַרדינטן נצחון. צו דער קאַטעגאָריע געהערט אויך מאַרעק. טראָץ דעם, וואָס ער זעט זיך געצוווּנגען צו פֿאַרלאָזן דעם באָדן, וואָס הייבט אָן ברענען אונטער די פֿיס. ווען דער גלויבן ווערט וואָס אַ מאָל אַנגעמישער בלייבט נאָך אַלץ די אינערלעכע קנעכטשאַפֿט, דער צוואַנג־אינסטינקט. ביז מאָראַלישע קלעפּ וועקן אויף פֿון דער אַטראָפּירטקייט, וואָס ווערן דערזעצט מיט נייע חושים פֿון זען און פֿילן... אַפֿילו די אינטעלעקטואַלן מיט דער אַרכימאַרקסיסטישער אידעען־ליבע, הייבן אָן פֿילן קלאָר פֿון וואַנען עס נעמט זיך דער פּסיכאָז פֿון אַנטלויפֿן און די זעלבסטמאָרד־עפּידעמיע, ביז מען באַזייטיקט נישט פֿון די פּאָסטנס אונטער פֿון אַלעמען שוין באַקאַנטע און אויסגעדראָשענע באַשולדיקונגען, האָפֿט מען נאָך!...

די „קאלאהאראס אייניקלעך" אין דער שיינער נאָוועלע פֿון לילי בערגער (זע „גאָלדענע קייט", נר. 65), באַהאַנדלט די מחברין די זעלבע פּראָבלעם. „קאלאהאראס אייניקלעך" גרייסן זיך פֿון יאָרן און דורות צו זיין אַסימילאַנטן. אַ טייל פֿאַרווישטע משפּחות דורך שמד, נעאָפֿיטן וואָס האָבן מיטגעהאָלפֿן צום אויפֿבוי פֿון פּוילן אין די סאַמע שפּיצן פֿון מאַכט, ווערן פּלוצלינג אַרויסגעשטויסן פֿון זייערע פּאָזיציעס, צוליב זייער בלוט־ירושה, וואָס זיי האָבן שוין פֿון לאַנג פֿאַרגעסן — אָבער די קינדער זענען זיי דאָס נישט מוחל. דאָס זענען אויך בלעטער געשיכטע אין אַ בעלעטריסטישער פֿאָרעם.

רירנדיקע שיינע קאַפּיטלען געפֿינען מיר אינעם היסטאָרישן קאָנטעקסט פֿון די בית־עולם־חורבות. ס׳איז נישט קיין טרוקענע כראָניק, נייערט גוט אַריינגעבויט אינעם ראָמאַן. דאָס בוך שפּרודלט מיט דער שרייבערינס כוח־הדיבור. לילי בערגערס קינסטלערישע סטיכיע, איז קאָנצענטרירט אויף דער באַריידעוודיקייט. זי אַנטשפּאַנט זיך דורך דעם מעדיום פֿון איר הויפּטהעלדין אַנעט. נאָר דער סאַמע נאָענטסטער מענטש אירער, מאַרעק, איז אַ שווייגער. מיט דעם ווילן מיר באַמערקן דעם פּסיכאָלאָגישן בלויז פֿון געבן איינעם צו פֿיל לשון און דעם צווייטן די מאָס פֿון — אַ רענדל אַ וואָרט. זיין אַנטשפּאַנונג דריקט זיך אויס בלויז אין דעם ליבע־זשעסט פֿון אַ קוש טאָן איר אין האַנט.

די לעבעדיקע קאָנדענסירטע דיאַלאָגן, דער סטיל אָ פֿאַמיליאַרער, געמישט מיט פֿאָלקסוועטלעך — אמת, אַ טייל פֿון זיי נישט אָריגינעל, אָבער זיי גיבן צו חן די דיאַלאָגן, וואָס האַלטן כסדר אונטער דעם סטי־מולירנדיקן ריטעם פֿון אינטערעס צום בוך. זי פֿאַרקוויטלט נישט דעם טעקסט מיט קיין סך נאַטור־באַשרייבונגען. זי ניצט זיי בלויז אין באַ־שטימטע מאָמענטן, וואָס גיט דער נאַראַציע דאָס בילד פֿון וואַרשיינלעכ־קייט. ווען זי שילדערט דעם הולך פֿון איר קינד אין די אומגעלומפּערטע קליידער, פֿילט מען שוין אַרויס דעם שניידיקן פּוילישן ווינטער־קלימאַט.

די ווערט פֿון לילי בערגערס ראָמאַן „צווישן שטורעמס" וועט מען נאָך בעסער באַנעמען פֿון אַ ווייטער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, ערשטנס צוליב די שאַרפֿע אַקצענטן פֿון אַ ראָמאַן און דער עיקר אויף דעם שווער־פּונקט אויף וואָס דער ראָמאַן האַלט זיך — און דאָס איז די פֿאַרקריפּלונג פֿון אַן אידעע אויפֿן חשבון פֿון אַ גלויביק פֿאָלק — און ספּעציעל אויף אונדזער חשבון, וואָס האָט געגעבן דעם לייבן־חלק אויפֿן מזבח פֿון סאָציאַליזם.

רבקה קוויאַטקאָווסקי־פנחסיק

„צווישן כרמל און ים״

די חיפה׳ער שרייבערין רבקה קוויאַטקאָווסקי־פנחסיק, האָט מיט אירע ביזאיצטיקע ווערק דערגרייכט אַ וויכטיקע פּאָזיציע אין דער בעלע־טריסטיק. מען קאָן נעמען איר לעצט דערשינענע בוך, וואָס טראָגט דעם טיטל: „צווישן כרמל און ים״, ווי אַ רמז צו דער געשיכטע פון דער שארית הפליטה.

ווען מען גיט אַ בליק אויף די פּאַרצייכענונגען פון די אַרויסגע־געבענע ביכער פון דער מחברין, דער עיקר אויף די אָפּרופן פון זיי, זאָגט דאָס אונדז אונטער, וואָס עס האָט זי באַוועלטיקט זיי צו געבן אַ תיקון אין דער ליטעראַטור. זי אַליין איז אַ געליטענע און דעריבער ווי אַריינגע־וואַקסן אין דער חורבן־ליטעראַטור פון וועלכער מיר געניסן מיט הנאה, וואָס איז לײדער אין סתירה צו דער טראַגישער טעמע.

דאָס בוך עפנט זיך מיט אַן אַריינפיר־ליד צו דעם דערציילערישן — און זי האָט אַנדערש דאָס נישט געקאָנט טאָן, ווייל יעדעס הקדמה־ליד צו אַ ציקל דערציילונגען איז ווי אַן אבר פון זעלבן גוף. ווען עס איז נישט באַקאַנט, אַז די שרייבערין איז איינע פון פאָלק, וואָס האָט געברענט און געברענט און צוריק אויפגעשטאַנען פון אַש (פּאַראַפראַזירנדיק לייוויקן) דערוויסט זיך עס פון איר ווערק. דעריבער צייכנט זיך אויס דאָס איצטיקע בוך מיט אַן אַמביוואַלענטן ווערט, פּראָזע און ליד.

די שיף איז אַן אינטערנאַציאָנאַלע תיבה, וואָס פירט די יידן נאָכן בלוט־מבול אין אייגענעם לאַנד. טרעפן זיך דאָ יידן פון שאַנכאַי, פון מאַראָקאָ, פון שוועדן, ניסימדיק אַפּגעראַטעוועטע פון די דייטשע לאַ־גערן — אויך פון סיביר און אַנדערע וועלט־ווינקלען. די שיפרייזע פון

די אויסגעוואָרצלטע, פּאַריתומטע און אָבלים, ווערן ווי משפּחהדיק פאַר־אייניקט אויף דער ים־רייזע. די בשותּפותדיקע איבערלעבונגען צעבלאָזן פונקען פון מענטשלעכער וואַרעמקייט און מען רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן. פאַראַן אויך אַן אַנדערע קאַטעגאָריע מיטפאָרערס אויף דער שיף, וואָס איז אָפּגעשוואומען פון מאַרסעי; דאָס זענען סוחרים פון אַ ווייטן קאָנטי־נענט. אויסגעפּוצטע מיט גדלות פון זיכערקייט און זאַטקייט. זייער גע־שפּרעך איז דעריבער אַ קעגנזעצלעכער. זיי רעדן מיט חוזק און איראָניע פון די אויסגעמאַטערטע עולים מיט וועמען מען דאַרף אויפבויען אַ לאַנד.

די מחברין פאַרמאָגט שאַרפע, פאַרפיינטע חושים פון זען, הערן און פילן. אַ דאַנק דעם באַקומט זיך אַ ברייטער פּרעסק פון די שיף־פּאַסאַ־זשירן און געווינט באַלד דעם לייענער. דאָס איז דער גייסטיקער מאַגנע־טיזם פון אַ שרייבערין, וואָס האָט אויסגעקנעטן די רעאַליטעט מיט אַזאַ כּוח־הדיבור, אַז מען האָט דעם איינדרוק צו זיין אַ מיטפאָרער...

דאָס בוך, וואָס באַשרייבט דעם אַנלויף פון מענטשן אויפן טראַנזיט־באָדן צווישן הימל און וואַסער, צייכנט זיך נישט ספּעציעל אויס מיט אידעאַליזם, ווי דאָס זענען געווען די פּיאָנערן, וואָס זענען געקומען טרי־קענען זומפּן און אויסהאַקן פון שטיין אַ נעסט צום וווינען. דאָ דאָמינירט דער גייסט פון איינוואָרצלען זיך און אָפּרוען; זיך שאַפן אַ היים. דאָס דאַרף זיין זייער לעצטע סטאַנציע — מיט אייניקע אויסנעמען פון מענטשן, אין וועלכע עס שטעקט נאָך דער אַטאַוויזם פונעם וואַנדער־פּסיכאָז, אָדער סתם אַ ווילן צו לעבן אין ווייטאָג. אין אַ גרויסער און גרייטער מדינה. צום ביישפּיל דער כעמיקער דאַשינסקי, וואָס טראָגט דעם, וואָס ער איז שוין באַשעפטיקט האָט נישט קיין געדולד צו לעבן אין אַזאַ רוי לענדל. עס קוועלט אים אַפילו צו זען ווי אויף דער ישראל־ערד ווימלט מיט פּראָבלעמען און אין דער ערשטער ריי איינאָרדענען זיך אַן אייגן ווינקל. ביים סאַמע איבערטרעטן די ישראל־ערד, הייבט זיך אָן די טאָג־טעגלעכע מלחמה פון קלענערע מאַטעריעלע זאָרגן און וואַקסן אויס סימולטאַן, וואָס אַ מאָל צו גרעסערע פאַרלאַנגען, צו אַ העכערן ניוואָ פון לעבן און באַ־קוועמלעכקייטן.

ריכטיק זאָגט אין זיינע „געדאַנקען" דער פראַנצייזישער שרייבער און

פילאָסאָף, בלעז פּאַסקאַל, אַז יעדע נייע מאַטעריעלע דערגרייכונג פּאָדערט אַ ווייטערע אויסברייטערונג און צופּאַסונג. ווען מען האָט גאָרנישט, דאַרף מען עפּעס, נאָר קוים האָט מען דעם עפּעס איז די קליינע דערגרייכונג שוין אַ נייער שוועלג צו שטייגן העכער... (ס׳איז נישט קיין פּרעציזער ציטאַט, נייערט דער גרונט־געדאַנק).

באַגעגענען מיר אין דעם בוך דעם לאַנגזאַמען טעמפּאָ פון דערגרייכן. דער פּרימיטיווער אָנהייב פון באַראַקלעך, ביידלעך, דאָס איז קודם־כל דער באָדן מיטן דאַך. צו דעם פונדאַמענט דאַרף ערשט יעדערער טראָגן ציגל, אַרבעטן פאַר זיין פּערזענלעך איינאָרדענען זיך, וואָס דאָס אַליין קאָן שוין זיין אַ סינאָנים פון העלפן בויען דאָס אייגענע לאַנד.

די דערציילונג פון קנאַפּע 400 זייטן, וואָס באַהאַנדלט די אויסגע־וואָרצלטע, ציט אונדז אַריין מיט אַ פּאַרכאַפּנדיקן אינטערעס, וואָס רייסט אַרויס פון אונדז אַ טרער, אין וועלכער עס שפּיגלט זיך אויך אַ שמייכל. עס לאָזט זיך אַדורכפירן אַ פּאַראַלעל מיט לעאָן יוריס „עקזאָדוס", אַ שפּאַנענדיק ווערק, וואָס האָט בשעתו געמאַכט אַ רושם. דערביי מוז מען אויך דערמאָנען די חורבן־זכרונות פון אַמאָטאָרן שרייבערס.

קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק האָט נישט קיין מורא געהאַט זיך צו נעמען צו דער טעמע, וואָס איז שוין רייך עקספּלואַטירט געוואָרן. אַ זעלבסט־זיכערקייט, אַז זי איז קאָמפּעטענט צו דערציילן, האָט איר געגעבן כוח אויסצופירן די שרייבערישע מיסיע. רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק דער־ציילט, זי דעטאַליזירט די זאָרגן פון ווייבלעכן מין, דער עיקר פון דער מאַמע און שטוב־פרוי.

די ענגלישע שרייבערין, ראָזאַמאָנד לעהמאַן, האָט באַשריבן די סאַמע פּשוטסטע טואונגען פון דער הויז־ווירטין. כאָטש דעם לייענער האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז מען קאָן זיך באַגיין אָן די דעטאַלן, האָבן דווקא קריטיקערס גאָר הויך אָפּגעשאַצט איר ליטעראַטור ווייל ווי אַ פרוי האָט זי גוט געקענט די פרויען־פּסיכאָלאָגיע. אויך פון קליינקייטן קאָנען זיך שאַפן פאַמיליע־קאָנפליקטן און דראַמעס.

וואָס דאַרפן מיר דעם ביישפּיל ברענגען פון ווייט? אויך די ירו־

שלימער דיכטערין ריקודה פּאַטאַש ע"ה האָט אַריינגענומען אין אירע פּאַרפּאַעטיזירטע דערציילונגען איינצלהייטן פון צניעות, רירנדיקע איבער־לעבונגען פון פרומע פרויען און מענער. זי האָט געגעבן אין איר ספּע־ציפישן זשאַנער דעם ירושלימער פּייזאַזש מיט דער גאַנצער נאַאיווקייט פון גרויסע און קליינע דאגות און דער עיקר מיט דער אָרגאַניש יידיש־מיסטישער דערוואַרטונג אויף משיחן.

רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק פאַרמאַגט אויך פיל ליבשאַפט צום פּשוטן פאָלק, צו אַלע אירע העלדן, אַז אַלע זייערע טאָג־טעגלעכע זאָרגן, די קלענערע ווי די גרעסערע ווערן באַהאַנדלט מיט דרך ארץ, מיט חשיבות, ווי זיי וואָלטן געווען אירע אייגענע. זי נעמט אַרום מיט אירע אָרעמס אַ צעכוואַליעטן מענטשן־ים מיט אָבסערוואַציע און מיט אַ מאַ־מעדיק געפיל. יעדער טיפּ, יעדער העלד באַקומט זיין שפּראַך. זי באַ־שלייערט זיי נישט מיט קיין שרייבערישער אינטעליגענץ. דעריבער האָבן מיר עכטע בילדער, וואָס ווירקן אויף אונדז: די שטוב־זאָרגן, דאָס אויפ־ראַמען, די טעכנישע אַנשיקעניש פון באַלעבאָסטעס. אַפילו דאָס איינשאַפן זיך אַ שטיקל אייז, אַז דאָס עסן זאָל נישט קאַליע ווערן אין די אַנגע־היצטע באַראַקלעך... דאָס איז אַזוי אייגן דער פרוי — און דעריבער קאָן נאָר אַ פרוי זיין אַ געשווירענער עדות פון דער לאַסט פון אירס גלייכן...

פאַר רבקה קוויאַטקאָווסקי פּאַסט זיך דער אינטערעסאַנטער געדאַנק פון פראַנצייזישן שרייבער אַנדרעי זשיד: „מען שאַפט נישט קיין ליטע־ראַטור בלויז מיט גוטע סענטימענטן, דאָס ווערק דאַרף זיין צוזאַמענ־געוואַקסן מיטן שאַפער". און דאָס מוז מען צושרייבן דער מחברין.

דאָס חלומען נאָך אַ שטיקל לייטישע היים מיט אַן אייגן גערטנדל, נאָך אַ שיכון, וואָס מען האָט צוגעזאָגט די נייע עולים, דויערט אָבער אַזוי לאַנג, אַז מען לויפט זיך אויסשרייען צו די באַאַמטע וועלכע פאַרנעמען זיך דערמיט. דער פּקיד איז אַ געדולדיקער, ווייל אַלע זענען דאָך גע־רעכט, איז ער אַ "דיפּלאָמאַט" און האָט פאַר אַלעמען איין און איינציקע טרייסט: „סבלנות". אַ טיפּ פון אַ קאָנסעקווענטן בטחון־שטיצער. אָפּטי־

מיסטן זענען די גרעסטע אידעאַליסטן, וואָס שטעקן אָן מיט ליבשאַפט און אויסדויער. טאַקע דער כוח פון סבלנות, שפּרייט זיך ווי אַ כישוף און אַ סך ווערן שליחים און חזרן איין און לערנען דעם אַנדערן אויסדויער. „סבלנות" איז אַ מוסטערדיקע דערציילונג, דאָס איז דאָס אַקטיווע שווייגן מיט וועלכן מען בויט „פּאַלאַצן", ווי שלמה פון בוקאָווינע, וואָס האָט אויפגעשטעלט אַ קראָם אין סאַמע מדבר, אויפן וועג פון חיפה — עכו און עס הייבן אָן ביסלעכווייז וואַקסן הייזקעס מיט הייזער — און פון זאַמדיקן מדבר ווערט אַ שטעטל — און וועט ווערן אַ שטאָט מיט אַלע מאָדערנע באַוועקוועמלעכקייטן. אַ סך פּערספּעקטיוון זענען אָפן פאַר די שלמהס, וואָס הערן זיך איין צו „סבלנות", זיי פאַרשטייען די ערשטע צו שטעלן זייער פוס אין מדבר. די צוויי דערציילונגען „סבלנות" און „פּאַ־לאַצן", זענען די סאָלידע רינגען, וואָס שאַפן די גאָלדענע קייט, וואָס שמידן צוזאַמען די אויסגעוואָרצלטע אין אַ היים מיט אַן איינגעפונדע־וועטער צוקונפט.

גוטע איינפלוסן ווירקן זיך אויס אויף אַ קלענערן טייל מענטשן, ווי שלעכטע איינפלוסן. דאָס איז נאָר אַ רעזולטאַט פון דער ענגער סביבה אין וועלכער מען באַוועגט זיך, דאָס האָט אויך אַ שייכות מיט דער אינ־דיווידועלער סענסיביליטעט פון מענטש.

די שרייבערין ברענגט אַרויס רעליעפאַרטיק די אַרבעטנדיקע פרוי אין דער דערציילונג: „מיר אַלע גיבן דאַך". מיר פילן אָפּ די אָרעמקייט מיט באַקינדלטע משפחות, הענט וואָס בעטן אַרבעט.

דער כרמל־באַרג איז אַ גרויסער יחסן פון חיפה. אין דער פרי לויפן צו דער אַרבעט יונגע מיידלעך פון בולגאַריע, מאַראָקאָ, איראַק און תימן. זיי איילן צו די רייכע אַשכנזים, ראַמען, רייניקן, וואַשן און פוצן די פּערסישע טעפּיכער. די דאָזיקע אינערלעכע רייכקייט פון כרמל־באַרג, באַוווּנדערן זיי מיט קינאה און דרך ארץ. זיי ברענגען אַ היים אָפּגעניצטע מלבושים און פּאַראַדירן אין זיי מיט אַ יומטובדיקער פרייד. „די אשכנזים טויגן זיך אויס".

ביי נאַכט, ווען דער באַרג איז באַלויכטן, רוישט ער פון וויַיטן ווי

אַ פּאַרגליווערט פייערווערק, ווי אַ שטיק באַשטערנטער הימל וואָלט זיך אַנגעשפּאַרט אין אים. יעדער חיפה׳ער בירגער גרייסט זיך דערמיט ווי מיט זיינס אַ פּערזענלעך אייגנטום.

פאַראַן אַנדערע טיפּן, ווי „גברת רומא״: דאָס איז אַ כאַראַקטעריס־טיש בילד פון אַריבערשטייגן, פון דער סנאָביזם־מחלה. די צעלאָזנקייט נאָך איבערגעטריבענעם לוקסוס, באַהאַנדלט רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק מיט פיל הומאָר און דינער איראָניע פון אַ זייטיקן אָבסערוואַטאָר.

איינער פון די וויניקע הומאַניטאַריער אין פּוילן, וועלכע מען רופט די חסידי אומות העולם, וואָס האָבן אויסבאַהאַלטן יידן אין דער סכנות־דיקער היטלער־צייט, איז אויך אפשר געווען „דער האַרבאַטער יאַן״. איך זאָג „אפשר״, ווייל וויפל האָבן דאָס געטאָן צוליב אייגענעם פּראָפיט; אויסצוניצן אַ קינד, וואָס מען האָט געוואָלט ראַטעווען פאַר אַ גאַנצן מאַיאָנטעק! די רעטער האָבן זיך פאַרשאַפט פריינד ביי יידן, צו וועלכע זיי זענען שפּעטער געקומען ווי איינגעלאַדענע געסט קיין ישראל. זענען מיר דעם אַלטן צעבראָכענעם פויער, וואָס האָט אויסבאַהאַלטן אַ פאָטער מיט אַ יינגעלע. „דער האַרבאַטער יאַן״, קומט איצט אָן נאָך חיפה אַ גליק־לעכער צו זיינע יידן־פריינד וואָס דאַרפן אים אָפּוואַרטן. ער קומט אָפּ־נעמען די פּראָצענטער פון זיין מענטשלעכער אויפפירונג...

דער קיבוץ איז דער אָריגינעלסטער באַשטאַנדטייל פון ישראל. רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק פאַרפעלט נישט אויסצושניידן אַ לעבעדיק בילד פון ערשטן יובל „25 יאָר קיום״ פון עין המפרץ.

דריי ישראל־מלחמות זענען אַדורך דורך דער שרייבערינס פּעדער. עס וואָלט געווען אַ בלויז ווען עס פעלן כראָנאָלאָגיש די געשעענישן, דער קאַמף פון פאַרהיטן דעם פאַרניכטונגס־פּלאַן פון די אַראַבישע שכנים. בעת דער מלחמה אין מדבר סיני, זאָגט אַ 17־יאָריקער בחור מיט אַ טענה צו זיין מאַמען: „אמא, פאַר וואָס האָסטו מיך נאָר איינעם געהאַט?״. און ער רעדט ווי אַ דערוואַקסענער מיט אַ פליכט־באַוווסטזיין: „אויב מען וועט מיך נישט רופן, וועל איך אַליין גיין״. און זיי גייען אַלע צעשמעטערן די טשעכישע און רוסישע קריגסמאַשינען. ווען אַנדערע רעדן וועגן יש־

ראלס נצחון פון דער איינגענומענער קריגס־שיף, „איבראַהים אל איל״, וואָס האָט באָמבאַרדירט חיפה, וויל דער יידישער „גזלן״ אפרים דער טראַקטאָריסט — אַפילו זי נישט אָנקוקן, ער האָט פיינט די טויט־מכשירים.

ווען מען הייבט אָן לייענען דאָס בוך „צווישן כרמל און ים״, קאָן זיך אויסדוכטן, אַז מיר האָבן פאַר זיך קינסטלערישע רעפּאָרטאַזשן, אָבער אין כסדרדיקן גאַנג פון לייענען, זעען מיר די שרייבערין, ווי זי שווימט ריטמיש אין איר שיינשרייבערישער פּראָזע און ליד. זי רייסט אונדז מיט פון דער שיף צו די ברעגן פון ישראל, פירט אונדז ווי אַ מעדיום טיף אין לאַנד אַריין און פאַרבינדט אונדז אינטים מיטן אויפקום, אויפבוי און קאַמף פאַר דער יידישער מדינה — און דאָס איז איר שליחישער נצחון.

דאָס בוך פאַרענדיקט זיך מיט דער יום־כיפור־מלחמה, וואָס גיט אַ בילד — נישט נאָר פון דעם ווילדן איינפאַל צו באַפאַלן די יידן אין זייער הייליקסטן טאָג פון יאָר, נייערט די געוווינהייט פון לעבן אין געפאַר. די קרבנות־גרייטקייט און די ליבע צום לאַנד, וואָס לערנט אויפצונעמען אַלע קלעפּ מיט דער זעלטענער פילאָסאָפיע פון סטאָאיציזם, די קריטעריע פון דעם אייביקן פאָלק!

אַז קינדער זאָלן קובר זיין זייערע עלטערן, איז אַ געזעץ פונעם ריטואַל פון אַ קאָלעקטיוו. מלחמות זענען אָבער אָפּשפּעטער פון אַלע הייליקע וואַלאָרן.

אָט זענען אַ פּאָר אַרויסגעכאַפּטע פערזן פון איר סוף־ליד: „פאַר־שווונדענע״, וואָס זאָגט זיך ווי אַ מאָדערנער קדיש:

„פאַראַן אַן אייביק געזעץ
פון געבן און ארבן:
אַז טאַטע־מאַמעס —
פריער שטאַרבן...

און דאָס ליד פאַרענדיקט זיך:

„ווי, ווי —
איז צו זיי,
וואָס די וועלט איז געוואָרן אַ קבר,
די איינציקע זכיה און גליק —
צופאַלן צום שטיין פון מצבה...
זי צירן אין גרין און אין בלומען,
און אין שוואַרץ־גאָלדיקן אות,
געפינען פון קינד דעם נאָמען".

רבקה קוויאַטקאָווסקי, וועלכע האָט זיך געוואָלט פאַראַנקערן אין יידישן לאַנד האָט זיך אויך פאַראַנקערט אין דער יידישער ליטעראַטור.

האַלינאַ עדעלסטען

סילועטן פון אונדזער יאָרהונדערט

(אַ בוך וועגן יאַנוש קאָרטשאַק)

עס שטייגט די טעמפּעראַטור פון אינטערעס צו דעם הומאַניסט און פאָטער פון יתומים, ד״ר יאַנוש קאָרטשאַק, (הענריק גאָלדשמיד), פאַר וועמען מען האָט פּראָקלאַמירט אַ יאָר, אים לזכרון. ס׳איז לעצטנס דער־שינען אַ בוך פון דער יידיש־פראַנצייזישער שרייבערין, אַלין עדעלסטען, וווּ מיר געפינען אַ גרעסערע אַרבעט געווידמעט דעם לעגענדאַרן מענטשנ־פריינד און פּעדאַגאָג.

די שרייבערין ווי אַ שילערין און שפּעטער ווי אַ געהילף־דערציערין אינעם יתומים־הויז, געגרינדעט און אָנגעפירט דורך יאַנוש קאָרטשאַק מיט דער מיטאַרבעט פון סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ, האָט אָבסערווירט די קליינע מענטשעלעך און דעם מענטש, וואָס האָט געהאַט ליבע צו פאַר־קויפן און האָט זי אַוועקגעשענקט פאַרשווענדעריש — אין שענסטן זין פון וואָרט, אויף אַלע געביטן פון זיין אינטעלעקטועל־דערציערישן טאַלאַנט פאַר עקסאַלאַנס!

דער דערוואַקסענער איז גאַנץ אָפט נישט קיין מבין אויף וויפל דאָס קינד פאַרשטייט — מיט וואָס פאַר אַ שנעלקייט עס אַנטוויקלט זיך דאָס נאָרמאַלע קינדערשע מוחל. דער דאָקטער יאַנוש קאָרטשאַק האָט דורך זיין ליבע און זיינע שטודיעס געהאַט אַ צוטריט צום קינד, ער האָט פאַר־מאָגט דעם שליסל צו זיין פּסיכיק.

די עוואָלוציע פון דערציאונג אין די לעצטע דרייסיק יאָר, איז דערגאַנגען צום שטאַפּל — ביי דער יוגנט — פון אָפּפרעגן; לויט דער

מאָדערנער טערמינאָלאָגיע, „קאָנטעסטירן". דאָס ווידערשפּעניקן, האָט זיך פּאַקטיש שוין אָנגעהויבן אין דעם יתומים־הויז אויף קראָכמאַלנע 92 און אַרויסגעוואַקסן פון דער זעלבסט־פאַרוואַלטונג פון דער קליינער מלוכה מיט אַלע אירע פונקציעס, אַריינגערעכנט דאָס קינדער־געריכט. אין דער דאָזיקער רעפּובליק, וואָס איז געווען אַוועקגעשטעלט אויפן יסוד פון אַליין־פאַרוואַלטונג, האָט דאָס קינד ערשט דערפילט זיין אייגנווערט. דאָס קינד פאַלט אָפּט אַ קרבן פון דערוואַקסענעם. מעג עס זיין אַרומגערינגלט מיט ליבע און פאַרצערטלט פון זיינע טאַטע־מאַמע, קאָן עס אָפּט איבער־לעבן עוולות, צוליב דעם מאַנגל פון דערציאונג פון זיינע עלטערן.

מיט אַן אָבסערוויר־חוש און אינטעליגענץ, האָט די שרייבערין, וואָס האָט געלעבט אינעם יתומים־הויז, אויפגעזאַמלט פאַקטן, אַליין איבער־געלעבטע און האָט באַוויזן צום טייל אויסצוקערפּערן דאָס מאַטעריעלע פון טאָג־טעגלעכן, אַזוי, אַז אין דער זכרונות־באַשרייבונג געפינען זיך עלעמענטן פון עסיי.

אַלע שטודירטע טעאָריעס פון דערציאונג, האָט י. קאָרטשאַק פאַר־שיתופט מיט דער אייגענער פּראַקטיק פון זיין קינדערהיים. דאָס איז געווען זיין אָבסערוואַציע־פעלד און דירעקטע שטודיע פונעם קליינעם קינדער־וועלטל. די יאָרן — האָט ער געלערנט — פאַרמינערן נישט דעם קומענדיקן רייפן מענטש. דאָס קינד אַליין, האָט ער אונטערגעשטראָכן, רופט צו דרך ארץ און פאַרשטענדעניש. אַ קינד האָט זיך זיינע פּראָ־בלעמען, וואָס מען טאָר נישט מינימיזירן, נייערט פאַרשטיין — ווייל פאַרשטיין, קאָן שוין זיין אַ סינאָנים פון אַרויסהעלפן.

פון וואַנען נעמט זיך, וואָס דאָס קינד שטרעבט צו זיין דערוואַקסן? זיכער דערפאַר ער זאָל נישט זיין אונטערגעוואָרפן דעם דיקטאַט פון זיינע דערציער, וואָס טוען אָפּט פעלערן לגבי דעם קינד, וואָס קאָן לאָזן ביי אים אַ געפיל פון נקמה — אַ נאָך נישט אויסגעקלאָרטע און פאַרדאַרבן זיין כאַראַקטער. ד"ר קאָרטשאַקס מעטאָד האָט זיך אויסגעדריקט אין דער לערע, צו פאַרפיינערן זיין כאַראַקטער, דורך דינסטגרייטקייט, חברשאַפט, באַקעמפן עגאָאיזם אאַז"וו. אַז די לערע האָט געגעבן די געהעריקע פרוכטן,

איז דער באַווייז, וואָס די מחברין דערציילט פאַקטן פון די קינדער־מעשים. ווי אַזוי עס האָבן געקאָנט ווירקן די שול־פּרינציפּן פון דער קאָר־טשאַקס לערע אויפן יונגן קינד.

די ליצײ־שילערין פעלקע, וואָס זיצט מיט איר טיש־חבר יוזשעק, גיט אַ טייל פון איר טעלער יוזשעקן, וואָס האָט אַ שטאַרקן אַפּעטיט און קאָן אים נישט אָנטקעגן קומען פון דעם צוגעטיילטן חלק... די פּעדאַגאָגין, די מוטער פון יתומים־הויז, סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ, באַמערקט די דאָזיקע טיש־פילאַנטראָפּיע און דאָס קינד באַקומט אַ גרעסערן חלק. עס טרעפט אָבער ווידער מיט אַ צווייטן שכן, אויך מיט אַזאַ ווידערשפּעניקן אַפּעטיט און פעלקע פאַרבעט אים אויך זיך סערווירן פון איר טעלער. דאָס מאָל האָט דאָס אויפגעכאַפּט דאָס אויג פון פאָטער קאָרטשאַק און געפרעגט צי דאָס קינד האָט אַ גוטן אַפּעטיט. ווען פעלקע ענטפערט, „נאָך צו גוט" באַקומט זי אַ פּרייז פון חברשאַפט.

שיין באַלערנדיק און אַמוזאַנט איז די שטעלע, ווו עדעלסטטען דער־ציילט ווי שליאַמעק כאַפּט דעם דאָקטאָר ביי דער זעלבער „זינד", פאַר וואָס ער איז שוין צוויי מאָל געמשפּט געוואָרן... ס'איז געווען אַ צייט, ווען ס'איז געווען פאַרבאָטן זיך צו גליטשן פון דער ראַמפּע, וואָס האָט געפירט פון דאָקטערס צימער צו דער גאַלעריע שלאָף־צימערן פון די קינדער. אויב מען האָט עמעצן געכאַפּט ביי אַזאַ איינברוך פון פאַרבאָט־קאָדעקס, איז געשטעלט געוואָרן צום חברים־געריכט. דעם שטיפער שליאַמעק האָט צוגעשפּילט דער גליקלעכער פאַל, צו זען זיין לערער און דערציער, זיך אַראָפּגליטשן פון דער ראַמפּע... און אים אַרויפגע־שטעלט אויף דער ליסטע צו באַשטראָפן. דער דאָקטער האָט זיך פאַר־טיידיקט, אַז מען האָט אים דרינגענדיק באַדאַרפן צו אַ קראַנק קינד און ער האָט געמוזט נעמען דעם שנעלסטן וועג. אין אַ שיינער ליטעראַרישער שפּראַך, אַדעקוואַט צום סוזשעט, גיט די שרייבערין נאָך אַנדערע פאַקטן פון דער קינדערהיים.

אונדז ווונדערט אָבער איין זאַך אין דער באַשרייבונג. אין דעם יתומים־הויז, ווו פּענסיאָנאַרן פון ביידע מינים האָבן געלעבט ביזן עלטער

פון 14 יאָר, ביזן פאַרלאָזן די היים, איז נישטאָ דער עלעמענט פון ליבע צווישן אַ ייִנגעלע און אַ מיידעלע. ווען מען לעבט אין אַ קאָלעקטיוו, אין אַ קינדער־מלוכה ווו ס׳זענען פאַרגעקומען קאָנפליקטן, האָט דאָך אויך געקאָנט טרעפן, אַז ס׳זאָל זיך אַנטוויקלען אַ סימפּאַטיע, פריינדשאַפט צווישן אַ קינדער־פּאָרל, אַ מין אונטערבאַוווּסטזיין־ליבע; זי האָט זיך געקאָנט פאַרפלעכטן — לאָמיר זאָגן, צווישן חיימעק און נאַסיאַ. די מחברין דערציילט, אַז חיימעק האָט געגעבן אַ קאָפּ זיין חבר בנימין, ווייל ער האָט אים נישט געוואָלט געבן צו באַקוקן די פעדער־מתנה פון צווי קאָלירן, וואָס ער האָט באַקומען פון זיין באָבען. ווען עס גייט אָן די דעבאַטע אין קינדער־געריכט מיט די באַשולדיקער, פּאַרטיידיקער און אַדוואָקאַטן, לויטן מוסטער פון דערוואַקסענע, פּאַרטיידיקט דעם שלעגער דאָס שעמעוודיקע מיידעלע, נאַסיאַ. „איך האָב אַן אידעע, זאָגט זי, זאָלן זיי זיך דערלאַנגען די הענט און מאַכן שלום, אָן אַן אורטייל... אָט ביי דעם מיידעלע האָט געקאָנט זיין די סימפּאַטיע צום אָנגרייפער, צום שטאַרקערן; דאָס איז דאָך אויך די פּסיכאָלאָגיע פון שוואַכערן מין! דאָס איז דאַכט אונדז דער בלויז פון דער אינטערעסאַנטער קאָרטשאַק־אַרבעט.

ד״ר יאַנוש קאָרטשאַק האָט נישט געהאַלטן פון קיין שום סיסטעם פון פירן די וועלט. סוף־כל־סוף ענדיקט זיך אַלץ מיט מלחמות, וואָס פאַרבעסערט נישט דעם מענטשלעכן מין, נאָר אין קעגנטייל, זי קאָרומ־פּירט די געזעלשאַפט. ווען מען לערנט זיך שוין אויס די „חכמה״ פון שיסן, ווערט שוין שפּעטער לייכטער צו מאָרדן. ער האָט געשטעלט דעם טראָפּ אין דער דערציאונג פון קינד צו דערפירן אים צו אַ הויכער מאָראַל און „דאָס — האָט ער געזאָגט — וואָלט געווען די בעסטע רע־פאָרם פון דער וועלט״.

אַלין עדעלסטעטן גיט איבער די ווערטער פון איר לערער, ביים גע־זעגענען די קינדער, וואָס האָבן זיך געגרייט צו פאַרלאָזן דאָס קינדער־הויז. לויט זיינע באַשיידענע רייד, קומט אויס, אַז ער האָט דעם קינד געדינט ווי אַן אָקסיליער, אַ געהילף־אַנווייזער צו דער זעלבסט־דערקענ־טעניש און ער האָט צווישן אַנדערן זיי געזאָגט: „מיר גיבן אייך נישט קיין פאָטערלאַנד, ווייל איר דאַרפט דאָס אַליין געפינען דורך אייער אַרבעט

און אייער געפיל. מיר גיבן אייך נישט די ליבע פון מענטשן צו מענטש, ווייל זי איז נאָך נישטאָ. עס איז אַ שווערע אַרבעט, וואָס איר אַליין מוזט דערגרייכן. מיר גיבן אייך בלויז די נאָסטאַלגיע פון אַ בעסערער וועלט, וואָס עקסיסטירט נאָך נישט״.

מיט די־אַ אַבסטראַקטע ווערטער, וואָס זענען געקומען פון אַ גע־לערנטן מיט אַ צאַרט, פיינפילנדיק האַרץ, האָט ער געזעגנט די דער־וואַקסענע שילערס. אפשר האָט ער אינעם לעצטן גאַנג מיט זיינע קינדער צו די פלאַמבירטע וואַגאָנען נאָך טרעבלינקע, געטראַכט, אַז די גאַנצע פּעדאַגאָגיק פון זיינע לערערס און זיין אייגענע, איז נישט מער ווי אַן אוטאָפּיע; ס׳איז נישטאָ און ס׳קאָן נישט געמאָלט זיין קיין בעסערע וועלט. דאָרט אַהין ווו ער גייט מיט די קינדער איז זי אפשר פאַראַן, אפשר אויף יענער זייט וועלט?...

**
*

צו דער באַשרייבונג געווידמעט יאַנוש קאָרטשאַקן, זענען פאַרבונדן אַנדערע דערציילונגען. אַ טייל ווי אַ המשך פון איר ערשט בוך: „די סירענעס הילכן נאָך״. זי דערציילט איבערלעבונגען אַלס רעזיסטאַנטין אין דער היטלער־מלחמה. איר ווידערשטאַנד־אַקטיוויטעט האָט זיך אויך אויס־געדריקט אין אָפּראַטעווען פון אומקום יידישע קינדער, (פאַר וועלכער זי האָט פאַרדינט אַ חוץ אַנערקענונג אינעם זשורנאַל „די שטים פון פּאָלק״, אויך אַן אויסצייכענונג). כאָטש די באַהאַנדלטע סוזשעטן זענען נישט קיין נייע, זענען זיי אָבער באַרעכטיקט צוליב די פאַקטן און קרעפטיקער שיל־דערונג.

אַן אינטערעסאַנטע און אָריגינעלע אין דער האַנדלונג איז די דער־ציילונג „דער טויט פון אַ גערעכטן״. אַ דייטשער זעלנער, וואָס פילט אָפּ דעם פאַרברעכן פון זיינע ראַסן־ברידער, ווערט אַ ווידערשטענדלער. ווען ער זעט ווי זיין לעבן איז אין געפאַר, פאַרבאַריקאַדירט ער די טיר פון זיין צימער און שיסט אַרויס אַלע קוילן צו די דייטשן דורך אַן עפענונג

פון דער טיר; נאָך דעם אַקט פון נקמה, צינדט ער אונטער זיין מאַנ־סאַרדע און קומט אום מיטן טויט, וואָס ער אַליין האָט זיך געגעבן.

די דערציילונג „אַניאַ פון פּלאָצק", שילדערט די על פּי נס־געבלי־בענע אין פּוילן. אַ מאַמע, וואָס נערט איר זון מיטן ליגנערישן סוד פון אויסבאַהאַלטן פון אים זיין יידישקייט. דער גלויבן אינעם אידעאַל פון אַ יושרדיקער וועלט, דאָמינירט אַזוי שטאַרק ביי דער מאַמען, ביז צום אָפּטעמפּן אירע חושים, ווי ביי אַ טייל לאָיאַלע פּאַטריאָטן, וואָס קאָנען זיך נישט אונטערגעבן קיין שום וואָרענונג פון אַן אויסגעניכטערטן גע־ליטענעם ביז זיי פאַלן אַליין אַ קרבן.

די לעצטע צוויי דערציילונגען זענען שוין פון אַ נייער טעמאַטיק און סיטואירט אינעם יידישן לאַנד נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה. אין דער ערשטער איז אַרויסגעברענגט די ליבע און דראַמע פון אַ יונג פּאָרל. ער, אַ טוריסט פון אַמעריקע, אַן אינזשעניר מיט דערפינדערישע פּאַטענצן און זי — אַן איינגעפונדעוועטע סאַברע. דעם אַמעריקאַנער ציט נאָך זיין געבוירן־לאַנד — און די סאַברע איז מקריב איר ליבע אויפן מזבח פון ישראל. די דערציילונג שפּאַנט אַן דעם לייענער מיט דעם אַלטערנאַטיוו פון דאָ־ און־דאָרט...

בנימן שלעווין

דער באַוווּנדערער פון אַרבעטער־קלאַס

(1913־1981)

ווען אַ צייכענער זאָל וועלן סימבאָליזירן דעם קרעאַטיוון גייסט פון בנימין שלעווין, וואָלט ער אים באַדאַרפט פאָרשטעלן ווי אַ שרייבער מיט דריי פעדערס אין יעדער האַנט... דעריבער איז ער מיט אַזאַ אימפעט אַריין אין אונדזער ליטעראַטור. אַן אינספּירירטער פון אַרבעטער־קלאַס, איז ער אויך אַליין געווען אַ פּראָדוקט פון אים. דערפאַר האָט ער געקאָנט אַזוי טרעפלעך אַריינדרינגען אין זיין מהות. ער איז געווען אויסגעבונדן און אויסגעקאָכט מיט דער אָרעמער שטעטלדיקער און גרויס־שטאָטישער ראָמאַנטיק, מיט זיין רייסן זיך נאָך וויסן און געשטאַלטיקן די צוקונפט — נישט דווקא מיט מיסטישע האָפענונגען אויף אַ נייעם משיח, נייערט מיט וואַרפן זיך אַליין אין קאַמף, כדי ממשותדיק צו ענדערן די וועלט־אָרדענונג, אָדער בעסער געזאָגט — די אומאָרדענונג. אַלע קעמפערס און וועלט־איבערמאַכערס אין פאַרשיידענע פאַרבן־אידעאָלאָגיעס, האָבן נישט געקאָנט געפינען קיין בעסערן שרייבער, וואָס זאָל מיט אַזוי פיל האַרץ און געפיל אָפּשפּיגלען דעם דאָזיקן עלעמענט — און דערפאַר טאַקע, האָט ער געוווּנען דעם צוטרוי פון דער ברייטער מאַסע און דעם אינטעליגענט. ער איז דער איינציקער פון אונדזער דור, וואָס האָט אַזוי רעאַליסטיש און מיט אַזאַ פאַרנעם אָפּגעשפּיגלט דעם אַריבערגעוואַנדערטן אַרבעטער אין פראַנקרייך, וואָס איז געקומען זוכן מאַטעריעלן וווילשטאַנד און סאָציאַלע גערעכטיקייט — לויט דעם פראַנצייזישן דעוויז: „פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט".

שלעווינס באַהאַנדלען אַ סוזשעט איז נישט געווען אויסשעפּלעך. ער האָט געקאָנט מאַכן אַ קווערשניט פון סאָציאַלע שיכטן מיט זייער שטייגער, קאַמף און חלומות, וואָס זענען געווען אַזוי איינגעגלויבט אין זיי, ווי אַ רעליגיעזער ייד אין תורת משה און שפּעטער, ליידער אויסגערונען ווי אילוזיעס!

ווייל איז דעם שרייבער, וועמענס טאַלאַנט לאָזט זיך דעפינירן אין דריי אַטריבוטן: שפּראַך, בוי און קאָמפּאַקטקייט. איך האָב שטענדיק באַוואונדערט זיין געזונטן און שיינעם יידיש; די קאָנסטרוקציע און דעם פאַרכאַפּנדיקן מאָסיוו פון געשעענישן. אַזוי פיבערדיק און קורץ איבערגעגעבן, אַפילו אין זיינס אַ דיק־באַנדיקן ראָמאַן. ביי בנימין שלעווין קאָן מע דאָס באַמערקן אין דער גאַנצער ספּערע פון זיין שאַפן. אויף איין זייטל זענען ביי אים אויפגעבויט און צעוואָרפן גאַנצע וועלטן. פּאָליטישע דאַטעס פירט ער אַדורך פראַגמענטאַריש, בליצאַרטיק און יעדער זאַץ, יעדעס וואָרט איז ווי אַן איינגעמויערטער ציגל אין אַ בנין, נישט צו רירן מער פון אָרט. דאָס פאַרלאַנגט פלייס און טעכניק. באַזונדער איז פאַראַן אַ כוח אין זיינע ווערק, אָרגאַניש אַריינצוקערפּערן דעם לייענער אין דער אַקציע, אָדער אידילישע שילדערונג, ער זאָל מיטלעבן מיטן העלדסליידן, זיך אַנטציקן מיט זיינע דערפאָלגן און זיך איבערנעמען מיט זיינע דורכפאַלן.

דאָס אויסגעצייכנטע ווערק: „ליפּע קאַמאַשנמאַכער", קאָן אפשר צום טייל רעזומירן דעם סכום פון זיין שאַפן, וואָס האָט באַשעפטיקט דעם שרייבער. די דיאַלאָגן זענען לעבעדיק, נאַטירלעך — און גאַנץ אָפט פלעגט ער אויפרירן ביי אונדז די ספּרוזשינע פון געלעכטער... פאַראַן ביי אים צענטראַלע פיגורן אין זיין שאַפן און עפּיזאָדישע, אָבער נישט סתם קיין פיגוראַנטן. יעדער פון זיין געדיכטן פּערסאָנאַזש שפּילט אָפּ זיין ראָלע; ווירקט, קעמפט, רעדט. זיי זענען בלויז דיסטאַנצירט אינעם קורצן דויער פון איין בוך צום צווייטן. דעריבער געדענקען מיר זיי, די העלדן. מיר געדענקען אַפילו אַן אָביעקטל פונעם בוך „ליפּע קאַמאַשנמאַכער"; אַ צעבויגן און הינקענדיק סאַמאָוואַרל, אַן אויסגעמלעך סצענישער און נוצלעכער דעקאָר מיט וואָס חבר צאַליע האָט זיך אומעטום באַוויזן, כדי

משמש צו זיין, באַדינען די אינטעליגענץ מיט אַ גלאָז טיי; די, וואָס האָבן זיך געגרייט איבערצומאַכן אַ וועלט און ער זאָל צו דער אויסגעקעמפטער וועלט אויך זיין אַ שותף...

דער אַמעריקאַנער שרייבער און דראַמאַטורג, וויליאַמס טענעסי זאָגט, אַז אַ מחבר שרייבט שטענדיק דאָס זעלבע ווערק, נאָר אין „פאַרשיידענע וואַריאַנטן". אָט, אין די „פאַרשיידענע וואַריאַנטן" ליגט דער גאַנצער כוח פון שרייבער.

אויב איז דעם שרייבער געפעלן אַ טייבעטשקע, אָדער אַ סטערקע, האָט ער זיי אַריבערגעוואָרפן אויף אַן אַנדערן שטח און אין דעם נייעם וואַריאַנט פון פאַרצווייגטע געשעענישן, ווערן זיי ווידער אַקטיווע עלעמענטן אין דער באַשרייבונג, מיט וועלכער מיר נעמען אַן אייפעריקן קאָנטאַקט, ווייל נישט איינער דערקענט זיך אין דעם געדיכטן פערסאָנאַזש, אומאָפּהענגיק צי יענער איז פון יענעם דור און מקומות. ווייל דער גאַנצער קאָמפּלעקסער אָנוווּרף פון שטרעמונגען און געראַנגל איז אַנוועזנדיק און אוניווערסאַל. און טאַקע ליפּע קאַמאַשן־מאַכער, אָדער שלעווין אַליין, וואָס האָט אים פערזאָניפיצירט, האָט גלענצנדיק רעזומירט אונדזער דאָליע: „מיר האָבן פאַרשפּילט די ספּראַווע". אָדער גריגאָרי אַדלער מיט זיין פעסימיסטיש־פילאָסאָפישן זאָג אינעם בוך „שאָטנס פון מאָנטפּאַרנאַס": „מיר זענען אַריינגעפאַלן מיט דער מענטשהייט"... דער זעלביקער געדאַנק נייערט אין אַן אַנדערן וואַריאַנט.

„שאָטנס פון מאָנטפּאַרנאַס"" איז אַ שטיק אָפּגעלאָפן לעבן פון פּאַריז. לעבעדיקע, אָדער שוין אומשטאַרביקע זענען דאָרט פאַרגעשטעלט. מע דערקענט זיי מיט אַלע חנען און אַקטיוּוקייטן... מיט זייערע אָריגינעלע אָדער פיקטיווע נעמען. אַלץ געפינט מען אין שלעווינס ווערק: אַן אויפגייענדיקער דור, אַ פּולבלוטיקער, וואָס ווייעט אויף אונדז מיט געזונטקייט, מיט פרישקייט, מיט בראשיתדיקייט און פאַרזעצונג — און אַן אָפּגעשטאַנענער, אַן אויסגעשפּילטער, אַנטוישטער שיכט. דעריבער טרעפן מיר אויך אַן אין זיינע קליינע דערציילונגען אַ דעקאַדענץ, וואָס די מלחמה־איבערקערעניש האָט אויפגעגראָבן אין אַ סך מענטשן. ס׳געדענקט זיך אַפילו די

נעמען, ווי דאָס ווייבל פּעסל, דאָבעלע און יידן פון בעלווילער „שניט״ שוין אויף עמעריטור און טיטולאַרן פון די פּאַרפּאָלגונגס־באַדינגטע פּענ־סיאָנירטע. זיי דערשיינען פאַר אונדז אין אַ נייער רעם פון געשעעניש און טראַנספּאָזיציע. זיי באַגערן בלויז אַ וואַרעם ווינקל נעבן אַ פּרוי, אָדער מאַן צו לעבן באַקוועם און ס׳זאָל אויך זיין פאַר וועמען אַ קרעכץ צו טאָן...

אין דער דאָזיקער צעבראָכנקייט און רעזיגנאַציע, איז אָבער פאַר־בליבן אין אונדז דער עכאָ פון הויך־קלינגענדיקע רייד: „מיר הערן נישט אויף צו בויען אויף חורבות!״. דאָס דאַרף טאַקע זיין דאָס מאָראַלישע געזעץ, דער קאַטעגאָרישער זאָג: „בויען״!

בנימין שלעווין איז געווען ווייט פון צו מאַכן דעם מענטש פאַר אַ מלאך. ער האָט אים נישט צוגעשמינקט מיט זיין בעלעטריסטישער פּען; געוויזן אים עכט מיט זיינע מאָראַלישע האַנדלונגען און ספּאָנטאַנישן וואָקאַבולאַר, פּונקט אַזוי ווי ער גיט אונדז מוסטערדיקע פיגורן אין זיינע ווערק, וואָס אינספּירירן צו שיינע טאַטן לטובת הכלל! ס׳געדענקט זיך אַ פּאָר פערזן פון י. ל. פּרצ׳ס פּאָעמע „מאָניש״, וואָס הייבט זיך אָן אַזוי:

„איר ווייסט מן־הסתם —
די וועלט איז אַ ים,
מיר זענען פיש;
(טייל זענען העכט,
שלינגען ניש־שלעכט...
זאָגט, אפשר ניש?)
די וועלט איז אַ ים,
ברייט אָן אַ שיעור;
די פיש זענען מיר״.

און די העלדן פון שלעווינס מענטשלעכן ים, זענען געצייכנטע פאַר־טרעטן ווי פון אַ מאָלער. בכלל ציט זיך די טעמאַטיק פון מחבר פון די

ציטוואָרצלען: דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס קעמפט פאַרן אויסלייזן דעם אַרבעטער פון אונטערדריקונג און פאַר אַ סאָציאַלן יושר. דער צווייטער וואָרצל, דער חלום נאָך אַן אייגענער אויטאָנאָמער מדינה, וואָס זיין דאָמינירנדיקע אידעע ביים יידישן פאָלק איז מקוים געוואָרן — נאָר געקומען נאָך די בלוטיקע פּאָגראָמען איבער דער וועלט און אויך פון יענעם לאַנד פון וואַנען מ׳האָט געוואַרט און ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מ׳האָט זיך דערוואַרט אויף די געזונטע שפּראָצן פון אמתן סאָציאַליזם, וואָס האָט ליידער, וואָס אַ מאָל מער אַנטוישט, ווי פאַלשע בליטן פון אַ בוים... מע פילט דאָס שטאַרק אַפּ אין זיין לעצטן בוך „שווערע געמיטער", וואָס ער האָט שוין נישט באַוויזן צו זען בראָשירטערהייט — און מיט דער טעכנישער אַרבעט אַרום דעם בוך, האָט זיך שוין פאַרנומען זיין נאָענטסטער מענטש, אסתר שלעווין. אַזוי טוען אַלע פרויען, וואָס זענען באַשיינט געוואָרן פון זייערע מענער ביים לעבן; שפּעטער פאַרנעמען זיי זיך מיטן עזבון פון זייערע שרייבערס. מיר דאַרפן הויך באַגריסן די דאָזיקע פרויען מיט וואָס פאַר אַ מי־און־מאַטער זיי טוען דאָס! אין דעם לעצטן בוך דערציילונגען דריקט זיך אויס צום טייל דער ביטערער סך־הכל פונעם איבערבלייב פון אונדזער אומגעבראַכט פאָלק. דער טיטל פון בוך איז שוין דער סימבאָל פון פאַרגיין. גלייך אין דער ערשטער דערציילונג „13 פּראָצענט", זעען מיר די רעשטן פון אַן איינגעוואָרפן, חרוב געוואָרן לעבן, וואָס וויל נישט מער בלייבן עלנט. טוט מען זיך אויס פון די צניעות. די מאָראַלישע פאַרזיכערונג באַקומט במילא אַ קלענערע וואָג, ווי די מאַטעריעלע — אַז דער גורל האָט אונדז געטאָן להכעיס, וויל מען צוריק אַטאַקירן, אַנטקעגן גיין מיט אַן אָפּענסיווע... די סטראַטעגיע איז קאָמבינירט אויף צו פאַרריכטן דאָס נאָך פאַרבליבענע ביסל לעבן; מעג אַפילו זיין אויף נישט קיין באַשיידענעם אופן. נייערט חי — געלעבט!

***

ס׳איז קענטלעך ווי די לעצטע שריפטן פון בנימין שלעווין שפּיגלען גלייכצייטיק אָפּ זיין אייגן קראַנק געמיט. נישט דווקא די אינטראָספּעקציע

פון פּערזענלעכע ווייטאָגן; מען פילט אָבער ווי ס׳וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזט דער פּאַרהאַנג פון זיין אייגן לעבן, ווי אַ שווערער, בלייערנער שאָטן, נאָך די אַלע אויסגעשפּילטע ראָלעס אויף דער סצענע פון וועלט־טעאַטער, וווּ ער אַליין האָט מיט זיין פּרוכטיקער און קינסטלערישער פּעדער — גע־מישט מיטן שווייס פון בליי, ווי אַ לינאָטיפּיסט געעטעמט מיט ליטעראַטור ביז זיינע אויגן האָבן זיך אויף אייביק געשלאָסן.

שלעווין איז געווען אַ קנאַפּער רעדער, אָבער אַ שאַרפער אָבסערווירער און הערער. פּונקט אַזוי ווי ער איז פּלוצעם פאַרשוווּנדן פון אַ געזעלשאַפט פון קיביצער, ווו ער האָט גלייך אַראָפּגעכאַפּט אַ כאַראַקטעריסטישן שטריך פון דעם־און־יענעם, פון זייערע פיזישע און מאָראַלישע פּאָרטרעטן; דעם מחברס אויג, זיין אויער, די געהילף־חושים פאַרן מעכאַניזם פון שאַפן זענען שטענדיק געווען גרייט אַריינצונעמען אין זיך אַ וויץ, אַ קנייטש, אַ ווערטל — און ער איז פּלוצעם נעלם געוואָרן. פּונקט אַזוי איז ער פון אונדז צום לעצטן מאָל פאַרשוווּנדן — אָבער דאָס מאָל שוין נישט פון אייגענעם ווילן, נייערט דרינגענדיק אַרויסגערופן געוואָרן ווי לויט אַ דעקרעט פון אַ מיס־טישער מאַכט, אַזוי ווי מע רופט אַן אַמבאַסאַדאָר פון יידישן פאָלק!... אָט דאַכט מיר, אַז זיין גייסט שוועבט דאָ אַרום — ניין, ס׳איז נישט קיין אויסדוכטעניש, ער געפינט זיך דאָ, ווייל מ׳האָט אים אויסגערופן אויבן אין יענע מיסטישע מקומות, באַגלייט מיט עטלעכע הילכיקע סאַלוועס פאַר זיין כבוד וועגן... — בנימין שלעווין, ס׳איז היינט דער טאָג פון דיין יאָרצייט; גיי און זיי זיך מתיחד מיט דיינע געטרייע לייענערס און מיט דיינע קאָלעגן, וואָס זענען געקומען דיר אָטאָן דיין פאַרדינטן לאָרבער־קראַנץ פון אָנערקענונג! און אָט איז ער טאַקע צווישן אונדז, דער שרייבער שלעווין, נאָר ווי אַ רואה ואינו ניראה — און ער האָלט כסדר אָן זיין איראָניש שמייכעלע. אָבער ער חזרט מער נישט איבער ווי ער פלעגט דאָס טאָן געלעגנהייטלעך: „מיר זענען די לעצטע״...

כ׳האָב אים איינגערעמט אין דער דאָזיקער פיקציע, כדי מיר זאָלן אַרויסנעמען דערפון די רעאַליטעט: נישט נאָר איז ער געווען אָפּגעשאַצט ווי געהעריק ביי זיין לעבן, נייערט אויך נאָך זיין לעבן — און נישט יעדער שרייבער האָט די זכיה דערצו.

**
*

נאָך איצט שטייט ער מיר פאַר די אויגן מיט זיין פרישן און געזונטן אויסזען און מיט זיין שמייכל, וואָס האָט אונדז אָבער אַלעמען אָפּגענאַרט, אין דער צייט ווען ער האָט שוין געליטן פון אַ קראַנקייט, וואָס האָט זיך שנעל אַנטוויקלט, ביי וועלכער ער האָט ליידער געמוזט אין אַ קורצער צייט אַדורכמאַכן דעם גאַנצן פיינלעכן ציקל פון ערב סוף!

צו וואָס פאַר אַ הויכפּונקט בנימין שלעווין איז דערגאַנגען אין דער ליטעראַטור, זאָגט עדות זיין שיינע ירושה, וואָס ער האָט אונדז געלאָזן — און פאַר עקסעלאַנס, דאָס פּראָמינענטע בוך, זיינע „יידן פון בעלוויל", וואָס איז אויך דערשינען אין דער פראַנצייזישער איבערזעצונג. מיר דאַכט, אַז דאָס בוך איז דאָס שליסלווערק פון זיין גאַנצן שאַפן.

וועגן שלעווינס דערציילקונסט ווי אַ נאָוועליסט און ראָמאַניסט, קאָן מע זיך קאָנקרעט אויסדריקן: געווען אַן אינטעליגענטער שרייבער מיט טיפער פאַרשטענדעניש פאַר צייט־געשעענישן און ראָמאַנסירטן רעאַליזם. מע קאָן טיילן אין דריי אָפּשניטן בנימין שלעווינס שאַפן: זיין הויפּטטעזע, דער אינטענסיווער, קעמפנדיקער אַרבעטער־קלאַס, די אַנטיטעזע, דער צעבראָכענער ייד, נאָך אַלע חורבנות — און דער סינטעז, וואָס שליסט אָפּ זיינע געצייכנטע העלדן, וועלכע זענען גלייך מיט אים, דעם שרייבער, אומשטאַרביק געוואָרן!

„גאָלד און פייער״

(די משלים פון משה שולשטיין)

שוין לאַנג ווי כ׳האָב נישט געהאַט אַזאַ גייסטיקן גענוס פון אַ בוך לידער, ווי פון די משלים: „גאָלד און פייער״ פון דיכטער משה שולשטיין. מען קאָן זאָגן, אַז איך בין אַדורכגעשווומען דאָס בוך, פון איין עק ביז צום אַנדערן... אין הסכם דערמיט וואָס שווימען איז אַ פאַרגעניגן, וועל איך טאַקע נישט איין מאָל נאָך, ווידער זיך אַ נעם טאָן צו די משלים־לידער פון משה שולשטיין.

ווען מיר לייענען פּאָעזיע און מיר פּרוּוון מיטלעבן די וויזיע פון דיכטער, ווערן מיר אַריינגעפירט כמעט אין דער זעלבער געשפּאַנטקייט, ווי דער דיכטער ביים שאַפן. דאָקעגן דער משל, איז אַ דירעקטע אַנט־שפּאַנונג, אַן אָנגענעמער גייסטיקער אָאַזיס, מיט אַ סצענע פון אַ ליגן־מעשה, אַ מיניאַטור־הכמה׳לע באַווירצט מיט אַ סענטענץ. דער מענטש טראָגט דעם גרים פון דער חיה און מיר קוקן זיך צו, הערן זיך איין ווי די חיה ווירקט און מיר ציען דערפון דעם געהעריקן מוסר־השכל.

דאָס אויבן געזאָגטע קאָן מען נאָך אונטערהאַלטן מיט דער דעפיניציע פון געניאַלן לאַ־פאָנטען: „די פאַבל איז אַ קאָמעדיע אין הונדערט פאַר־שיידענע אַקטן״.

דעריבער וועט אויך דער משל פון משה שולשטיין, אַ צושטייער צו זיין רעציטאַטיווער דיכטונג, האָבן אַ נחתדיקע פּעולה.

עס איז באַקאַנט, אַז משלים ווערן איבערגעחזרט. אָנגעהויבן פון עזאָפּן, ביז לאַפאָנטען. אויך די יידישע מקורות זענען רייך אין משל. יעדער משל קאָן זיין ניי־באַאַרבעט נאָר דער זין קאָן זיין דער זעלבער. אָנגעטאָן אין

אַ נייעם לבוש, אין אַן אייגענער פֿאָרעם, לעבט דער משל ווידער זיין אָריגינעל לעבן.

שולשטיין איז אַ מחבר פֿון צען ביכער. צווישן זיי איין פּראָזע־בוך: „רייזע־איינדרוקן פֿון פּוילן", דערשינען אין יאָר 1949. פֿון אַלע זיינע לידער־זאַמלונגען איז דאָס בוך לידער און פּאָעמעס: „בלומען פֿון באַדויער", דער „עוורעסט" פֿון זיין שאַפֿן... וואָס איז אין זיין צייט געפּרייזט געוואָרן.

כמעט אין אַלע לידער־זאַמלונגען געפֿינען מיר „פּרובקעס" פֿונעם משל. אַז דעם דיכטער ציט אין וואַלד אַריין און אין זאָאָלאָגישן גאָרטן, איז אויך אַ באַוויז זיינס אַ דערציילונג: „מיין פֿריינד דער וועווריק" (געדרוקט אין נומער 44 פֿון „די גאָלדענע קייט"). כאָטש דאָס איז נישט קיין משל, נאָר אַ סענטימענטאַלע דערציילונג, ווו דער מחבר זוכט די געזעלשאַפֿט פֿון חיות, פֿאַר אַ צעשטרייאונג — אַ מין אַנטלויפֿן פֿון מענטשישער שלעכט־קייט — איז עס גאַנץ באַזונדער מיט דער נוצן־כּוונה פֿון פֿאָרשן די חיה. זעען מיר אים טאָקע אין משל, ווי אַ פֿיינעם אָבסערוואַטאָר מיט אַ שפּרודל־דיקער אימאַזשינאַציע.

דאָס בוך „גאָלד און פֿייער", איז אַ באַוויז אַז זיין פּאָטענץ אויף פֿאָרן פֿאַבל איז נישט צו באַצווייפֿלען.

שולשטיין עפֿנט זיין בוך מיט אַ מאָטאָליד, וואָס איז אַ צוגאָב אַריינ־צונעמען דעם גאַנצן אוניווערס: זאַכן, צמחים, חיות־שטומע־צינגער, „אַז עס זאָל אַ קאַפּעטשקע דערפֿון אונדז ווערן אויפֿן האַרצן גרינגער". — און ער אַנטוישט אונדז נישט. איז טאָקע אַ נחת־רוח צו גיין פֿון משל צו משל, צו לייענען די ריטמישע, שפּראַכיק־עלעגאַנטע פֿערזן פֿון די ווירקנדיקע זאַכן, חיות אָדער מענטשן, וואָס טרעטן אויף אין דער דראַמאַטישער אַקציע. נישט ווייניקער אינטערעסאַנט זענען די משל־לידער, ווו מע זעט דעם גאַנצן רעליעף פֿונעם נאַראַטאָר, ווי צ. ב. „די קיד־פֿאַראַד", (ווי אַ מאָטאָ צום ציקל ווו עס רעדט דאָס קיכגעשיר). אָדער „דער שניידער און דאָס מלבוש". אָדער „דאָס בילד און די ראָם". דאָס לעצטע איז אַ בורלעסקע, וואָס איז זייער נאָענט צום עפּיגראַם. דער דיכטער דערציילט אין גע־גראַמטע פֿערזן, ווי אַזוי משה־יאָסל גייט אין „לוווּר" און ווי אַזוי ער רעזאָנירט איבער אַ בילד... „אין קאָפּ אַזאַ מישמאַש פֿון זאַלן, בילדער,

פאַרבן, פאַרבן, נאָר פון אַלץ וועט משה־יאָסל אין זאַך נישט פאַרגעסן ביז צום שטאַרבן״.

אַ ראָס, אַ רעמעלע איז דאָס געווען,
האָט ער נאָך אַזאַ ראָס אין לעבן נישט געזען!״...

מיט דער שולשטיינישער קלאָרקייט און פּאַבלטימלעכקייט, (וואָס דאָס איז זיין צוגאָב טאַלאַנט), רופט שולשטיין אַרויס דעם לייענערס אימאַ־זשינאַציע, דעם אויסזען פון אַ משה־יאָסל, דעם פּראָפאַן אויף קונסט, וואָס כאַפּט התפעלות גאָר פון רעם...

דער מחבר לאָזט איבער פאַרן לייענער צו פאַרענדיקן מיטן קלאַ־סישן זאָג: „באַוווּנדער נישט די כלי, נאָר דאָס וואָס איז אין דערין״...

דאָס בוך: „גאָלד און פייער״ אַנטהאַלט 80 משלים אָריגינעלע, באַ־זונדערס פינף איבערזעצונגען פון לאַפאָנטען און צוויי כינעזישע משלים.

עס איז אַ שווערע פּראָבלעם אויסצורעכענען די בעסטע פון זיי, ווייל איר לייענט זיי אַלע מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן... לאָמיר פון דעסטן אונטערשטרייכן ווי אַ נייער סוזשעט אין דער פאַבלקונסט: „די ניס און דער ניסן־קנאַקער״.

די זייער געלונגענע: „די פּוילישע פיש און די רוסישע פיש״, „יונה פילאָזאָף״, „דאָס פישעלע״, „דער גוף און די קליידער״. דער ציקל פערד־משלים. עס איז אויך ווערט צו דערמאָנען: „די קיך איז פול מיט קלאַנגען״.

שולשטיינס משל אָטעמט מיט אַ שטילער סאַטירע, נעמענדיק צו הילף די חיה אָדער דעם אָביעקט, כדי אויסצודריקן דעם מענטשנס באַוווסטזיין, זיינע מעשים און זיינע שכל־אויסגליטשונגען. שולשטיין צילט מיט זיין אָנגעפילטן משל מיט חכמה, ווי אַ יעגער מיט אַ ביקס נאָך זיין קרבן — נאָר דער פאָעט צילט מיט גוטמוטיקע פיילן און זיין ציניזם איז מיל־דער.

אַ גרויסער שאָד באמת וואָס עס פעלט דער יוגנטלעכער קאָנסומענט פאַר דעם ווערטפולן בוך.

די משלים פון משה שולשטיין זענען אַ נייער פּלוס אינעם גרויסן טייך פונעם וועלט־משל און באַזונדערס אינעם יידישן משל. איצט ווען מען וועט אויסרעכענען משלים־שרייבערס, וועט מען צו די אַלע באַקאַנטע נעמען פון עזאָפּ, לאַפאָנטען, קרילאָוו — און פון דעם סימבאָל פון יידישן משל: אליעזר שטיינבאַרג, אויך פאַראייניקן משה שולשטיין.

דער אומפאַרגעסלעכער שולשטיין

(1911־1981)

ווער ס׳האָט געקאַנט פּערזענלעך דעם דיכטער משה שולשטיין ווייסט, אַז זיין כאַראַקטעריסטיק לאָזט זיך טיילן אין דריי מערקצייכנס: אין דער געזעלשאַפט האָט ער זיך אויפגעפירט באַשיידן, גערעדט ווייניק. — קאַ־נענדיק זיין ווערט, פלעגט ער אויסמיידן דעם אויבן־אָן. ער האָט נישט געזוכט צו גלאַנצן מיט זיין קענטעניש און חכמה. — ער האָט פּשוט קיין צייט נישט געהאַט דערויף. שטענדיק האָט מען אים געזען פאַרחלומט, פאַרטראַגן אין זיינע חזיונות. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז פּונקט ווי דאָס האַרץ קלאַפּט־אויס זיין כסדריקן ריטעם, אַזוי פילט מען ווי ביי דעם בעל־הדמיון קלאַפּט דער דיכטערישער אָדער; דאָס מיינט, אַז ער שרייבט, אַפילו נישט באַנוצנדיק קיין פעדער... דעריבער איז ער אויפגעגאַנגען אַזוי ברכהדיק און שפעדיק אין לידער, משלים, דערציילונגען און עסייען — און מיר האָבן באַקומען דעם גאַנצן שולשטיין מיט אַלע זיינע פאַסעטן פון די ביכער אויסגעשטעלט אין אונדזערע ביבליאָטעקן.

לויט דעם אויבן געזאָגטן, קאָן זיך דוכטן, אַז ביי שולשטיינען האָבן זיך געשיט די לידער מיט אַ לייכטקייט, ווי קערנער. פאַראַן טאַקע אַזאַ ציקל אין זיין לעצטן בוך „דער אָרעם פון ליבשאַפט״, וואָס רופט זיך „צעשאָטענע קערנער״. אָבער קערנער מוז מען אויך זייען, געבן זיי פאַרעם און לעבן. אַז דאָס איז לגמרי נישט אַזוי איינפאַך, האָבן מיר אַ מוסטערדיקן

ביישפּיל פון זיינס אַ ליד: „קוק נישט אַריין אין מיין כתב־יד", וואָס איז אַן אַנטפּלעקונג פאַרן געבורט פון שאַפן און גלייכצייטיק שיין, — ווייל קינסטלעריש און ערלעך! ס'איז דער אָפּגעדעקטער סוד פון דער מיס־טעריע פון פענבאַשאַף און איז גילטיק פאַר יעדן שרייבער און דיכטער. ס'איז נישט לייכט צו צעשטיקלען אַ ליד און ספּעציעל אַזאַ אויפקום, וואָס רופט אַרויס ביים לייענער אַ פּלאַסטיש בילד פונעם ערשטן פעדער־אַנוואַרף און איז ראוי צו ליגן אונטער אַ גלאָז אין אַ מוזיי.

אָט זענען די פיר ערשטע און סוף־שורות פון דעם פאַרטרויאונגס־ליד:

איך בעט דיך, קוק נישט, טייערע, אַריין אין מיין כתב־יד,
אין מיין פאַרשריבענעם, געשטראָכענעם, געמעקטן בלאַט
פון אותיות — צעווימלטן מישמאַש־געפּלאָנטער,
וואָס אין אַ נעץ פאַרקניפּטער און צעריסענער דערמאָנט ער,
— — —
עס וועלן דיך די אותיות ווי פאָקשיווע צעשטעכן,
ווי דערנער מיינע שורות — דיינע הענט צעברעכן.
ווי הינטער שטעכלדראָט וועסט זיין אין זיי געפאַנגען —
אין מיינע ערשט־פאַרשריבענע, געשטראָכענע גרזאַנגען.

דאָס ליד ברענגט־אויף אַן אַסאָציאַציע מיטן פראַנצייזישן שרייבער און פילאָסאָף זשאַן זשאַק רוסאָ און זיין בוך „די ווידויים". דאָרט געפינען מיר אַ שילדערונג איבערן פּראָצעס פון זיין שאַפן, וואָס איז שטאַרק ענלעך צום זיך מתוודה־זיין פון שולשטיינס אויבן־ציטירטן ליד. רוסאָ פאַרגלייכט די אומאָרדענונג אין ברוליאָן פון זיין כאַאָטישן, אומפאַרמיקן רוי־מאַטעריאַל, פון וועלכן סע דאַרף שפּעטער אַרויסקומען דאָס ריינע סולת פון ליטעראַטור. און אַ צווייטן פאַרגלייך מאַכט ער, צו דער איטאַל־יענישער הינטער־קוליסן צוגרייטונג אין זיין עפּאָכע, צו שאַפן דעם סצע־נישן דעקאָר. ס'איז אַ שטוינענדיקער אָנוואָרף — שרייבט ער — אַן אומאָרדענונג פון באַשטאַנדטיילן פון וואָס עס ווערט שפּעטער די סצענע צום אויפטריט פאַר די אַקטיאָרן.

**
*

ס'איז כדאי צו זאָגן, אַז דאָס צענטראַליזירן זיך אויף דער פּראָלע־טאַרישער טעמאַטיק, וואָס האָט געשטאַלטיקט משה שולשטיינען ווי אַ קעמפּנדיקן פּאָעט, האָט אים אַרויפגעפירט אויפן דרך המלך פון אַל־מענטשלעכע מאָטיוון. אמת, נאָך זיינע אידעאישע דערפאַרונגען, וואָס מען האָט געטאָן און מען טוט כסדר צו אונדזער אויסגעפּייניקט פאָלק, איז אַריינגעטראָטן ביי דעם שפּרודלדיקן דיכטער אַן איבערבראָך פון שטיל־שווייגן, ווי ביי אַ ברויזנדיקן ים דער פענאָמען פון אָפּפלוס; דערפאַר האָט אין רעוואַנש זיין אָפּגעסמטע האָפענונג אויף אַ יושרדיקער וועלט, קאָנסאָ־לידירט זיין זעלבסטדערקענטעניש: זיין בוך „בלומען פון באַדויער" איז דערפאַר אין קאָנסעקווענץ, אַן איבערגאַנג צום צווייטן עמאָציאָנעלן באַ־לאַנס: „פון זיך צו זיך", און באַזונדער איז אויסגעברייטערט זיין קאָנ־צעפּציע דער אָנגעהעריקייט צום באַעוולטן „פּינטעלע ייד", אים אויפגע־רודערט און אַרויסגעשלאָגן פון אים נאַציאָנאַלע פונקען, וואָס מיר טרעפן אַן אין אַלע זיינע שפּעטערדיקע ביכער, און דער עיקר איז זיין בוך: „בלומען פון באַדויער", און דערמאָנען ווידער אין די „ווידויים" פון רוסאָ. — די טעמאַטיק איז ביים דיכטער געוואָרן אַן אַנדערע, אָבער דער מענטש איז געבליבן דער זעלביקער; מע געפינט אים אָפּ אין זיין סאַמע נאַטירלעכן עלעמענט, ווי אין דעם בוך: „דער אָרעם פון ליבשאַפט".

משה שולשטיין האָט באַהערשט דיכטעריש אַלע זעאונגען, אַלע געמיט־צושטאַנדן, אין אַ געשליפענער טעכניק און אין קלאָרע, נישט־אַבסטראַק־טע בילדער, דעריבער געניסן מיר גלייכצייטיק דורך די צוויי חושים פון אויפנעם: ראיה און שמיעה, וואָס טראָגן זיך איבער צום גייסטיקן גענוס.

„די מאַמע ביי דער באַליע וועש", איז נישט בלויז שולשטיינס מאַמע, ס'איז אַ מאַמע־סימבאָל, אַ כללדיקע מאַמע. שולשטיין האָט זי פּאַרפּאָע־טיזירט אין דער קאָנפראָנטאַציע פון דריי פּערזאָן: די מאַמע, וואָס וואַשט, רייבט און דרענגט די וועש; דער טאַטע, וואָס שמייכלט קינדעריש צו די קאָלירטע באַלאָנדלעך, און דאָס סענסיטיווע קינד, משהלע, דער צוקונפט־טיקער פּאָעט, וואָס באַמערקט אין די וואָלקנס פאַרע פונעם גרעט, אַ טראָפּן

שוויס אָדער אַ טרער. אין די אָרעמע היימען האָט מען זיך נישט געקאָנט דערלויבן קיין דרענג־מאַשינדל, וואָס מען האָט גערופן מיטן סלאַווישן נאָמען „וויזשימאַטשקע״. אָבער די וואָס האָבן אַליין געדרענגט, ביי זיי זענען די הענט געוואָרן אויפגעלאָפן פון האָרעוואַניע. ווען אָרעמקייט לייכט־אויף אין שלייער פון פּאָעזיע, באַוועלטיקט אונדז די שיינקייט פון אימאַזש, ווי אַריינגעהאָפטענע פעדעם אין אן איינפאַכן שטאָפטוך. פאַראַן אַזוי פיל שיינקייט צעוואָרפן איבערן גאַנצן ווערק, ווי שפּליטערס פון אַ גאָלדברילע, און יעדעס חלקל אָפּצוברעכן לדוגמא, וועט זיין מער עוולה דעם ליד, ווי אילוסטראַציע.

דער ליבע־מאָטיוו, נישט קיין עראָטישער, נייערט אַ ריין הומאַנישער, דאָמינירט אין זיין פולווערטיקער ליטעראַרישער ירושה, און צווישן דעם אַן אינטים ליבעליד, אַ שיר־השירימדיקס, וואָס איז דער טרייב־כוח פון אונדזער קורצן דויער — ווי אַ קלאַנג צו אַ ווידערקלאַנג!

ווער ס׳וועט אַ מאָל שרייבן אַ מאָנאָגראַפיע געווידמעט דעם הויך־טאַלאַנטירטן דיכטער, דערציילער און עסייאיסט משה שולשטיין, וועט דאַרפן אויסבאָרגן דעם טיטל פון זיין לעצטן בוך און אים געבן אונטער זיין שילד: „דער אָרעם פון ליבשאַפט״.

לייב קורלאַנד

„בײַ די ברעגן פון כנרת"

דאָס באַקומען דר. לייב קורלאַנדס בוך, „ביי די ברעגן פון כנרת" האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַן אָנגענעמע אַסאָציאַציע מיט זיינס אַ פּאַר־טיפטער שטודיע איבער די הייל־ערטער פון ישראל, וועלכע ער האָט בשעתו פאַר זיין עולה זיין, געדרוקט אין פּאַריז. מיר דאַרפן, דרך אגב, אַריינגעמען אין קלאַמערן, אַז לייב קורלאַנד איז באַקאַנט אין פּאַריז ווי אַ פּאָלקס־דאָקטער, אַ שרייבער און ברויזנדיקער קולטור־עסקן. ער האָט רעדאַקטירט ביי אונדז צוויי זשורנאַלן: „קיום" און „פּאָלקס־געזונט". טאַקע דעם לעצטן האָט ער געווידמעט די פּראַכטיקע באַשרייבונג פון די ישראלדיקע נאַטור־אוצרות. די דאָזיקע אַרבעט טראָגט אַ הומאַניטאַרן און אוטיליטאַרן כאַראַקטער און איז דורכגעוואָרפן מיט ציטאַטן פון אונדזערע הייליקע ספרים. דאָס איז אַ טעזע פון אַ שרייבער און מעדיצינער, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט נאַציאָנאַלער שליחות, וואָס באַאיינדרוקט אינטעלעקטועל און עמאָציאָנעל. זיין אַרבעט קלינגט ווי אַ גוטע בשורה, אַ מאַניפעסט צו קומען געניסן פון די נסימדיקע היילקוואַלן. דאָס אויספאָרשן דעם היילבאָדן אין ישראל, איז נישט געווען בלויז אַ רעקלאַמע־רוף פאַר דער וועלט, נייערט אים אַליין באַאיינדרוקט צו פאָרן דאָרט אַהין זיך צו באַזעצן. ער איז גיך אַריינגעוואָקסן אין לאַנד, סיי פּראַקטיש ווי אַ מעדיצינער, סיי קינסטלעריש מיט זיין פעדער.

דאָס איצטיקע בוך דערציילונגען איז שוין די פּרוכט פון לאַנד. דעריבער איז דאָס שוין־אויבן־געזאָגטע אַליין געווען דער סטימולאַנט גלייך צו נעמען זיך לייענען זיין בוך. צווישן זיינע פריערדיקע דריי ביכער איז

אויך פאַראַן אַ ראָמאַנטיזירטע גרעסערע דערציילונג פון דער חורבן־תקופה „אויפן וועג צו זיך". אַ שילדערונג פון צעבראָכענע און צעהאַלבטע מענטשן, וואָס שווימען צו די ברעגן פון ישראל.

ווילן מיר איצט אַ רייד־טאָן מכוח זיינע איצטיקע דערציילונגען. לייב קורלאַנד באַשרייבט די ישראלדיקע רעאַליטעט. די לאַנדישע ליידן און פריידן בויט ער איבער קינסטלעריש און ווערט פאַרשותפט הן צום לאַנד, הן צו זיין ליטעראַטור.

מיר וועלן פּרוּוון דורך איניקע דערציילונגען פאַרשטעלן דעם בעלע־טריסט. לאָמיר אָנהייבן ביי „אילנה". דאָס מיידעלע איז געקומען אויף דער וועלט אַ קריפּל. זי איז שוין געווען אַ קרבן אין דער מאַמעס בויך בעת די פּייניקונגען אין אַ היטלער־לאַגער. טראָץ אַלע מאָדערנע הייל־מעטאָדן איז זי פאַרבליבן נישט געראָטן. אַן איבערגעוואָקסענע און אויס־געקרומטע. אַפילו די שפּראַך איז ביי איר געווען אַ שטאַמלענדיקע. עפּעס אַ קללה פון גורל. פון קיבוץ־קיך איז זי אַריבער צו דער שטאַלאַרבעט. די שטאַל איז געווען געפּאַסט פאַר איר און געוואָרן איר גאַנצער אוניווערס. זי האָט זיך געפילט בעסער צווישן די בהמות ווי צווישן מענטשן. דאָס מעלקן די קי, דאָס העלפן דער בהמה געבערן, האָט באַפרידיקט איר סעקסועלן נייגער. דאָרט ווערן איר אַנטפּלעקט די סודות פון לעבן און וועקן גלייכצייטיק אין איר די פרוי.

דאָס רויע פיזיאָלאָגישע איז מייסטערדיק געשילדערט. די קרובהשאַפט צו דער בהמה אין שטאַל, צו וועלכער זי האָט זיך צוגעבונדן רופט ביי איר אַרויס אַ גליקזעליקייט. איז די דערציילונג אַרויסגעשניטן פון אַ דראַ־מאַטישער רעאַליטעט, און געסקולפּט מיט אַ שאַרפן חוש פאַר עקספּרעסיע.

אילנהס אָפּפילן די מינערווערטיקייט פון איר זיין, רעוואַנזשירט זיך מיט דער איבערווערטיקייט פון זיין אַ פרוי. דאָס פאַרשעמטע שטיקל חומר האָט גענאָסן פון איינציקן געטלעכן גנאָד און זיך געגרייט ווערן אַ מוטער. „גאָט וואָלט נישט געקאָנט זיין אומעטום, דערפאַר האָט ער געשאַפן די מוטער" — זאָגט אַ יידיש שפּריכווערטל.

ס'איז נישט וויכטיק צי חיים דער קיבוצניק איז דער טאַטע, צי יורם

דער מיליטערמאַן, וואָס פאַרבלאָנדזשעט אין שטאָל אין אַ טאָג פון חופש, און פאַלט שפּעטער אין שלאַכט.

לייב קורלאַנד באַשיינט די מינערווערטיקייט פון דעם באַשעפעניש מיט דעם, וואָס זי וועט געבן אַ ווערק פון אירע טיפן. אָט איז זי דאָך ווי אַלע פרויען, דער קוואַל פון לעבן און המשך. מיט דעם דאָזיקן טריומף ענדיקט זיך איר לעבן אין קימפעט און לאָזט דערפאַר אַ ניי לעבן.

שטוינענדיק אמתדיק און קינסטלעריש זענען באַשריבן די געבורט־ווייען ביי דער פרוי. אַ ביישפּיל איז אויך די ערשטע דערציילונג „טל". אין דעם באַשרייבן די שמערצן פון דער געווינערין, אַנטפּלעקט מען דעם דאָקטער און דעם בעלעטריסט, וואָס טרייסלט אויף אַ ווייבלעכן מין...

די דערציילונג „ביי די ברעגן פון כנרת", וואָס טראָגט דעם טיטל פון בוך, איז אַ טעמע וואָס קומט דעם שרייבער גלייך אין שטוב אַריין — די איך־פאָרעם איז אַ גוטע און פּאַסט זיך פאַמיליאַר צום שרייבער און מעדיצינער, וואָס וווינט אין דער נאָענטקייט פון כנרת און געניסט פון דער פּאַנאָראַמע מיט וועלכער ער טיילט זיך אויף זיין אופן. דאָס איז איינע פון די פיינסטע דערציילונגען. זי פאַרכאַפּט מיט דער לאַנדשאַפט־שילדערונג פון אַ טעמפּעראַמענט, וואָס ציט צו איבערלעבונגען און ווערט סטימולירט פון דער אינערלעכער סטיכיע ווי פון דעם כוואַליעס־געיעג אויפן כנרת. דאָס געטויע באַשרייבן ס׳וואָרפן די נעצן איז אַנגעגעם און שפּאַנענדיק. עמאָציאָנעל קלאַפּט דער דופק מיט די נעצוואָרפערס און פישיעגערס צוזאַמען. פון דעם פרידלעכן נאַראַטיוו, פון דעם שפּאַציר נאָכן פישפאַנג, ווינטלט אויף אונדז דער כנרת. דער שרייבער דינט דאָ ווי אַ זייטיקער אָבסערווירער. זיין אָפּטישער חוש פאַר דער נאַטור־שיינקייט באַוועלטיקט אים צום שווייגן און לאָזן רעדן דעם ים־מענטש, שמשון שושנה, וואָס געפינט זיך אין זיין עלעמענט און רעדט מיט געניטקייט פון אַלע מינים פיש, וואָס ער באַגעגנט.

צווישן די דערציילונגען פון אַ ראָמאַנטישן אינהאַלט, מוז מען אַרויס־הייבן „די לעצטע נאַכט".

ס׳גייט דאָ וועגן אַ חייל וואָס איז געקומען אויף אַ קור פאַר זיין

ראַנירטן אַקסל. ער האָט זיך באַקענט מיט אַ יונגער פרוי מיט וועלכער ער האָט געטאַנצט. דאָס איז שוין די לעצטע נאַכט פון זיין חופש. יפה הייסט זי, די שיינע ברונעטקע. זי פירט אַן אַמבולאַנס אין אַ מיליטערישער איינהייט אין מדבר. יעדן חודש קומט זי אַהערביים כנרת אויסטאַנצן איר טרויער נאָך איר יונג־אומגעקומענעם מאַן. איז כדאי צו געבן כאָטש אַ קורצן ציטאַט פון דער קינסטלערישער וויזיע, וואָס באַהערשט דעם מחבר, ווען ער לעבט זיך אַריין אין דעם נערוון־פיבער פון אַ ליידנדיק־פאַרליבטן חייל, וועמען דאָס ערשטע מיידל, זיין כלה, האָט פאַרלאָזט צוליב זיין געשעדיקטן אַקסל אויפן פראָנט: —

„דער וועקזייגער האָט געקלאַפּט הויך און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַ רעדל פון געווערק איז פאַרקראָכן אונטערן שאַרבן און רייסט מיט די קלינג־ציינדלעך די קוים פאַרוועבטע שלאָף־פעדעם. ווען ער איז נישט אָפּהענגיק פון זייגער, וואָלט ער אים אַ שליידער געטאָן ביזן עק צימער...".

די ליבע צווישן די צוויי שול־קינדער אין דער דערציילונג „אויבן אויף דער רמה", איז איינגעטונקען אין פיין פון נאָכאַנאַנדן בוי און צע־שטערונג. אַ פּסיכאָלאָגיש גוט־אויפגעפּאַסטע דערציילונג, וואָס אַנטוויקלט זיך מער אין דער נשמה פון דער פרוי דינה, וואָס האָט שוין פיל דורכ־געמאַכט אין איר לעבן. דאָ ווערט אונטערגעשטראָכן די אייפערזוכט פון אַ מאַמע, סיי אויף איר יונגן קינד יוסי, וואָס ליבט זיך מיט זיין שול־חברטע סיגלית, סיי פון אַ חשד אויף איר מאַן וואָס לאָזט זיך פאַרפירן פון סיגליתס מוטער... אַ פּסיכיש אומרואיקע, אַ נישט־צופרידענע, קאָן זיין מחמת אַ נישט־גענוגנדיקער סעקסועלער אויסלעבונג. אַ געוועזענע מלחמה־אלמנה האָט זי מקנא געווען איר אייגן קינד, וואָס ליבט זיך מיט נאָך אַ יינגערער פון אים. איר באַוווסטזיין איז נישט גענוג קלאָר, אַז זי זיצט נאָך אין דער שאָל פון אירע אור־עלטערן; אַז איר זונעלע האָט שוין באַקומען אַן אַנדער פאַרמאַציע און מוז נישט אונטערדריקן די קינ־דער־ליבע ביז צו דער פולקומער רייפקייט. דער אינערלעכער קאָנפליקט

אָבער לייזט זיך אויף, ווען איר אייגענע יוגנט טראָגט זיך פֿאַרביי פֿאַר אירע אויגן — דיקטירט פּלוצעם פֿון אַ יושר־געפֿיל — איז איר געוואָרן נאַטירלעך די ליבע פֿון די יונגע קינדער. זי פֿאַרגעסט אַפּילו די אייפֿער־זוכט צו איר מאַן.

די דערציילונג פֿאַרמאָגט פֿונדאַמענטאַלע קעגנזעצלעכע וואַלאָרן, ווי דאָס ליב האָבן איר קינד און נישט פֿאַרגינען זיין יוגנט־פֿרייד. פּונקט ווי דאָס ליב האָבן די היים און אין אַ קריטישן מאָמענט זיך גרייטן צו אַנטלויפֿן. דער שרייבער גיט דאָ אַ טיפֿ פֿון אַ פֿרוי, וואָסליידט און ווערט טראָץ דעם, טייל מאָל אומסימפּאַטיש. דער בעלעטריסט האָט אָבער נישט איבערגעכאַפּט די מאָס און די געשטאַלט קומט אַרויס סובלימירט. דאָס מערקט זיך אויך אין דער דערציילונג „אַללאָ אַכבאַר", ווו דער שרייבער ווייזט־אויף ווי אַזוי אַכמד סאַלאח איז געצוווּנגען אויף אַ ליגנערישן אופֿן צו זיין אַ ווידערשטענדלער און זיך סאָלידאַריזירן מיט זיינע ברידער. ער ברענגט דאָ אַ נאַקעטן ביישפּיל, ווי דער מענטש איז נישט פֿריי אין זיינע האַנדלונגען, ווי ער דרייט זיך אַרום אויף דער וועלט אַ געבונדענער.

דער קאַנאַניזירטער חכם און וואָרט־קינסטלער, משה נאַדיר, וואָס האָט געוואָרפֿן פֿייערווערק־ווערטער וואָס ברענען אין דער אייביקייט, דער־מאָנט אין אַ פֿאַר שורות, אַרויסגעכאַפּטע פֿונעם קאָנטעקסט „געבונדן":
„מיר זענען צוגעבונדן. איך בין צוגעבונדן צו מיין טיר, וואָס איז צוגע־בונדן צו דער צוגעבונדנקייט, אַז מיר ווילן זיך דערפֿון נישט אָפּבינדן בשום אופֿן..."

*****

אַלע 14 דערציילונגען גייען נאָך דעם ריטעם פֿון לאַנד: צעשטערונג, אויפֿבוי, ליבע, קרבנות־גרייטקייט אין דער סביבה פֿון אַ געמישטער באַ־פֿעלקערונג.

„טריקעניש" געהערט צו די נאַטור־באַשרייבונגען, וועמען לייב קורלאַנד ווידמעט באַזונדערע בילדער. אין דער דראַמאַטישער שילדערונג, „טריקעניש" פֿילט זיך דער רוח־הקודש פֿון תנ"ך.

לייב קורלאַנד האָט ליב צו עקזאַלטירן די ווייבלעכקייט. צו מאָל טרעפן מיר זיך אָן אויף אַ דאָזע עראָטיזם, פאַר וועלכן מיר ציטערן אַ ביסל, ער זאָל נישט איבערכאַפּן די מאָס, לויט דעם ענטוזיאַסטישן געשריי און עקסהיביציע פון דער מאָדע אין אַלע צווייגן פון קונסט...

אין לייב קורלאַנדס דערציילונגען פילט מען די קינסטלערישע זעלבסט־הנאה ביים שאַפן. דערפאַר איז זיין בוך אָנגענעם צו לייענען און געניסן דערפון, אויך ווייל ס'איז געשריבן מיט דער זעלבער וואַרעמקייט, ווי זיין פון אָנהייב־דערמאָנטער עסיי.

„אַ קעמל ביים כנרת"

לייב קורלאַנד איז געווען אין פּאַריז דער דאָקטער פון אַ סך יידן און נישט־יידן. מען האָט געשמועסט, אַז ער שטעלט דעם ריכטיקן דיאַגנאָז ביים חולה. ווען אַ שרייבער איז געקומען צו אים אויף אַ קאָנסולטאַציע, האָט ער געלאָזט אויף שפּעטער די חכמות הדאָקטאָריע, נישט גערעדט פון קיין קראַנקייט, פון קיין רפואות, נייערט קלוגיטשקע גלייך פאַרוואַנדלט די וויזיט אין אַ גערייד וועגן ליטעראַטור.

האָט ער דאָך איבערגענומען די רעדאַקציע פון זשורנאַל „קיום", וועמענס ערשטער רעדאַקטאָר איז געווען דער שרייבער ישראל יעפּ־רויקין ע"ה.

לייב קורלאַנד האָט מזלדיק כמעט גלייך אַריינגעשפּאַנט איןביידע דיסציפּלינען: אַלס דאָקטער, ווי אַ פּרנסה־פּראָפעסיע, און אַלס שרייבער, ווי אַ ראָמאַנטיקער, אַן אינטעלעקט מיט אַ פּאָעטישער נשמה. מען האָט דעריבער גוטמוטיק און פריינדלעך געשפּאַסט אויף זיין חשבון, אַז אין דער מעדיצין איז דר. קורלאַנד מער שרייבער ווי דאָקטער — און אין

דער ליטעראַטור איז ער מער מעדיצינער ווי שרייבער. אין דער אמתן האָט זיך אַרויסגערוקט זיין שם טוב איןביידע טיטולן, אַלס פּראָזאַאיקער פון דריי מאָסן: דערציילונג, ראָמאַן און מיניאַטור.

צו זיין שבח ווי אַ בעלעטריסט מוז מען נאָך צוגעבן, אַז ער נעמט נישט אַוועק די פּעדער פון זיין מעדיצינישער קאָרעספּאָנדענץ, ווו ער אינפאָרמירט אויפן געביט פון די גייסטע לאַבאָראַטאָרישע אויספּרווו־דערפינדונגען, וואָס דינען צו פאַרלענגערן דעם מענטשנס לעבן. פון דער צווייטער זייט — ווי אַ געזונטער פּאַראַדאָקס, גיט ער עצות פאַרן פּאָלק מיט זיין יידיש־יידישלעכער ערלעכקייט, אויסצומיידן ווי ווייט מעגלעך די אינטערוועניץ פון פאַרמאַצעווטישע רפואות...

***

פון זיינע 13 דערשינענע ביכער, איז דאָס ערשטע אַ בויגן פּאָעזיע. ער איז פּאַקטיש געבליבן דער למד־וואָווניק, וואָס באַהאַלט זיך אין זיין מיניאַטורעזירטער פּראָזע.

ס׳איז געווען ביי מיר עפּעס אַ קאַפּריזנער אַנהייב פון לייענען: כ׳האָב אָנגעהויבן ביים ערשטן און לעצטן שטיקל פּראָזע. געווען איז עס אַ פאַרזוך, וואָס האָט מיך ממש פאַרכאַפּט און ביז צום סוף פון איבער־לייענען דאָס בוך, געלאָזט ביי מיר אַ לאַנג־דויערנדיקן שמייכל. „אַ קעמל ביים כנרת״, וועמענס הילע איז פאַרגעשטעלט אין אַ גאָר פיינער צייכענונג פון קינסטלער משה קאגאן, זעט אויס ווי אַ פאַרבלאָנקעט, אומעטיק קינד, וואָס קוקט תמימותדיק אין דער ווייט און זוכט זיין באַשיצער. נעבן אים אַ צעפּאַלמעטע טויב און אַ קליין קאַקטוסל, אַ סימבאָל פון „כנרת שלי״, וואָס דער שרייבער לייב קורלאַנד האָט נאָך דער דיכטערין רחל בלושטיין, קאָן מען זאָגן מאָנאָפּאָליזירט...

ס׳האָט מיך גלייך אַרומגעכאַפּט אַ שרייבערישער אומרו. וואָרט דאָס ווייסע פּאַפּיר ווי אַ געלעגער אויף אַ געווינערין צו דער געבורט... און איך טו דאָס מיט נישט קיין געמעסיקטן ענטוזיאַזם! מען קען סאַפּיסטיצירן

דעם אויסדרוק „חן" און מאַכן אַ רעכענונג פון די צוויי אותיות, וויפל טעמים דאָס בוך פאַרמאָגט לויטן קלאַסישן מספר פון אלף־בית... אָבער לאָמיר דאָס מאַכן קורץ און קלאָר: די דערציילונגען און מיניאַטורן גרייכן דעם זיבעטן חן!

כמעט אויף אַלע ראַנדן פון בוך האָב איך געצייכנט מיינע באַגייס־טערטע אויסרופן!

דאָרט, וווּ ס'ווינט דער שרייבער און מעדיצינער (שוין איצט אויף פּענסיע), דאָרט איז דער קוואַל פון זיין אינספּיראַציע, וואָס קומט פון הימל, פון דער ערד, פון אַרום און טרינקט אָן מיט האָניק־טוי זיין אינ־טענסיווע פּעדער. ער איז ממש אַ ציסטערנע, שטענדיק פול מיט גאָטס שיינקייטן, וואָס ברענגט זיי צו אונדז אין קורצע עפּיזאָדן, אין אַ געזעמל שורות, ווו מען געפינט דאָס פּילקאָליריקע טבריה, דעם יישוב מיט זיינע באַזוכער.

נעמט צ. ב. די מיניאַטורקע „משיח", ווייעט אויף אונדז אָן אמת קינדישע נאַאיווקייט פון די דאָרטיקע יידן — באַלויכטן מיט פאַקל פון שיינשפּראַכיקייט, באַגלייט מיט תנ"כישע פּסוקים. ס'איז נישט מעגלעך אין אַ קורצער אַרבעט איבערצוגעבן דעם גאַנצן געפלייץ פון מחשבות, וואָס דאָס בוך וועקט ביים לייענער. אָט, בין איך ביי דער דערציילונג „האַרבסט", ווו דער מיניאַטורנער לייב פּאַרקערפּערט זיין פּערסאָנאַזש אַזוי געראָטן, אַז צו מאָל דאַכט זיך, אַז אַ קינד שרייבט — און אָט ווערט דער סטיל אַזוי צאַרט, דין און אינטים ווי אַ פּרוי וואָלט אויפגעכאַפּט אַלע קלאַנגען און בילדלעך פון מענטש, נאַטור און פאַרצייכנט אין איר טאָגבוך... אָבער דאָרט ווו מען דאַרף געפינט מען זיין מעדיצינישע חכמה: ווען כ'זאָל זיך נישט אָפּהאַלטן, דאַרף איך ציטירן אַלע מיניאַ־טורקעס. איר מוזט מיר אָבער גלייבן, אַז לייב קורלאַנד קען אויך זיין אַזוי קונדסיש און ראָמאַנטיש, אַז אַפילו שרייבנדיק די שורות מוז איך שמייכלען! אַ תענוג איז צו לייענען זיינע באַטעמטע, שטיפערישע דיאַ־לאָגעלעך און קינדישע חכמות ווי „די האַנט" און אַנדערע. וואָלט די צייט נישט געווען אַזאַ לויפּערקע, וואָלט איך נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט דאָס

שיינע בלויע בוך פון טעוועלע צו טעוועלע, ווייל דאָס לייענען פירט אויף שטאַפּלען, וואָס שאַפט אַ בריק צווישן מחבר און געניסער. דער בלויזער טיטל איז שוין פאַרבעטונג אַריינצוגיין אין דעם פּאַראַדנעם, עסטעטישן געבוי פון אינעווייניק ווו עס דאָמינירן די פּאָעטישע מעטאַפאָרן, פון וועלכע עס טראָגט זיך אַן אָנגענעם, ריין ווינטל פון זויערשטאָף, ווי דירעקט פון זיצאָרט פון מחבר.

יעדער ציקל מיניאַטורקעס איז געצייכנט מיט וויניעטקעס. ווען כ׳מיש דאָס בוך מיט די אויפשריפטן אויף דעם ראַנד שטעל איך זיך אָפּ ביים „זייגער”, ווו כ׳האָב אויפגעשריבן „ווונדערלעך!”. וועט איר מיר דער־לויבן אין די ווייטערדיקע שורות צו געבן אַ קורצינקן ציטאַט.

צו זיין בר־מצוה באַקומט אַ קינד אַן אַנטיקן־זייגער. די שילדערונג פונעם זייגער און בכלל דער סיפור־המעשה איז פּאַר זיך אַליין אַ קינסט־לעריש ווערקל, וואָס סימבאָליזירט לעבן און סוף. ס׳האָט געצומען רימען דעם זייגער דער אַנטיקוואַר ירוחם לוי פון רש״י־גאַס און אויסגערעכנט פון וואַנען עס שטאַמט זיין יחוס און אַוועקגעלייגט די פאָלגנדיקע דרשה: „דער זייגער, דער לוח און דער שפּיגל דערגאַנצן זיך. זיי זענען ווי ס׳לעבן גופא, ווי דער דרך־עולם. כאַפּסט אַ בליק אויפן ציפּערבלאַט און דו זעסט ווי שפּעט עס איז אַרום דיר. כאַפּסט אַ בליק אויף די לוח־שייבלעך און דו זעסט די צייט אַרום, אַרום דיר, די צייט אין דיר, אין דיין נשמה אין דיין פּנים, אין דיין לייב און לעבן. מ׳דאַרף סיי קוקן אויפן זייגער, סיי אויף די לוח־שייבלעך, סיי אינעם שפּיגל. און געדענקען מוז מען אָנצו־דרייען די שפּרינגפעדער פון זייגער און פון לוח, און געדענקען מוז מען צו פּוצן דעם שפּיגל, נישט דורכלאָזן קיין איינציקן טאָג”.

ווען מען האָט דעם בר־מצוה־בחור דערלאַנגט די מתנה, האָט מען איבערגעחזרט די גאַנצע תורה פון באַניצן דעם טייערן מכשיר. די צאַצקע, וואָס דרייט דאָס ראָד פון לעבן ביז ער שטעלט זיך אָפּ און הויכט אויס זיין טרייב־כוח.

דער בעל־הזייגער האָט אים טאָקע געדרייט ביז אין דער עלטער אַריין. ווען ס׳האָבן אים פאַרלאָזט די כוחות, האָט ער באַמערקט אינעם

זייגער־שפּיגל אַ פאַרוועלקט פּנים, ווי נישט זיינס... האָט ער אויסגע־דרייט דעם קראַנקן זייגער און געזען דעם נאָמען און אַדרעס פון אַנטיקן־סוחר... אָבער דער זעלביקער איז שוין נישט געווען. דאָס געשעפט איז אַריבער אין ירושה צו זיינס אַן אייניקל. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און געזען, אַז ס'איז נישט מער קיין אַנטיקן־געשעפט און די אַלע אויסגע־שטעלטע זאַכן האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט קיין זייגערס — און ער געפינט זיך גאָר אין אַ קבורה־אונטערנעמונג מיט פאַרשיידענע שטיינער. נישטאָ קיין איין לעבעדיקער מכשיר, אַ זייגער צום ניצן, נאָר קבר־אָרנאַמענטן.

די פרוי פונעם אייניקל, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן געשעפט, וואָס אַנטהאַלט איצט מלאך־המוות־צודאָטן, דריקט אים אויס מיטגעפיל און פרעגט וועמען ער האָט פאַרלוירן... דער „קליענט" שטעלט אַוועק דעם זייגער און רופט אויס מיט עמפּערונג — דעם זייגער מיטן לוח מיטן שפּיגל. נעמט אים אייך.

און דער שרייבער פאַרענדיקט: „ער איז אַרויס און זיינע פיס זענען געגאַנגען ווי נאָכן ארון פון אַ שונא".

וויפל שיינקייט ס'איז פאַראַן אין דעם זייגער, אַזוי פיל איז אויך פאַראַן אין דער דערציילונג „די קאַץ", מיט אַן אָריגינעלקייט און צולאָג פון הומאָר.

אַז דער שרייבער איז אַ שפּינער אויך פון פאַעטישע פאַנטאַזמען, באַ־ווייזט דאָס איצטיקע בוך. נישט בלויז אין איין מיניאַטורקע. אָט, איז „דער בוים" אַ שרייבטיש און ווידער צעחלומט זיך דער שיינשרייבער און פאַרוואַנדלט אים צוריק אין אַ בוים.

לייב קורלאַנד פאַרמאָגט איינפאַלערישקייט. ער אָטעמט איין נאַטירלעך דעם אַרום מיט אַלע נידערן און ספערן און אָטעמט אויס קינסטלעריש ריינע, סטיליזירטע אַנימאַציע, ווי אַ פאַרבלענדער! טייל מאָל דאַכט זיך, אַז ער שאַפט דאָס אויף אַן עלעקטראָנישן אופן; ס'גיט אַ בליץ און ס'בילדל איז אַראָפּגעכאַפּט.

נאָך דעם ווי מען פאַרגעניגנט מיט פיר אַפאָריזמען אין אַכט שורה־לעך „פאַלק" האָבן מיר אַ מיניאַטורקע אַרויסגעכאַפּט פון קור־אַנשטאַלט אין טבריה, ווו דער שרייבער איז געווען דאָקטער. דער העלד איז אַן

אַראַבישער שייך פון וועמען דער שרייבער מאַכט אַ „דיסקרעטן" תל און שטעלט צו צו זיינע אַראַבישע נעמען דעם פאַמיליע־נאָמען פאַרכמאַן. כ׳וויל ביים לייענער נישט אַוועקנעמען אַזוי פיל פאַרגעניגן און לאָז פאַר אים דעם גאַנצן — דווקא העפלעכן פאַרכשוין!

***

ס׳וואָלט געווען אַ בלויז אין דער אָפּהאַנדלונג, ווען איך דערמאָן נישט דאָס אָריגינעלע און דראַמאַטישע מעשהלע, וואָס רופט זיך „כלב" (הונט), און געהאַט אַ פּריווילעגיע אַריינצוקומען פון דער עברית־שפּראַך גלייך צום יידישן באַניץ... ווייזט זיך אַרויס לייענענדיק, אַז דאָס איז גאָר דער נאָמען פון אַ באַקאַנטער תנ"כישער פיגור כלב — אַן איינפאַל פונעם הונטס בעל־הבית. אגב, געפינען מיר דעם נאָמען, וואָס איז פּרעכטיק ראַמאַנסירט אינעם געשיכטלעכן ראָמאַן „יריחו" פון שמואל איזבאַן. ס׳האָט מיך פאַרטשעפּעט דער מענטשן־נאָמען פאַר אַ הונט — צוליב דער אינ־טערפּונקציע כלב — אויף כלב 1) און כ׳באַגרענעץ מיך בלויז אויף צו דערמאָנען די קאָמבינען פון שפּראַך־איינפאַל. אַן איבערשטעלן פון וואָרט־לעכע אותיות, שאַפט אין פּרינציפּ צוויי גאָר ווייטע באַגריפן און פאַרנעמט אַן אָרט אין דער וויסנשאַפט פון סעמאַנטיק מיטן אָנרוף פון אַנאַגראַם. אייניקע ביישפּילן: לויפער — פוילער. ציקלען — קיצלען. כ׳וועל פאַר־ענדיקן מיט שלום עליכמס גנבים־שפּראַך: „גיב אים נאָר אַ טאָפּ ביים גייזער" געמיינט זייגער. ס׳איז אַ שפּראַכווענדונג צו שפּיל און שכל־דיקייט. ביי לייב קורלאַנדס דערציילונג מיטן כלב — כלב, מעגן מיר אויך נעמען צום קאָנטעקסט פון די ביישפּילן מיט בלויזע יידישע פינ־טעלעך.

די באַשרייבונג פון „יד לבנים" איז אין זעלביקן קורצן און פּאָע־טיזירטן נוסח־קורלאַנד, וואָס האָט אַ געשיכטלעכן הינטערגרונט און האַלט

---

1) כדי עס זאָל זיין קלאָר די אותיות־שפּיל גיב איך די ווערטער אין פאָנעטישן אויסלייג: „קאַלעוו" — אַ נאָמען און „קעלעוו" — אַ הונט.

דעם לייענער לאַנג אין שפּאַנונג. דאָרט ווו עס דערמאָנט קאַמף, העלדיש־קייט און אומקום. איז אָבער דער עיקר אין דער דערציילונג אונטערגע־שטראָכן די כאַראַקטעריסטיק פון די שפּיל־פאַרווײַלונגען ביי די קינדער פון קיבוץ. דער מחבר באַוווּנדערט אין זיין אָבסערוואַציע דעם סאַברישן קולט פאַר זעלבסט־זיכערקייט, דעם גרויסמוט מיט וואָס יידישע קינדער דאַרפן זיין באַוואָפנט! דער דאָקטער איז שוין גרייט צו לויפן ראַטעווען אַ קינד ביי אַ געפערלעכער שפּיל... אָבער מען פאַרזיכערט אים, אַז ער מעג זיין רואיק. נעמט דער שרייבער אויף דעם לקט (לעקעט) פון דעם שפּילפעלד פאַר קינדער און גיט דאָס זיין פּרוכטיקער פעדער.

ס'איז כדאי צו דערמאָנען די לעצטע, רעטראָספּעקטיווע דערציילונגען, „דער קאַשטאַן" אין אַן אימפּרעסאָניסטישער געשטאַלטונג, וואָס רופט אַרויס ביים מחבר היים־נאָסטאַלגיע. דאָס איז אַ פערד, וואָס דערמאָנט אים זיין היימיש פערד. ביים מחבר איז דאָס פערד פּלוצעם מגולגל געוואָרן אין אַ מושב אין נידערן גליל...

דאָ פאַרפעלט ער נישט אויף זיין קורלאַנדישן אופן אַרויסצובריינגען די באַוועגלעכע סעקסווענדונג צום צווייטן מין... ווידער פאַראַן אין דעם פּיל הומאָר, וואָס ווירקט פּיקטוראַל ווי אַ פילם און ברענגט אויף גע־לעכטער.

די אַנדערע צוויי דערציילונגען וועמענס קאָנסטרוקציע איז אויך אַריבערגעצויגן אויף דער ישראל־ערד, זענען: „ווען דו גייסט פלאַנצן אַ ביימל" און אינטים־אויטאָביאָגראַפיש „נעמען". זיי פאַרמאָגן טאַקע אַזאַ שאַרמאַנטע צניעות און אַלט־היימישן חן, אַז עס מישט זיך אַ שמייכל מיט אַ טרער.

איז דערפאַר — אַ לויב דעם לייב קורלאַנדס מיניאַטורקעס, וואָס זענען אין דער קורצקייט ווי אַ טל ומטר"ל אין אַ קליין סידורל.

דאָס גאַנצע בוך איז אַ שטאַרקונגס־עליקסיר, וואָס קומט פון דער לאַבאָראַטאָריע פון דעם מעדיצינער און שרייבער דר. לייב קורלאַנד.

דאָס צווייטע בוך לידער פון טאַניע זיסמאַן

(1983־1897)

פאַראַן ביכער, אַז מען נעמט זיי לייענען, באַוועגט זיך גלייך דער קוועקזילבער פון וואַרעמען אינטערעס צו זיי, און אַזוי ווי פון טאַניע זיסמאַנס ערשטן בוך, איז מיר געבליבן אַן אָנגענעמע דערמאָנונג, דער עיקר פון אירע „נאָקטיורנס", נעם איך די דאָזיקע זכיה ווי אַן אָדערויף אויף איר ניי בוך לידער, וואָס איז דערשינען מיט אַ 16 יאָר שפּעטער. לויט די דאַטעס אונטער די לידער זעט זיך דער סימן, אַז זי האָט נישט פאַרוואָרפן די פעדער. ס'איז נישט געווען קיין אינטערמעצאָ, קיין געזאַנג־פּויזע. איז גוט, וואָס די דיכטערין האָט זיך רעוואַנזשירט פאַר דעם ווייטן אָפּלויף פון צייט און אונדז געבראַכט אַ וואָגיקן באַנד לידער און פּאָעמעס. און וואָגיק מיינט דאָ גראַד אין תוכיקן זין.

דאָס בוך איז אַרומגענומען מיט אַ הילע פון צוויי ליכטיקע פאַר־טרעטן פון דער דיכטערין. פון איין זייט אַן ערנסטע און פון דער צווייטער — אַ צעשמייכלטע. אַזאַ הילע איז אין אונדזער בוכוועזן אַ נייעס, און מאַכט, נישט נאָר אַ גוטן איינדרוק, נייערט אויך אַן אַריינפיר צו אירע שטימונגספולע לידער.

דאָס בוך איז געטיילט אין זעקס ציקלען לידער און פּאָעמעס, און פאַרענדיקט זיך מיט אַ דערציילונג, באַצייכנט: עפּילאָג. ס'איז אַ מין פּאָעטיש נאָכוואָרט צו איר גאַנצן דיכטערישן לעבנסוועג. דער באַקאַנ־טער מאָלער, אַדאַם מושקאַ האָט דעקאָרירט דאָס בוך מיט אילוסטראַציעס, וואָס זענען לידעריש אינספּירירט און זיי לייענען זיך אויך ווי הקדמות צו די לידער־גרופּעס.

אינעם דיכטער לעבט יעדער אָביעקט. פון יעדער נאַטור־דערשיינונג,

פון יעדער געשעעניש אינעם גאַנצן געזעמל שעהען פון מעת־לעת קאָן ער שעפּן זיין לעבנסשטאָף. לעבן ביי אַ דיכטער דריקט זיך אויס אין דעם רוח־הקודש וואָס פאַנגט אים; דער אָרעאָל פון דער פּאָעטישער שכינה גיט אים די ווערטער, אַזוי צו וועלט־געשעענישן, ווי צו זיין פּערזענלעכן טרויער אָדער פריידּ. טאַניע זיסמאַן לעבט־איבער פריער איידער זי שאַפט דעריבער רירן אונדז אַזוי טיף אירע לידער, צי דאָס זענען חורבן־לידער, ווי „אויגן שרייען״, „דער שייטער״, אָדער „אַ מינוט שטילשוויגן״, געוויד־מעט דעם אומגעבראַכטן פּרץ מאַרקיש, אָדער אַ האָפערדיק ליד, וואָס מיר געפינען צווישן די איכה־לידער, וואָס איז אַ רוף אַ ווייִלינקע צו פאַרגעסן. זי אַליין אָבער מאַכט דעם עקספּערימענט פון נישט קוקן צו דער פאַרגאַנגענהייט, אַ מין זעלבסט־אָפּנאַרונג, ווייל דער סוף איז ווידער ווי דער אָנהייב, ווי אַ העסלעכע מחשבה וואָלט זיך פּלוצעם גע־שטעלט פאַר דער פאַרשפּילטער דיכטערין און אַ זאָג געטאָן: „וואָס איז די גדולה?״.

„ווילן מיר טאַנצן — נאָר תיכף פאַרבלאַסטע,
קומען אָן שאָטנס, הרוגים פאַרגאַזטע...
בלייבן מיר שטיין אינעם טאַנץ שוין פאַרפרעמדטע,
הערן ווי ס׳טריפן די הערצער פאַרקלעמטע״.

דאָס לעצטע ליד פונעם ערשטן ציקל, איז די צווייטע עלעגיע אויפן יידישן לשון. אַ סאָנעט. די ערשטע פּאָעמע איז דער געקווילעטער א״ב. די טרויער־מאָטיוון חזרן זיך איבער אָבער זענען פאַרשיידנאַרטיק אין זייער טאַנאַליטעט און אין זייער עקסטרעמער אויסלאָדונג. דעריבער דער וואָרענונגס־טאָן פון דעם ליד: „אַ, קוויק דיך נישט״. ס׳איז אַ פאַרקייטלונג פון געפילן, אַ קאָליזיע, וואָס ברענגט דעם וואָרענונג־טאָן:

„נאָר ווילסטו אַז דיין כבוד זאָל דערוואַכן
און דיינע קינדער זאָלן לאַכן
באַדאַרפסטו קיין מאָל מער נישט לאָזן אויף זיך טרעטן״.

פון די צוויי צוזאַמענגעזעצטע געמיט־פאַרבן קומט אַרויס די דריטע פאַרב — אַ פּאַראַל.

טאַניע זיסמאַנס לידער לייענען זיך לייכט. די מעטאַפאָרן זענען שפּילעוודיקע, נישט אָנגעהאָנגענע מיט געוויכטער. מען האָט דעם איינדרוק, אַז ס׳גיט אַ פלאַם אַן אָנגעצונדן שוועבעלע, ווי אַ שטייגער, איר ליד, „דער ציגייער״ — און די וואַרעמקייט פון פלעמל דרינגט אַריין אין געמיט. דער דאָזיקער שנעלער פּראָצעס פון אָנוואַרעמען אונדזער אויפנעם, וועקט דעם ווילן צו לייענען ווייטער.

אין דעם ציקל „בילדער״, ריטעמט זי אויס אַדעס צו פּאַריז: אַ געזאַנג צו דער מעטראָ, צו די ליכטער, גערטנער און וועלדער פון דער מעטראָפּאָליע. מיט איין וואָרט: עס וועקט ביי איך וואַכזאַמקייט. כאָטש טייל לידער שאַפן אַן עונג־רוח, וואָס פאַרוויגט, ווי איר וואָלט געזעסן אין אַ גאָנדאָלע און זיך געשיפט אויף אַ רואיק וואַסערל... בלויז פינף שורהלעך: ״דער בלויער ברעג״ און איר זענט פאַרבונדן מיטן געמיט פונעם דיכטער. אַזוי אויך אין איר רייצנדיקן ליד: „דער ציגייער״, וואָס איז זייער דין געצייכנט פון קינסטלער מושקאַ אינעם גייסט פונעם קליינעם ראָמאַנטישן ליד:

„פונקט ווי דאָס לעבן — ווערט דער דופט ציגייער
פאַרברענט פון אייגן פייער,
פאַרוואַנדלט זיך אין אַש פון שווערן ריח
גייט אויס... פּאַמעלעך, לעשט זיך ווייך,
גייט לאַנגזאַם
באַנגזאַם
אויס״...

אין דעם ליד „אויף דער שיף ירושלים״ נעמט אונדז מיט די דיכטערין מיט איר פרייד און אַנטציקונג אין אַ ריטמישן אויסגאָס פון האַלבע טענער. פרייד מוז פליִיצן גיך. איז טאַקע אַזוי די פאָרעם: אַן אוממיטלדיקער שטראָם, קורצטראַפיק, אירע נאַטורבילדער, דער עיקר אין די

ברעגיקע געגנטן ווו זי פֿאַרברענגט, טראָגן די נאָסטאַלגיע צו ישראל. אַזוי איז דאָך די מענטשלעכע נאַטור, צו בענקען נאָך אַ דאָרט, נאָך עפּעס. יעדער קינסטלער האָט אַ מאָנאָפּאָל אויף בענקשאַפֿט, ווייל בענקשאַפֿט גרייפֿט אָן די יצירה.

די דיכטערין טאַניע פֿאַרמאָגט אַ סך שטימונגס־לידער, וואָס האָבן אַ וויימוטיקן אויסקלאַנג. אַ שטייגער „געלע בלעטער":

גענע בלעטער, גרויע האָר.
אומעטיקע ; געלע בלעטעלעך אַ פּאָר,
אויפֿן גרינעם בוים זיי זעען אויס נאָך געלער,
גרויען טרויעריק די גרויע האָר, שעמען זיך ווי מיט אַ פֿעלער".

דער איבערגאַנג פֿון „געלע בלעטער" אויף „גרויע האָר", איז מער שוין ווי אַ בילד, ס'איז וויזיע, און די דאָזיקע ווייטגייענדיקע זעאונג שאַפֿט די אַליטעראַציע אין די שורהלעך, וואָס שטעלט דעם טראָפּ אויף דער לעצטער שורה: „שעמען זיך ווי מיט אַ פֿעלער". אָ, וויפֿל ווייבלעכער אמת ליגט אין דעם־אָ זאָג!

אין אַ בוך, וואָס איז אָנגעפּראָפּט מיט גוטע לידער, איז כמעט אומ־מעגלעך אָפּצוקלייבן ציטאַטן. פּרוּווט מען געבן קליינע פֿראַגמענטן פֿון אַ צוריקקלאַנג, אָבער כדי צו געניסן מוז מען קומען צום בוך.

אויף וויפֿל איך קען די דיכטערין טאַניע זיסמאַן, ווייס איך, אַז זי קעמפֿט פֿאַר פּאָעזיע אָן פּונקטואַציע. אין דעם בוך אָבער באַווייזן זיך בלויז אייניקע לידער נישט פּונקטויִרטע. ס'קען זיין, אַז שטיצנדיק זיך אויף די קאַפּריזנע, מאָדערנע דיכטערס, ווי פּאָל עלואַר, לואי אַראַגאָן און אַנדערע, האָט טאַניע זיך באַאיינפֿלוסט פֿון דעם לייכטן מאַניער פֿון באַוועגן דעם געדאַנק פֿראַנק און פֿריי, ווי אַ וואַסערפֿאַל. ס'איז מיר אָבער נישט קלאָר די נישט איינהייטלעכקייט.

די פּלעיאַדע פֿון די יונגע יידיש־פּאָעטן אין אַמעריקע, און צווישן זיי אויך יעקב גלאַטשטיין ז"ל, האָבן געמאַכט אַ מאָל אַ פּרווו אויפֿן סמך פֿון אייגענע קריטעריעס, נאָר עס האָט זיך זיי נישט איינ־

געגעבן. אויך דער פילאָלאָג א. א. ראָבאַק, ז״ל, האָט פאָרגעשלאָגן צו באַזייטיקן אַ ריי, לויט אים, אומנייטיקע אָפּשטעל־צייכנס. מיר פאַרמאָגן אַ קאָמיסיע אויף דורכצופירן דעם איינהייטלעכן יידיש־אויסלייג, אָבער עס פעלט נאָך אונדז אַ נאַציאָנאַלע אַקאַדעמיע אויף צו באַשטימען פּאָעזיע אָן אָדער מיט פּונקטואַציע. דערוויַיל מוזן מיר גיין דעם אַלטן, אויסגעטראָטענעם וועג.

ס׳וואָלט געווען אַ פעלער נישט צו דערמאָנען די פּאָעמע: „די ציג, דער וואָלף און דער בער״. דאָס יידישע אוניווערסאַלע ווייסע ציגעלע, וואָס וואָרצלט אין אַן עפּאָס אין אונדזער פאָלק־געראַנגל. דאָס פּאָבולאַרע באַקומט דאָ אַן אָריגינעל בילד מיט אַלע באַקאַנטע באַגלייט־סימבאָלן פון דעם פינטעלע ייד...

צו די קלוגע, זאַגעוודיקע לידער, געהערט „דאָס וואָרט און די זאַך״. אמת, ס׳איז אַ ביסל געוואַגט, אָבער אין אונדזער עפּאָכע איז דאָס ליד פון דער „זאַך״ כמעט אַ צניעות... לאָמיר אויך זיין „מאָדערן״ און צוגעבן צו דער „זאַך״, אַז זי שטרייכט אונטער די דימענסיע פון טרייב־כוח, וואָס איז דער יסוד פון אוניווערס.

אין די פּאָעמעס אין פרייען פערז וואָרפט די דיכטערין אָפּ די טעאָריע פון פּאָעטישער שיינקייט און איז מער דירעקט, מער באַאיינפלוסט פון דער וואָכעדיקייט. דער קערן איז דאָך דער שמייכל, און דאָס דערגרייכט די דיכטערין. שטאַרקער אין דער טאַנאַליטעט איז זי אין די פון פרייד אין אומרו־באַווירקנדיקע לידער.

זייער קלוג אויפגעפּאַסט איז די צייכענונג פון קינסטלער אַדאָם מושקאַ, צו דעם ציקל לידער „הומאָר״, מיט וועלכע די דיכטערין שפּילט זיך און פאַרשפּילט אונדז. די צייכענונג שטעלט פאָר אַן ערנסטן זיצנדיקן מענטש הינטער קראַטעס פון אַ טעלעוויזיע און זעט אויס ווי אַריינגעמויערט... טעלעוויזיע איז חוץ פאַרוויילונג און אַ קולטור־אינסטרומענט — אַ גאַנצער באַגריף. דער קעגנשטאַנד וואָס געפינט זיך אין יעדער היים און יעדער פון אונדז עקספּלואַטירט אים לויט זיין איינזען און געשמאַק, האָט אינספּירירט טאַניע זיסמאַן אונדז אונטערצוטראָגן, אין אַ פאָלקס־

טימלעכער שפּראַך און אין פרייע פערזן, אַן אָפּלאַכונג פון איר אייגענעם און פון אַלעמענס שקלאַפעריי צו דעם דאָזיקן כישוף־אַפּאַראַט, וואָס ברענגט אַריין די גאַנצע וועלט אין אונדזערע ד׳ אמות.

די דערציילונג „נעכטן און מאָרגן״, וואָס שליסט דאָס אינטערעסאַנטע בוך, איז אַ קינסטלערישע, אַ סורעאַליסטישע און דערביי אַן ערלעכער שפּיגל פון דער דיכטערינס נשמה. די דראַמאַטישע דערציילונג, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין אַן אַנדערער ספערע, אַריבער אונדזער דאָיִקייט, רירט אונדז טיף. דאָ רעדט אַ דיכטערין אַן פּירוואָרף, אַן דראַסטישע טענהס צו עמעצן, נאָר סתם, ס׳איז ווי אַ פּערזענלעכער האַרץ־אַראָפּרעד אין דער דריטער פּערזאָן. טראָץ דעם, וואָס מיר זעען טאַניע זיסמאַן אין פאַרשיידענע וואַריאַנטן אין דער פּאָעזיע, דערגאַנצט זי איר פּאָרטרעט מיט דער לופטיק־עזאָטערישער דערציילונג, וואָס איז ווי אַ פאַנטאַסטישע זעלבסטקרוּיִנונג. די גאַנצע דיסהאַרמאָניע פון די צוויי פּסיכישע צושטאַנדן, טרויער און פרייד, וואָס מיר געפינען אין אירע לידער, ווי פראַגמענטן פון איר לעבן, ווערן דאָ קאָמפּענסירט מיט אַ פּראָמינענטער גאַנצקייט פון איר פּערזאָן אויף יענער זייט... די מחברין ברענגט אויך אַרויס דאָס געזעץ פון דור הולך ודור בא. אין דער דערציילונג שפּיגלט זיך אָפּ אַ וואָרט־קינסטלערין, וואָס האָט געלעבט אין שאָטן פון טומל, ווי אַ לערנער, וואָס פאַרבאָרגט זיך פאַר דער וועלט און איז עוסק אין תורה. דאָס נישט־אויסגעלעבטע אין דער רעאַליטעט ווערט דאָ, אויף דעם אופן, דערגאַנצט מיט אַ קינסטלערישער וויזיע אויף יענער זייט לעבן — און דווקא אין אַ פיינעם הומאָר.

אין סך־הכל איז דאָס בוך לידער און פּאָעמעס פון טאַניע זיסמאַן אַן אויסוואַל פון יאָרן אַרבעט אין וועלכן מען געפינט אַ פול און קאָלירעק לעבן מיט אַלע ניואַנסן פון נידערונגען און שטאַפּלען.

יצחק בורשטיין־פינער

„מיין מאַמע"

די ערשטע סקיצע, „דער פּאָרטרעט פון מיין מאַמע", איז ווי אַ וויַיז־פינגער, ווו אַהין עס פירט דאָס גאַנצע בוך. דעם מחברס מאַמע איז דער פּראָטאָטיפּ אין וועמענס צענטראַלן פּונקט עס זענען פאַרקערפּערט אַלע מאַמעס; און דער צענטראַלער פּונקט איז ליבשאַפט, וואָס אַ געפילפולער זון צאַלט אָפּ מיט אַ בוך־מאָנומענט זיין מאַמען און וועקט דעם אינטערעס צו זיין סקיצע, דערציילונג און נאָוועלע.

ס'איז מיר באַקאַנט דאָס בוך פון אַלבערט כהן אין דער פראַנצייזישער שפּראַך, אַ לויבגעזאַנג אין פּראָזע געווידמעט בלויז זיין אייגענער מאַמען, וואָס שטייגט אַריבער ביי אים אַלע ליבעס פון פרויען צו מענער.

דער מאַמע־קאָמפּלעקס האָט זיך אויך אויסגעדריקט אין דער מאַלעריי. לאָמיר גלייבן אַז לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי האָט אַריבערגעפירט זיין מוטערס געלייטערטן שמייכל אויף זיין מאָנאַ ליזאַ... און די דזשאָקאָנדע האָט געירשענט דעם פרויען־שמייכל, וואָס האָט זיך אָפּגעזעצט אינעם געמיט פון קינסטלער, וואָס אַ וועלט האַלט אים אין באַוואונדערן!

דער סענטימענט אָדער אינסטינקט צום אייגענעם באַשאַף איז אַ פּועל־יוצא פונעם דויער פון לעבן. ביי די אונדז באַקאַנטע נידעריקע בעלי־חי, ווי אַ הונט אָדער אַ קאַץ, דויערט עס געציילטע וואָכן. די מוטער גרייט צו דעם נייעם דור צום לעבן, אַנטוויקלט ביים קינד דעם אויפהאַלט־אינסטינקט, דערציט דאָס קינד צו פיזיאָלאָגישער ריינקייט און דערמיט ענדיקט זיך די פליכט־קרובהשאַפט. דאָס מאַמע־געפיל ווערט אָפּגעטעמפּט אין אַ קורצן ציקל פון וואָכן. טראָץ דעם, וואָס ביים מענטש גייט ווייט

אַוועק די בלוט־קרובהשאַפט, פאַררינגלט זיך אין דור דורות, באַגרענעצט זיך אויך דער מאַמע־אינסטיקט כמעט בלויז צו איר באַשאַף. דער מאַמעס גוטסקייט ברייטערט זיך אויס אין די ד׳ אמות פון אירע קינדער, ווייל אויך די צייט פון איר עקסיסטענץ קאָן נישט אַריבערדערלאַנגען די מענטש־לעכע דימענסיעס. מאַמעשע ליבשאַפט איז אויך פאַראַן אין אַ פאַרליבטער פרוי אין מאַן; ווי דאָס איז אונטערגעשטראָכן פונעם מחבר ביי די שפּי־טאַל־שוועסטערן. איינע פון זיי חיהלע, וואָס איז געווען פאַר דעם שווער־פאַרוווּנדיקטן חייל ווי אַ מאַמע, איז שפּעטער געוואָרן זיין פרוי.

יצחק פינער האָט געירשענט זיין מאַמעס מאַמעשאַפט. ער זעט אין יעדער פרוי, וואָס טראָגט נאָך נישט דעם פאַרדינטן טיטל, די צוקונפטיקע, קרבנות־גרייטע מאַמע. ער זעט זי אַפילו — ווי שוין אויבן דערמאָנט — ביי דער מאָדערנער פרוי.

אין זיין בוך פאָעמעס, איבערזעצט אין דער פראַנצייזישער שפּראַך, געווידמעט זיינע אייניקלעך, איז דער שרייבער אַזוי פאַרשפּילט און פאַר־זיידעוועט מיטן קליינוואַרג און די לידער זענען געשריבן מיט אַזוי פיל צערטלעכקייט און ליבשאַפט צו די קינדער, אַז ס׳דאַכט זיך, אַ מאַמע האָט זיי געשריבן.

דער קרעאַטיווער פּולס ביי י. בורשטיין־פינער איז זייער אַן אַקטי־ווער. פונעם ערשטן בוך אָן „די שעה פון בין השמשות" לאָזט אים נישט צו רו די חורבן־תקופה; זי האָט זיך באַזעצט טיף אין זיין נשמה, פער־מענטירט דאָרט, אַז ער קאָן זיך גאָר נישט אָפּרייניקן. ער האָט שטענדיק עפּעס אויסצולאָזן פון זיין פעדער און ער שטייגט אין זיין יצירה. די נאָוועלע „פרעמדע" איז אַ קליינער וואַריאַנט פון זיינע פריערדיקע ביכער; אַריינגערעכנט דאָס גרעסערע ווערק „צוויי משפחות", וווּ עס רעדט זיך פון די איבערגעוואָנדערטע יידן פון דער פּוילישער אָרעמקייט נאָך פראַנקרייך. אמת, די טעמע „פרעמדע" איז נישט קיין נייע, איז אונדז נישט פרעמד. זי איז אָבער איבערגעגעבן ערלעך און אַ ביסל געווירצט מיט ספּעציפיש יידישלעכן הומאָר. מע קאָן זאָגן, אַז אַלע זיינע ביכער זענען קאָנצענטרירטע ליבע צום מענטש. פון זיין איצטיקן בוך שטראָמט

זיין ליבשאַפט דורך זיין מאַמען צו אַלע מאַמעס — דער עיקר פון דער עלטערער תקופה פון אונדזער פאָלקס־געמיינשאַפט.

שוין די ערשטע סקיצע "דער פּאָרטרעט פון מיין מאַמע", וואָס ער „גנבעט" אַרויס פון מוזעום, כדי זי צו רעפּראָדוצירן און פאַרקערפּערן אין איר אַלע מאַמעס, איז אַ געלונגענער דערציילערישער מיטאָס. — דער שרייבער לייבוש לעהרער ע"ה האָט די חכמה פון דערציילן קורץ און בינדיק פאָרמולירט: „פּילאָ־מיטאָס".

י. פינער איז אַ גוטער אָבסערווירער און אַבסאָרבירער. ער האָט ליב אַרויסצוברענגען דעטאַלן — נישט נאָר אין שפּליטערס און געדאַנקען פון אַ „צעבראָכענעם שפּיגל", ווי אַזוי אַ מענטש קומט אין שלומער פון וויטיקן פון אַ פאַרפאַל, דורך זיין פּסיכאָ־אַפּטיק צו אבערגלויביקייט, וואָס באַרירט זיך מיט פּאַראַ־פּסיכאָלאָגיע.

אין דער סטרוקטור פון בעלעטריסטיק מוז דאָס אויג זיין דער גוטער סטראַטעג און אויך וויסן אויף וועלכן דעטאַל שטעלן דעם טראָפּ, דעם כאָפּ... אַזוי טוט דאָס דער טוריסט אין ישראל, דער שרייבער אַליין אין דער דערציילונג „דערמאָנונג". ער באַמערקט ווי עס שטעלט זיך אָפּ דאָס אויפגעהויבענע פיסעלע צום שפּרונג אין קלאַסנשפּיל פון אַ מיידעלע אויפן טראָטואַר... דאָס איז אַ וווּנדערלעכער דעטאַל, אַ ליכט־סיגנאַל, אַ האָסלע צו דעם אַלאַרעם פון סירענעס אין מיטן געהאַמער־פּולס פון גאַסן־לעבן, וואָס ווערט אָפּגעשטעלט צו באַערן די געפאַלענע צו דער דאַטע פון באַפרייאונג פון לאַנד. דער דאָזיקער אופן פון דערציילן שאַפט צוטרוי און אינטערעס טאַקע ווי אַ מענטש וואָלט געשטאַנען אויף אַן אָבסערוואַציע־פונקט און פירט אויס טריי אַ שליחות.

פאַראַן דערציילונגען — קאָן זיין פון דורכאויס פאַקטועלע געשעענישן, אַזוי לייענען מיר „אין איינער אַ נאַכט" אַ בילד, וואָס איז אַרויס פון זיין רוטינירטער לעבנסרעם און איז געטראָגן געוואָרן אויף הפקר, ווי אַ סך אַנדערע משפּחות, אויסגעשטעלט אויף פאַרניכטונג. אין דער שרעק פאַר אַ פאַרשטייענדיקן באַזוך פון דער געסטאַפּאָ, ווערט אַ קינד אַרויסגעשטויסן פון דער מאַמעס טראַכט; די מוטער שטאַרבט, אָבער

אַ ניי לעבן מיט דעם סימבאָלישן נאָמען, חיים, פּאָרטרעט דעם מאַמע־קרבן פון דער בוידעם־מאַנסאַרדע. מען פילט ווי די אַלע רירנדיקע באַשרייבונגען וואָלטן איבערגעלאָזט ביים מחבר אַ שטאַמפּ אין זיין געמיט. דעריבער איז ער אַזוי אינטים פאַרבונדן מיט זיינע זכרונות און מען האָט דעם איינדרוק — וואָס מען מוז אונטערשטרייכן, ווי אַ פרוי — טאַקע אַ מאַמע וואָלט זיי געשריבן.

עס איז כדאי אַרויסצוכאַפּן אַ ווירקעווּדיקן, סתירותדיקן פאַרגלייך אין פינערס פראָלאָג אין דער נאָוועלע „דער פּראָצעס". ווען דער טריבונאַל קומט אָן, לייענען מיר: „אַלע אין זאָל האָבן זיך אַ הייב געטאָן פון די ערטער ווי אין שול צו קדושה". „דער פּראָצעס" דערשיטערט מיטן שטוינענדיקן ביישפּיל פון אַ מאַמע אַ רעזיסטאַנטלערין, וואָס האָט פאַרדינט לויטן געזעץ טויטשטראָף פאַרן פאַרסמען דעם מערדער פון איר זון. זי וואַרפט אָבער אָפּ יעדן פאַרשלאָג צו נעמען אַ פאַרטיידיקער; עס קאָן שוין טאַקע נישט זיין קיין בעסערער אַדוואָקאַט ווי אַ פאַרפייניקטע, קוים לעבן־געבליבענע מאַמע, וואָס האָט בייגעוווינט און אויך באַקומען ווי אַ גלייכער קרבן מערדערישע קלעפּ און צוגעזען ווי מען ברענגט אום אויף אַ דראַסטישן אופן איר זון, וואָס נאָר די נאַציס זענען געווען פעאיק דערויף. בורשטיין־פינער האָט געפונען דעם ריכטיקן טאָן פון אַ פּשוטער העראָישער מאַמע, וואָס נעמט שוין אויף די רעשט פון איר לעבן אָדער טויט מיט אַ קלוגן סטאָיציזם. דער זאָל ווערט אויפגעטרייסלט פון איר דערציילן און זי ווערט באַפרייט.

לאָמיר נאָך געבן אַ ציטאַט פון ריכטיקער פּסיכאָלאָגישער באַמערקונג אַריינגעפּאַסט אין דער געגעבענער סיטואַציע: „רעגן פאַרט זיך מיט אומעט, איז אָבער רעגן אַן אָנזאָג אויף מזל־ברכה; צו אומעט קאָן אַ מענטש זיך צוגעוויינען פונקט ווי צו פרייד, צו פאַרגעניגן".

ציטירט פון דער דערציילונג „די מאַמע מישעל".

די פאַרבינדונג פון רעאַליטעט מיט אימאַזשינאַציע איז אין דעם בוך האַרמאָניש און געשיקט געשטאַלטיקט, אַז מען ווערט טייל מאָל פאַר־בלעפט פון דעם קינסטלערישן איינפאַל, וואָס איר האָט אַבסאָלוט נישט

געקאַנט אַנען, נישט אַרויספילן, ווי עס טרעפט ביים גוטן לייענער. צום ביישפיל: דער פינאַל פון „אַ שנירל פערל". עפּעס ווירקט עס זיך אויס אויף אייך ווי אַ ווונדער פון דער נאַטור; ווען פון אַ לויטערן בלויען הימל רייסט אויף אַ קנאַל מיט אַ בליץ צוזאַמען. אין טיילעכל פון אַ מאַמענט ווערט מען דערשיטערט ווי פון דעם פּלוצעמדיקן פענאָמען, וואָס רייסט איבער עלעקטרישע דראָטן — און ס'דאַכט זיך אַז אויך צווישן די באַשיצטע ווענט פון דער היים וואָלט עפּעס אויפגעריסן. — אַזוי רופט אַרויס דאָס מעשהלע „אַ שנירל פערל", דעם דאָזיקן בכיוונדיקן שאָק מיט אַ שמייכל צוזאַמען...

אָט אַזאַ טאָפּל געפיל לעבט מען איבער ביי טייל דערציילונגען, ווי אַ קאָליזיע פון צוויי עלעמענטן אין דער פיזיק...

אַ צווייטע פערלדיקע נאָוועלע איז „דער סופּערמאַרקעט". אַ באָבע בלאָנקעט אַרום אין דעם גרויסן מאַגאַזין ווו זי האָט זיך אָפּגערעדט מיט איר קליין אייניקל מערי. דער נאַראַטיוו צעוואַקסט זיך פאַנטאַסטיש שיין — און דווקא אין אַ מאָדערנער דימענסיע, וואָס טראָגט נאָך שפּורן פון דער דייטשער טויט־אינדוסטריע. די דעטאַליזירטע שילדערונגען פון די סטאַנדן פאַרכאַפּן ממש דעם אָטעם. עס גיט אַ גלאַנץ אַ פאַרביק בילד פונעם גאַנצן סופּערמאַרקעט, פון אַ מאַגאַזין פון דער אָרדינאַטאָר־ציוויליזאַציע. באַזונדערס די וואַריעטעט פון קעזן רייצן, גלייכצייטיק דעם ווילן צום לייענען און דעם אַפּעטיט־דריז... חלום און וואָר זענען דאָ פאַרוויקלט אין אַזאַ קינסטלערישער און אַנגסטיקער פאַרשפּילטקייט פון אַ מאַמע, אַ באָבע, וואָס געפינט נישט איר אייניקל.

דער פינאַל פון דער קינדער־קאַרוסעל איז אונדז אונטערגעטראָגן פּסיכאָ־אַנאַליטיש און ראַפינירט... בכלל דער גאַנצער אַרומנעם פון סופּערמאַרקעט מאַכט דעם איינדרוק ווי אַ פאַרשפּילט קינד טוט אויפבלאָזן אַ לופטבאַלאָן אונטערן הימל און, וואָס מער די וועלט שפּיגלט זיך אין אים, אַלץ מער איז דאָס קינד פאַרכאַפּט אין דער שפּיל פון אויפבלאָזן ביז דער באַלאָן פּלאַצט!...

דער אָנהייב פון יעדער באַשרייבונג פון יצחק בורשטיין־פינער פירט אַריין אין אַ באַצווונגענעם אינטערעס. מען מוז אָנגיין מיטן לייענען און

מען קאָן גאָר נישט איבערהיפּערן, טראָץ דעם וואָס אַ טייל דערציילונגען זענען אונדז שוין געווען באַקאַנט פון פאַרשיידענע זשורנאַלן. ס׳איז וויכ־טיק איבערצולייענען דאָס גאַנצע בוך, ווו נישט נאָר די פרוי, וואָס טראָגט שוין דעם טיטל מאַמע, ווערט סובלימירט, נייערט בכלל זעט פינער אין יעדער פרוי — אויך אין דער מאָדערנער — די צוקונפטיקע האַרציקע מאַמע.

דאָס בוך עפנט זיך אויף מיט אַ מאַיעסטעטישן פּאָרטרעט געמאָלן פון מייסטער־פּאָרטרעטיסט, יעקב מאַרקיעל — און סימבאָליזירט טאַקע די געטין פון ליבע — דעם דראַמאַטישן לייטמאָטיוו, וואָס ציט זיך דורכן גאַנצן בוך — די מאַמע ווענוס!...

זלמן גאָסטינסקי

„שטיינער דערציילן"

ערב די טראַדיציאָנעלע געטאָ־פייערונגען, בין איך געווען אויף קבר־אבות אין פוילן מיט דעם גרויס־ווערטיקן אַלבאָם־מדריך: „שטיינער דערציילן", געפירט און קאָמענטירט פון זלמן גאָסטינסקי. דער אַלבאָם עפנט זיך מיט דעם ליד, „ס׳ברענט, ברידערלעך, ס׳ברענט!", פונעם דיכטער־קדוש מרדכי געבירטיק. דער שוואַרצער הינטערגרונט מיט די ווייסע אותיות פון ליד ווירקט, ווי דאָס פונאַנדעררוקן אַ פאָרהאַנג צום טראַגישן ספּעקטאַקל פון פוילישן חורבן.

זייענדיק פאַרנומען מיט פאָטאָ־רעפּאָרטאַזשן פון פאַרניכטעטע פוילישע קהילות, וואָס די לאַווע פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט נישט טאָטאַל צוגעדעקט, איז מיר אַנטקעגנגעקומען דער שרייבער הערש פענסטער ע"ה מיט זיין אַלבאָם: „אונדזערע פאַרפייניקטע קינסטלערס". עפּעס זענען זיי אַזוי ענלעך די צוויי אַלבאָמען — נישט אין כמות, נייערט אין איכות. אויך אין פּיעטעט דערגייען זיי ביידע צו אַ מוזעאַלער דימענסיע — און זענען גלייכצייטיק אַ שטוינענדיקער רעוואָלט!

עס באַפאַלט אַן אַנגסט, מישנדיק די בלעטער פון „שטיינער דערציילן", עס איז ווי מען וואָלט געקומען אין דירעקטן קאָנטאַקט מיט די חורבות. די קינסטלערישע אויפנאַמעס פאַרווייכן מיט אַ טרער פון אַנטציקונג דעם געוואַלדיקן שאָק, וואָס מען באַקומט האַלטנדיק דעם ספר אין די הענט.

די סאָציאַלע קאַטעגאָריע פון דער און יענער שטאָט דריקט זיך אויס אויסשליסלעך אין די מאָנומענטאַלע יידישע בנינים, וועלכע מען האָט צעשטערט; אַ טייל מיט דער מיטהילף פון פוילישע כוליגאַנעס, מיט

דעם פּלאַן, פריער אויסצורויבן די רעליגיעזע חפצים. עס געניגן די קורצע שורות, וואָס באַגלייטן די פאָטאָ־אויפנאַמעס, אַז מען זאָל פילן דעם גייסט פון קדושה, וואָס שוועבט איבער די פּראָפאַנירטע בתי־כנסת. דער טיטל פון אַלבאָם דעקט זיך אויסגעצייכנט מיט די קורצינקע טעקסטן, ווייל די שטיינער רעדן, וויינען, בײַן — זיי שרייען און שרייען אַריבער אַלע אויפגעקומענע נאַציסטישע ליגנס פון זייערע פּובליקאַציעס, אין וועלכע זיי זוכן צו מיניממיזירן און אָפּלייקענען זייער שענדלעכע פאַרגאַנגענהייט. זלמן גאָסטינסקיס אַלבאָם איז געשיכטע, וואָס שטיצט זיך — ליידער, אויף קאָנקרעטער רעאַליטעט אַנטקעגן זייער „געשיכטע", וואָס מען מוז אונטערשטרייכן — נישט מיט קיין געננדזן־פּיסלעך, נייערט מיט העלפאַנדן־פּיס...

די פאָטאָגראַפישע אַרבעט פון די קינסטלעריש אָראָפּגעכאַפּטע שטעט, איז דער שטאַרקסטער שטויס, וואָס רופט אַרויס נאָסטאַלגיע צום געבוירן־לאַנד און גלייכצייטיק דעם דואַליזם פון קעגנזעצלעכע געפילן פון אַן אָפּהאַלט. אוי ווי עס וואָלט זיך געוואָלט פאָרן אויף קבר־אבות, אַ גלעט טאָן אַ נאָענטן קבר — אפשר דורך אַ נס געבליבענעם, נאָר דער צער פון דער פאַרשטייענדיקער איבערלעבונג האַמעוועט, פאַרלויפט דיר דעם וועג... קוקט מען מיט פאַרחלומטע אויגן און פינגער־באַרירן דאָס פּאַפּיר פון די מאַסיווע שטיקער ברוכן פון דער אַלטער אַרכיטעקטאָניק, ווען ס'איז באַשערט געווען דער איבערבלייב...

אין די אינטערוואַלן, וואָס טיילן אָפּ די פאָטאָ־אויפנאַמעס, זענען אַריינגעפירט פערזן־קינות פון פאַרשיידענע באַקאַנטע דיכטערס, צום באַשיינען און באַווײַנען מיט אַ פיוט דעם יידיש־פּוילישן אומקום.

די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען פון רמ"א בית־עלמין לעבן דער שול, מאַכן אַ דערשיטערנדיקן אײַנדרוק. די גראַוויורן, קריצערייען מיט אותיות און יידישע סימבאָלן שטעכן זיך אַריין דורכן בליק אינעם לייב און לעבן.

טייל אויפנאַמעס זענען געמאַכט געוואָרן אינעם באַקאַנטן פּוילישן ווינטער; זעט מען דעם בית־עלמין אויף מיאַדאָווע (מעד גאַס), אַ וואַלד מיט מצבות, באַפּאַנצערט מיט אַ ליכטיקן שניי, איינגעדעקט גלאַטיק די

פאַרעם, צוגעפרוירן, ווי צוגעסקולפּט און שפּילט אַריין אינעם טרויער־דעקאָר פון שוואַרץ און ווייס.

די רואינען פון דער רימאַנאָווער שול און דאָס בית־עלמין, ווו ס'איז פאַראַן די אָנוועזנהייט פון אַ פאַרגעסענעם, איין און איינציקן גלייכן מצבה־שטיין, באַוואַכט פון אַ מאָגערביימל, אַ פּאָר קוסטעס און אַרום אַ גרוי־סער, נאַקעטער פעלד פון שניי, איז פאַרווייכט ביים גלייכגילטיקן באַזוכער.

האַרץ־רייסנדיק איז דער אַרויפגעטורעמטער מאָנומענט פון צעשטערטן בית־עלמין אין צוזמיר, וואָס די איינצלנע איבערגעבליבענע יידן האָבן צונויפגעזאַמלט און אויפגעשטעלט. דאָס בית־עלמין פון לובאַטשאָוו האָט נסימדיק אויסגעמיטן דעם אומקום. דערנעבן, אָפּגעצוימט מיט אַ נידעריקן פּאַרקן קוקט אַרויס אַ פעלד מיט צלמים... ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס איז פאַרן אויג! — דעספּאָטיזם איז אַ פּאַראַדאָקס — האָט געזאָגט וויקטאָר הוגאָ. אָבער די ערד איז אַ קלוגע מאַמע און גלייכט אַלעמען אויס.

דער אַנטעריער פון דער שול פון י. ל. פּרצ"ס שטאָט זאַמאָשטש איז באמת פּראַכטיק. שווער זיך אָפּצורייסן פון דער שיינקייט, וואָס צייגט איבער דעם עפעקט און דער דירעקטער אָנוועזנהייט. יצחק לייבוש פּרץ האָט נישט דערלעבט ביז דער פאַרניכטונג. פון דעסטוועגן געפינען מיר אין אַלבאָם זיינע צוגעפּאַסטע פערזן, געשריבן ווי אויף אַ שבעה־בענקעלע פון אַ נביא:

„אַ שול ווי אַלע שולן!
קוקט אויף צעשלאָגענע שפּאַקולן...
אַן אַלטער מויער,
איינגעהילט אין טרויער,
אויסגעגנעצט פון טרערן".

„לא תרצח", וואָס רופט פון דעם שטערן פון אַ מאָנומענט פון מצבות מיט בולטע אותיות, האָט נישט אָפּגעשאַפט דעם פּסיכאָז פון מאָרד און רציחה. דאָס לעצטע בלאַט איז אַ שטויגענדיקער איינפאַל: צעקרישלטע אותיות; דאָס דאָזיקע שיריים פון אַ שטיינערנעם קערפּער, וואָס אַ וואָג־

דאָלישע האַנט האָט אומגעוואָרפן און די אותיות צעזייט, ווי אַ גוף אין צעפאַלונג, קוקט מען אויף זיי, דאַכט זיך, אַז יידישע בלומען וואַקסן אויף דער ערד...

די אַריינפיר־ווערטער צו דעם מערקווערדיקן ספר זענען פון שלמה פרידריך (געוו. פּרעזידענט פון מזרח־איראָפּעאישן יידנטום), פון דוד דאַווידאָוויטש (דירעקטאָר פון מוזיי פאַר עטנאָגראַפיע און פאָלקלאָר אין תל־אביב), און געבונדן מיט געשיכטלעכע וואָלאָרן אויך פון ווייטע צייטן, וואָס אַקצענטירן אַ טייל פיזישע און מאַטעריעלע פאַגראָמען. די יידישע טעקסטן פון זלמן גאָסטינסקי און ד. דאַווידאָוויטש, זענען איבערגעזעצט פון האַנרי בולאַווקאַ. דער זון פון מחבר, יחיאל גאָסטינסקי, האָט אויס־געפירט דעם מאַקעט און טיטלזייטן צום אַלבאָם.

אַלץ צוזאַמען גיט צו חשיבות דעם אַלבאָם פון פאַרפייניקטע יידן אין פוילישע שטעט, „שטיינער דערציילן". זלמן גאָסטינסקי האָט דאָס ווערק געשאַפן דער עיקר מיט נשמהדיקן פּאַטאָס, אַ מאָנומענט איבער מאָנומענטן פאַר אַ טייל פון די פוילישע שטעט פאַרגאָסענע פון דער היטלעריס־טישער בלוטלאָווע.

יוסף ווײַנבערג

„אַ טרער און אַ תּפֿילה"

צו דער רײַכער ספֿרים־ליטעראַטור פֿון אונדזער חורבן, איז צוגעקומען נאָך אַ קלײן ספֿרל פֿון אַ קאַצעטלער, וואָס איז אַרויס פֿון אַלע פֿײַערן און געברענגט אונדז אַן אויפֿגעאַקערט שטיק ערד, אַ גבית־עדות, וואָס שטרײַכט אונטער, אַז דאָס תּנ"כישע דודל, וואָס לעבט אין אונדזער געדעכעניש ווי אַ סימבאָל פֿון ײדישן פֿאָלק, לאָזט זיך נישט אומברענגען.

כ'מוז מיך מודה זײַן: אַזוי ווי ס'איז מיר פֿון אָנהײב שווער געווען צו לײענען די זכרונות פֿון די אומקום־לאַגערן פֿון שרײַבער יוסף ווײַנבערג, איז מיר אין גאַנג פֿון לײענען — נישט מעגלעך געווען מער דערפֿון זיך אָפּצורײַסן. עס קאָן זײַן, אַז פּונקט אַזוי אָנגעשפּאַנט ווי אַ סטרונע אויף אַ פֿידל — ווי דער שרײַבער האָט געמוזט זײַן בײַם שרײַבן זײַנע זכרונות, פּונקט אַזוי בין איך געווען בײַם אַרײַנלײענען אין מיר דאָס בוך „אַ טרער און אַ תּפֿילה".

זיכער דאַרף מען אונדז ײדן נישט איבערצײַגן אין דעם אמת פֿון אונדזער מאַרטירערטום; מען וואָלט נאָר באַדאַרפֿט די דאָזיקע ליטעראַטור פֿאַרשפּרײטן אין פֿרעמדע שפּראַכן, כּדי עס זאָל דערגײן צו די יונגע דורות, וואָס קאָנען באַאײַנפֿלוסט ווערן פֿון די דאַרקיעס דע פּעלפּוּאַס; (בלשון רבים) געמײנט אויך די היסטעריקערס (היסטאָריקערס) און הינטערלעקטואַלן, דער אָפּפֿאַל פֿון דער געזעלשאַפֿט, וואָס רודערט אויף מיט דעם פֿעדער־שטעקעלע, אָדער מיט דער שמוציקער צונג דעם ריח פֿון בלוט און דעם רויך פֿון אונדזער קדושים־געבײן.

דער מחבר ברענגט אונדז פּערזענלעכע איבערלעבונגען פון אַ ווייט־נאָענטן פּערספּעקטיוו. ער דעקט אָפּ פאַרהוילענע ווינקלען פון היטלער־קאַטאַקליזם. צי איז דען בכלל מעגלעך, אַז די דאָזיקע גרויזאַמע עפּאָכע זאָל זיין אויסשעפּלעך? די נסים פון די גאָר ווייניק לעבן־געבליבענע, קאָן מען פאַרשטענדלעך צושרייבן געוויסע פאַקטאָרן, צופעליקייטן. דער עיקר־פאַקטאָר פון אויפהאַלטן דאָס קאַצעטלער־לעבן קאָן מען נאָר צושרייבן די יעניקע, וואָס האָבן געהאַט כוח זיך אַליין און יענעם צו נערן מיט מוט און האָפענונג און דערמיט געהאָלפן די אחים־לצרה, איז אַ לויב דעם מחבר פון דעם בוך, וואָס האָט אויסגעפירט די צוואה פון איינעם אַ „ר׳ משהלע” און דערציילט מיט דעם גוט געפּאַסטן טיטל ווי דאָס קעפּל איבער אַ קדיש: „אַ טרער און אַ תפילה”.

דער אינסטינקט פאַרן לעבן אין יענע באַדינגונגען האָט געקאָנט זיין נאָענט צום חיהשן. און ווייל דער הונגער קאָן אַזוי אויפרייצן דעם מענטש, ווערט ער זיין ערגסטער ראַטגעבער, וואָס פאַרלירט דעם קאָנטראָל איבער זיך און קאָן דעמאָלט באַגיין אַ ווילדע טאַט קעגן זיין מיטליידנדיקן ברודער.

עס זענען דאָ ביישפּילן אויך פון די יידישע קאַפּאָס אין אַנדערע ווערק און אויך אין דעם בוך פון יוסף וויינבערג. ס׳האָבן געמוזט זיין שכלדיקע מענטשן, וואָס האָבן מיט זייער ביישפּיל און אידעלער באַצי־אונג — נישט געוואָלט אָפּווישן די גרענעץ צווישן מענטש און חיה. מען האָט געקאָנט אַנטוויקלען אַ חברשאַפט און פאַרטיפן אַפילו די דינסט־גרייטקייט אַריבער די ראַמען פון מעגלעכקייטן. יאָ, ווילן ברעכט אייזן, רייסט קייטן און דאָס איז ווונדערלעך ברייט אונטערגעשטראָכן אין יוסף וויינבערגס בוך. צי איז דען נישט די גרעסטע פרייד ביים מענטשן — אַפילו אין נאָרמאַלע צייטן — צו העלפן דעם צווייטן?

דאָס רופט זיך אַקאַדעמיש: אַלטרואיזם; ווייל פאַרשאַפן יענעם פאַר־געניגן איז קודם־כל די העכסטע זעלבסטדערהויבונג. דאָס וויל אונטער־שטרייכן אַלע פאָרמען פון הילף צווישן די קאַצעטלער.

לאָמיר אָנהייבן פון איין דראַסטישן ביישפּיל אַרויסגעכאַפּט פון אַ ריי

אַנדערע. עס האַנדלט זיך וועגן אַ רעטונגס־אַקציע, וואָס איז אָנגעגאַנגען צווישן די דעפּאָרטירטע, פאַר די שוואַכלינגען און קראַנקע פונעם שפּיטאָל־באַראַק, וואָס זענען שוין פון פאָראויס געווען באַשטימט פאַר דער קרע־מאַטאָריע־סעלעקציע. פאַרשטענדלעך זענען נישט געווען אַזוי פיל עס־עס־היטערס און קאָנטראָלאָרן, אַז זיי זאָלן קאָנען זיך אַן עצה טאָן מיט דער צאָל אויסגעהונגערטע און פאַרפּייניקטע שקלאַפן. פאַר דעם טייל „מוזול־מענער", וועלכע מען האָט געוואָלט ראַטעווען פון דער סעלעקציע, מי לחיים און מי למות, האָט מען אויסגעגראָבן צייטווייליקע נאָרעס אויפן בוי־פּלאַץ און זיי דאָרטן אַריינגעלייגט ביז נאָך דעם קאָנטראָל. דאָס איז איינער פון די שטוינענדיקע עפּיזאָדן פון צווישן־מענטשלעכער באַציאונג אין די לאַגער־באַדינגונגען פון הונגער, קעלט און דערנידערנדיקע פּייני־קונגען. צו דער אויטאָנאָמיע פון מחבר ביים אָנפירן אַ געוויסע רעטונגס־אַקציע איז צוגעשטאַנען אַן אָרגאַניזירטע גרופּע מיטהעלפערס.

אַזעלכע טאַטן זענען ראוי זיך צו דערגראָבן צום וואָרצל פון דער מענטשלעכער נשמה, וואָס איז ווי אַ יונגער בוים פאַרוואַקסן און פאַר־אומרייניקט געוואָרן מיט ווילדקייטן און שטעכלקעס אינעם פאָרמאַטיוון פּעריאָד פונעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן דערציאונגס סיסטעם. פאַר אַ מוסטער קאָן מען נעמען דעם רוצח באַגוט, וועמענס רציחה איז אים אַריבערגעוואַקסן — און האָט געקאָנט — אַ געררירטער אַזוי ווייט הומאַ־ניזירט ווערן ביז צו ווערן אַ מיטגעהילף צו די רעטונגס־אַקציעס לטובת די העפטלינגען.

טראָץ דעם וואָס דער מחבר איז געווען אַ פּריווילעגירטער לאַגערניק מחמת ער האָט געדינט אין שרייבערשטוב און אַלס געאָמעטער ווי אַן אָנפירער מיט אַ קאָמאַנדאָ ביי דער בוי־אַרבעט, האָט ער נישט אויס־געמיטן דאָס אַכזריותדיקע שמייסן, בעת אַ געשלעג מיטן בלאָקעלטסטן.

נישט איין מאָל רייסט מען איבער דאָס לייענען, מען כאַפּט אָפּ דעם אָטעם און מען שטעלט פראַגע־צייכנס אויף דעם מאַרגינעס פון בוך, נישט קאָנענדיק באַגרייפן געוויסע האַנדלונגען פון דער געוואַגטקייט פון אַ רעזיסטענטלער. מיר זעען דאָס ביי פיל באַשרייבונגען אין דעם בוך,

אַז אין דעם מיזעראַבעלן קלימאַט פון מענטשלעכע ליידן, זענען אויך געווען ליכטיקע פּונקטן פון אונטערערדישער פּאַרטיידיקונג און דאָס איז אונ־טערגעשטראָכן פיל מאָל ביי פאַרשיידענע סיטואַציעס.

עפּעס אַ גליקלעך מזל האָט צוגעשפּילט דעם מחבר פון די זכרונות, ווי דער טראָף איז געשטעלט אויפן כלל און נישט אויפן עגאָ, וואָס דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדן פון אונדז. ווייל צוויי עלעמענטן פון עגאָ, זענען די צענטראַלע באַצווינגער פון מענטשלעכן ווען: הונגער און כבוד. אינעם קלינגוואָרט פון לאַטיין, לייענט זיך עס: „פּרימאָ מיהי״ (פריער איך זעלבסט). דאָך קאָן אַ מענטש זיין פּעאיק אָפּצושפּאָרן פון זיין מאָגערן ביסן, בכדי זיך טיילן מיט יענעם.

פאַראַן אַ היפּשער טייל אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן אַרויסצוברענגען, אַז מען געפינט זיך פּשוט אין אַ לאַגע נישט צו זיין ראוי אָפּצוקלייבן וועלכע פון זיי איבערצוגעבן אין קורצע שטריכן.

דער יונגלינג אַלבערט דאַווידאָוויטש, וואָס איז געבליבן לעבן טראָץ זיינע שרעקלעכע ליידן פון הונגער (ווי אַנדערע איבערגעבליבענע) האָט זיך אויסגעדריקט צו אַ צווייטן העפטלינג, אַז ער וואָלט זיך געלאָזט אָפּהאַקן אַ האַנט פאַר אַ ביסן ברויט. צי קאָן מען באַגרייפן דעם דאָזיקן זאָג? און דאָך קאָן עס זיין מעגלעך, ווייל אין די יאָרן פון וואַקסן און אַנטוויקלען זיך, איז דער אַפּעטיט אומגעוויינטלעך שטאַרק.

לויט דעם מחברס באַשרייבונגען זעט אויס, אַז די גאַנצע לאַגער־סטרוקטור איז געווען געבויט פון די קרבנות, איינצושטעלן אַ בעסערן גלייכגעוויכט סיי פיזיש, סיי מאָראַליש — ווי אַן אינסטינקטיווער אַנווענד פון דער מאָדערנער מעדיצינישער באַהאַנדלונג, וועמענס טערמינאָלאָגיע רופט זיך: פּסיכאָסאָמאַטיע...

דאָס אויבן־געזאָגטע פאַרלאַנגט אַרויסצוברענגען דעם פאָלגנדיקן עפּיזאָד: ווען די געדערעם האָבן געשריגן מיט ווייטיק עסן, עסן, עסן, האָט דאָס אוממענטשלעכע געקאָנט ווערן מעגלעך אין יענער קריטישער צייט.

יוסף וויינבערג באַמערקט, אַז ער איז קיין מאָל נישט געווען קיין געאָמעטער און קיין מאָל נישט קיין מאָסאָזשיסט. נאָר איין מאָל, ווען

ער האָט באַמערקט דעם שעפּקוכער מיט אַ געליימטער האַנט נאָך אַן אָפּעראַציע, האָט ער אים פּראָפּאַנירט מאַסאַזשן... דער משא־ומתן איז איינגעשטעלט געוואָרן אויף אַן עסן־באַלוינונג... פון דעם שמאַלצ־גרוב האָבן גענאָסן די „מוזולמענער", וואָס האָבן אומגעריכט געפונען אוצרות פון לעבנס־מיטל הינטער די קישעלעך אויף זייערע נאַרעס. און אַז די מאַסאַזשן האָבן געגעבן די געווונטשענע רעזולטאַטן, איז דער פּריש־געבאַקענער מאַסאַזשיסט — ראַפּטעם געוואָרן דער מייסטער פון מאַ־סאַזשן אינעם לאַגער און עס האָבן גענאָסן פון דעם אויך די עס.עס־לייט, וואָס זענען געווען אונטערגעוואָרפן צו באַצאָלן פאַר דער היילקונסט אויך מיט אַלימענטן.

די געוואַלדיקע רעטונגס־אַקציע האָט זיך אויסגעדריקט אויך אויף אַנדערע געביטן. סכנות־באַדינגונגען מאַכן דעם גייסט דערפינדעריש. וואָס האָט מען שוין געהאַט איינצושטעלן ביים ראַנד פון טויט? אַט כאַפּט זיך אַרויס אַ „מוזולמאַן" (שוין געווען באַשטימט צו דער גאַזקאַמער) און נעמט זיך אונטער צו פאַרריכטן דעם אויטאָ פון עס.עס־מאַן, וואָס האָט אַ צערייצטער זיך געאײַלט אַוועקצופאָרן און נישט געקאָנט פאַרריכטן זיין וואָגן. אין דעם מאָמענט האָט זיך געמאָלדן דער צום טויט־פאַרשריבענער „מוזולמאַן", וואָס האָט קיין שום אַנונג נישט געהאַט אין קיין וואָגן־מעכאַניזם, שנעל מאַטאַריזירט דעם עס.עס־מאַן. נאָך דעם „עקזאַמען" ווערט ער שוין צוגערעכנט צו די נוצלעכע יידן.

מענטשן וואָס האָבן בכלל קיין אַנונג נישט געהאַט אין שניידעריי אָדער שוסטעריי, זענען אָנגעקומען אין באַקליידונגס־קאַמער און אויך גע־וואָרן פאַרוואַלטערס פון דער מלבושים־פאַרטיילונג. ווען אַן עס־עס־מאַן־פונקציאָנאַר האָט געקאָנט אַרויסבאַקומען צירלעכע זאַכן פאַר זיינס אַ גע־ליבטער, האָט מען אים אויך געקאָנט געווינען צו אַ קאָמפּליצירטער רע־טונגס־הילף. ווי צום ביישפּיל, די חשבונות פון צושטעלן די נומערן־רשימה פון די העפטלינגען ביי דעם פּרימאַרגן־אַפּעל. די פאַקטועלע עפּיזאָדן זענען — ווי שוין דערמאָנט — שטוינענדיק און מאַנכע מאָל אומגלויבלעך, וואָס פאַרלאַנגען אַ קורצע באַגרינדונג. דער מחבר אָבער

פּאַרענטפּערט דאָס שפּעטער אַליין, ווייל ער האָט פּסיכאָלאָגיש אָנגערירט דעם פּולס פון אינטערעס ביים לייענער, אַז ער וועט לייענענדיק בלייבן צעטומלט און ס׳וועט אָפּשוואַכן אין אים דעם גלויבן אין דעם געלייענטן און אים אַריינפירן אין עפּעס אַ ראָמאַנטישער ספערע...

דער גרעסטער פריינד פון מענטש מוז זיין דער מענטש! מען קאָן ציען אַ פּסיכאָלאָגיש הומאַניסטישע לערע ווי דער אינסטינקט, די אינטואיציע איז קאָרעלאַטיוו צום שכל און אַ פּאַראַלעליזם ווען די באַדינגונגען באַצווינגען.

אין פאַרשיידענע לאַגער־באַשרייבונגען פון אַנדערע מחברים געפינט מען אויך אַ קולטור־טעטיקייט אין לאַגער. ביי יוסף ווײַנבערג איז — ווי שוין געזאָגט, אונטערגעשטראָכן פאַרזאַמלונגען פון אַ טעכנישן הילפס־כאַראַקטער. כאָטש ער באַמערקט אייניקע אינטעלעקטואַלן, וואָס האָבן זיך צונויפגעטראָפן, צווישן וועלכע ער דערמאָנט דעם באַקאַנטן שרייבער פון יענער תקופה, ק. צעטניק, דער מחבר פונעם בוך „דאָס הויז פון די ליאַלקעס״, וואָס האָט געמאַכט בשעתו אַ שטאַרקן רושם.

עס ווערן געשילדערט אין דעם בוך אַ סעריע לאַגערן: בירקענוי, אוישוויץ און יאַנאָווער. דער לעצטער איז געווען דער סאַמע שוידערלעכסטער. ווען עס האָט זיך שוין ביים ראַנד פון ענדגילטיקן אומקום געהאַט איינגעשטעלט דער פּסיכאָז פון גלייכגילט פאַרן טויט, באַווייזט זיך אין צווייטן טייל פון בוך אַ פּאַרקערטער פענאָמען. דער בלויזער מעטאַד פון שיסן פון הינטן פון מערדער ראַקיטאַ. דאָס אויסרופן די פּאָר ווערטער: „דריי דיך אום״, האָבן מער גערווירקט, ווי אַלע טויטן; דער ערב איז שטענדיק פיינלעכער ווי דער סוף! פון דאָרט האָט יוסף ווײַנבערג פאַרצייכנט די טראַגישע איבערלעבונגען, סיי פון זיך, ווי פון מאַסנמאָרד אין גריבער ווו דער מחבר איז אויך געוואָרן :אַריינגעשאָסן״ (דעם מחברס אָן אויסדרוק) און באַזונדערס מיט וואָס פאַר אַ כוח ער באַשרייבט דאָס אַרויסראַטעווען זיך פון אונטער די טויטע גופים.

זיכער זענען די עס־עס־„העלדן״ אויפגערייצט געוואָרן פון זייערע מפּלות אויף די פראָנטן — און אָן שום שפּיצלעך און אָפּנאַרערײַ (ווי

ס'איז געווען זייער געוווינהייט) געשאָסן אין אויפגעטורעמטע מאַסן־קברים.

ווי אַזוי איז דער מחבר ניצול געוואָרן פון אַלע פייערן און געפאַרן? פון שפּרינגען צוויי מאָל פון די באַקאַנטע וואַגאָנען צום אומקום? ער שרייבט, אַז ער איז געווען זיכער, אַז דער טויט מיינט נישט אים... מיר געפינען טאַקע אַ ווערטיקע באַגרינדונג אינעם צווייטן טייל פון בוך. אַלס יונגלינג האָט יוסף אָוועקגעחלשט זעענדיק אַ לוויה. זיין מוטער האָט געהאַט דעם געניאַלן איינפאַל און אים אָוועקגעגעבן אויף דער לער צו דער חברה־קדישא פון זיין גאַליציאַנישן שטעטל.

דאָרט איז ער פאַרהיימישט געוואָרן מיטן טויט און געפורעמט זיין גלייכגילט, וואָס האָט אים געבראַכט נוצן פאַר זיין פּערזענלעכן לעבן. ער איז הכלל — ווי מיר לייענען זיינע באַשרייבונגען — געווען פול־שטענדיק אימוניזירט פון יענע טויטן... אַפילו פון דער טיפוס־עפּידעמיע זיך נישט אָנגעשטעקט אין קאַראַנטין־געביידע, ווו ער האָט געטראָגן הילף פאַליאַקן און רוסן.

לאָמיר לאָזן פאַר וויסנשאַפטלער די ביאָלאָגישע מאַטעריע פון מין מענטש, וואָס קאָן אין אומגליק־באַדינגונגען אַריינפאַלן אין גלייכגילט און אַרומגענומען ווערן מיט אַ פאַנצער פון הינערפּליעט; דאָס נאַטירלעכע פאַרטיידיקונגס־מיטל, וואָס די לאַבאָראַטאָריע פון די טראַגישסטע באַדינגונגען האָט אויסגעאַרבעט און וואָס איז אויך געלעגן אונטער דעם איינציקן אימפּעראַטיוו איבערצולעבן!

אינעם צווייטן טייל, ביים סוף פון בוך „אַ טרער און אַ תפילה” זענען פאַראַן איבערחזרונגען, באַזונדערס אויך פון זיין ערשטן בוך „צווישן גאָט און פּענריר” (וואָס איז אגב צו מיר נישט דערגאַנגען). זיי זענען אָבער אַלע באַרעכטיקט.

צווישן דעם פאַקטועלן געשעען זענען אין דעם בוך פאַראַן אַזעלכע ליטעראַרישע פיינקייטן, אַז מען פאַרגעסט מאָמענטנוויז דעם יזכור־בוך. פאַר דעם בלויז אָרגאַניזירן די דערמאָנונגען פון אַזאַ רעטראָספּעקטיוו, קומט שוין אַ שבח דעם שרייבער. באַזונדערס קומט אים אַ לויב פאַר די קינסטלעריש באַשריבענע דערמאָנונגען פון זיין קינדהייט; דאָס אַריינ־

קייטלען „דאָס פאַרשטאָכענע פינגערל” ביים רייסן די פלאַנצן צו הושע־נות... דאָס איז איין ביישפּיל פון אַנדערע, וואָס איז אַריינגעפירט אין קאָנטעקסט אויפן ריכטיקן אָרט און מיט פיין־פילעוודיקייט. אויך די סאַמע רויעווירקלעכקייט פון לאַגער־לעבן איז נישט קיין ברוטאַ־אַנוואורף אַרויס־געפּיבערט פון זיין געדעכעניש נאָך אַזוי פיל יאָרן, נייערט קינסטלעריש געשטאַלטיקט.

דאָס בוך „אַ טרער און אַ תפילה” איז ווי אַ מענטשלעכער צווילינג, וואָס נערט זיך פון זעלבן מאַמעשן נאָפּל; די תפילה פון אַ טרער און די טרער פון אַ תפילה.

דאָס ספרל ברענגט אַרויס די מוסטערדיקע באַהערשטקייט פון שריי־בער און געליטענעם מענטש, וואָס וועט בלייבן אין אָרגאַניזם פון כלל ווי דער צלם מענטש!

אינעם מלכות פון קונסט

שוין זייער לאַנג ווי איך האָב באַזוכט די אַטעליע פון קינסטלער מיכאל מילבערגער. דעריבער בין איך איצטער אַרויפגעשטיגן די טרעפּ מיט אַ געפיל, אַז איך לייטער אַרויף צו געניסן פון געלייטערטער קונסט, וואָס איז דורך דער צייט באַרייכערט געוואָרן אין כמות — און וואָס איז שוין מיט יאָרן צוריק געווען אויף אַ הויכן שטאַפּל צו נאָך אַ העכערן. דאָס דאָזיקע געפיל האָט זיך געכפּלט ביי מיר ביים אַריבערגיין דאָס לעצטע טרעפּל פון זיין אַטעליע, און ביים אַריינקוקן אין די גיפּסענע און בראָנדזענע ביוסטן איבער וועלכע מען האָט שוין פיל געשריבן און אילוסטרירט אין צייטונגען און אין פּעריאָדיקס.

אַנטקעגן, געפּאַסט פּאָר אַ פּראָנטאַלן טייל פון אַ מוזעאום, שטייט אַ ראָזע גיפּסענע ניוד (פרויען־מאָדעלקע). ראָז איז אַ סימבאָל פון פרייד. אירע אָרעמס זענען אויפגעמאַכט. אויך די פלאַכן פון די הענט, גראַציעז האָריזאָנטאַל צעעפנט, בלויז די פיס זענען צניעותדיק צוזאַמענגענומען. זי זעט אויס ווי אַ טאַנצנדיקע, נאָר אין אַ פּאָזע פון אַ תפילהדיקן ריטואַל. אַנפּאַס איז אַ צווייטע פרויען־פיגור, ווי אַוועקגעשטעלט צו אַ שטומען דיאַלאָג וועגן מענערוואַרג...

מיכאל מילבערגער דערלאַנגט מיר אַ שטול און אַליין נעמט ער זיך באַוועגן ווי אַ גרויסער אומרו פון אַן אַנטיקן־זייגער... ער שטעלט מיר פאַר זיינע גיפּסענע און בראָנדזענע ביוסטן און קעפּ. מען זעט זיי אויף פּיעדעסטאַלן. אויף ווענטפּולקעס און אין אַלע ווינקלען — אַפילו אויף דער ערד; עס טוט זיך ביי אים קעפּ־אויף־קעפּ!...

די פריערדיקע פּערזענלעכקייטן וואָס ער האָט איבערגעשאַפן אין גיפּס,

געפינען זיך אַ ביסל אין הינטערגרונט; פון דעסטוועגן דאָמינירט צווישן אַנדערע דער פראַנצייזישער גענעראַל קעניג מיט זיין אַריסטאָקראַטישן גלאַנץ פון אַ מיליטער־מאַן, וואָס איז שוין זעקס מאָל געגאָסן געוואָרן אין בראָנדז. דער קינסטלער שטעלט זיך לענגער אָפּ ביים מעדיציניש וויסנ־שאַפטלער, דעם נאָבעל־פּרייז־טרעגער, אַנדרעי לוואָוו. אַליין אַ מאָלער פון אַ משפחה סקולפּטאָרן. ווי מיר ווייסן, האָט ער פאַרנומען אַן ערן־אָרט אינעם פּאַסטער־אינסטיטוט.

מילבערגער האָט מיט זיין פּראָפעסיאָנעלן כוח אין דער פּלאַסטישער קונסט געוואָלט אויך דערגיין צו געבן אַ ירושהדיקן אויסדרוק פון זיין משפחה־שטאַב פון סקולפּטאָרן — און דאָס געהערט שוין מער צו דער וויסנשאַפט פון אַנטראָפּאָלאָגיע און דערויף דאַרף מען האָבן אַ טיפן אַקאַ־דעמישן בליק. אַנדרעי לוואָווס מוטער איז אַליין געווען אַ באַטייטיקע סקולפּטאָרין, אַ תלמידה פון אַנטאָקאָלסקי. אויך אַנדרעי לוואָווס קוזינען זענען באַרימטע סקולפּטאָרן און מאָלערס. זיין מוטער האָט אין דער יוגנט פּאָזירט צום באַרימטן פּאָרטרעט, וואָס געפינט זיך אין טרעטיאַקאָווער גאַלעריע אין מאָסקווע און עס רופט זיך: „דאָס מיידל באַלויכטן פון זון״, געמאָלן פונעם נאַציאָנאַלן רוסישן מאָלער, וואַלענטין סיעראָוו (דער זון פון אַלעקסאַנדער סיעראָוו, אַ באַרימטער רוסישער קאָמפּאָזיטאָר).

ער דערנענטערט דעם לעצטנס אויסגעפּאַרטיקטן ביוסט פון זשאַק מאָנאָ, אַ ספּעציעלע באַשטעלונג פון פּאַסטער־אינסטיטוט, פאַר דעם גע־וועזענעם דירעקטאָר, אויך אַ נאָבעל־פּרייז־געקרוינטער.

טראָץ דער הויכער מדרגה פון כבוד, וואָס מען האָט צוגעטיילט דעם יידישן קינסטלער, האָט נישט קיין שום שליטה אויף אים, קיין שום גאווה און פאַרריסנקייט. אין אַן ענגן קרייז פון ביוסטן שווימט מילבערגער ווי אַ פיש אין וואַסער; ער הייבט זיי אויף פלינק און דערנענטערט צום באַזוכער. עס שפּאַצירן אַדורך פאַרן אויג אַ ריי ישראלדיקע פּרעזידענטן און מיניסטאָרן. אָנהייבנדיק פון גענעראַל עזר וויצמאַן (פּאַרטיידיקונגס־מיניסטער); פּרעזידענטן: זלמן שזר, אפרים קציר — און, דער איצטיקער (אויף לאַנגע יאָרן) יצחק נבון. אַ שאָד וואָס ס׳איז נישטאָ קיין קאָפּיע פון בן־גוריונס ביוסט ז״ל.

וועגן זלמן שזר האָט דער קינסטלער־סקולפּטאָר, לוטשאַנסקי (געשטאָרבן ביי 102 יאָר) זיך אויסגעדריקט (אויף אַ צוזאַמענטרעף מיט מילבערגערן), ווי עקספּרעסיוו, אידענטיש ער האָט באַשאַפן דעם שזר־ביוסט. אויך דער איצטיקער פּרעמיער־מיניסטער, מנחם בעגין, געפינט זיך אין דער נאָבעלער געזעלשאַפט פון מלוכה־לייט. טראָץ זיין שווערער מיניסטאָרישער מיסיע, זעט ער אויס אַזוי רואיק און זיכער, ווי עס דאַרף זיין אַזאַ פּערזענלעכקייט. מען קאָן זיך נישט אָפּשיידן פון דעם שיינעם בראָנדזענעם ביוסט, דעם צעשמייכלטן פּרעזידענט פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אריה דולצין.

אַ טייל פון מילבערגערס ביוסטן זענען אונדז פּערזענלעך באַקאַנט און נאָענט. אָט זעט מען דעם קאָפּ, וואָס טראָגט די ראַנגע פון אַ חשובן זשורנאַליסט, נפתלי זילבערבערג. מילבערגער אַליין באַוווּנדערט אים צו ערשט און דרייט אים פּאָר מיינע אויגן פון אַלע זייטן מיט אַ גלעט איבערן קאָפּ, ווי אַ טאַטע גלעט זיין קינד... ער ציט מיין אויפמערק אויף זיין שטערן און קופּאָלאַרטיקן אַרויף צום שאָרבן. זיין אויף פּאָראויס אַרויסגערוקטן קאָפּ מיט אַזאַ פּינקטלעכער פּאַקטורע, אַז כ'וויל אַ רעד טאָן צו אים, זיך באַגריסן, אַזוי לעבעדיק און מילד קוקט ער צו זיינע שכנישע קעפּ... און אָט כאַפּ איך אַ בליק אויף יחזקאל קאָרנהענדלער (באַקאַנטער זשורנאַליסט און שרייבער) און פון וועלכער זייט איך זאָל אים נישט זען, דאַכט זיך מיר אַז איך זע דעם אָריגינאַל פונעם מאָדעל — דעם יונגיטשקן בן־שמונים מיט זיינע ברייטלעך־צעפּלאָסענע האָר אויףביידע זייטן קאָפּ, וואָס גיט אים צו חשיבות — צו כאַפּן דעם אָנבליק צו בן־גוריונען...

אַ באַזונדער גרויס פאַרגעניגן פאַרשאַפט דר. חיים סלאָוועס־ביוסט (דראַמאַטורג און עסייאיסט). אַן עקספּרעסיע פון אַ ברייטן שמייכל פון וועלכן מען קאָן זיך נישט אָפּקערן.

ווי אַ פּאַרבלענדער כאַפּט עפּעס אַרויס פון טאַש, ווו ער האָט פון פריער אַריינגעלייגט אַ קאָלירט שטיקל זיידנס און ציט אַרויס דערפון אַ טייבעלע... זעט מען פלוצעם אַ קליין קעפּל, וואָס פאַרמאָגט אינעווייניק

אַ גרויסן אוניווערסאַלן אוצר מיט וויסן און אַ פענאָמענאַלן זכרון. מען דערקענט גלייך ווער־ס׳איז־ווער. דאָס איז דער געהעכסטער פּראָפעסאָר פון ירושלימער אוניווערסיטעט דוב סדן (אויב כ׳האָב קיין טעות נישט, איז „געהעכסטער„ זיינס אַ דיאַלעקטישער פאַרבייט פון געערטסטער). מיכאל מילבערגער רעדט פון אים מיט באַגייסטערונג און דערציילט וואָס פאַר אַ מנגן ער איז; אַלע סעאַנסן פון פאַזירן ביי אים האָט ער אויסגע־פילט מיט אַ גאַנצן רעפּערטואַר פון ניגונים...

פון אַ ווינקל וויסלט זיך אַרויס אברהם סוצקעווערס קאָפּ מיטן באַגראָזטן וואָנסעלע איבער דער אייבערשטער ליפּ. און כאָטש ער שוויגט אַזוי, פילט מען אָפּ סענסאָריעל דאָס דריידל פון זיינס אַ פערז וואָס גרייט זיך אַ בליץ צו טאָן פון זיין מוח־שקאַטולקע...

דאָס פּערטל פון געשטאַלט פון שמעון דזשיגאַן, לאָזט נישט צו רו. נישט נאָר איז זיין קאָפּ אַזוי אידענטיש און פּרעציז, ווי אויסגעקנאָטן אין מיטן שפּילן; אויך דאָס שאַליקל, וואָס איז ממזריש פאַרשלייפט און דראַפּירט אַרום זיין האַלדז, זעט אויס ווי אַ שטיקל רעקוויזיט פון אַ דראַ־פּירטן טעאַטער־פּירהאַנג און דערמאָנט גלייכצייטיק די גרויסע ווערק פון מיינסטערס מיט וועלכע מען אילוסטרירט ענציקלאָפּעדיעס. די גאַנצקייט בכלל איז אַזוי אַטראַקטיוו, אַז ס׳דאַכט זיך אָט גייט ער אַ לאַך טאָן פון דער גאַנצער וועלט, כדי צו מאַכן אַנדערע לאַכן...

די באַברילטע מענער האָבן ספּעציעל צוגעצויגן מיין אויפמערק. דער איצטיקער פּרעזידענט, יצחק נבון, טראָגט נאָר אַ סימבאָל פון ברילן שפּורן, נישט מער ווי דרייעקיקע בראָנדזענע באַשלעגן, ווי אַ רעליעפאַר־טיקער אָרנאַמענט איבערן אויג. מיט אויסנעמלעכער פּינקטלעכקייט זענען אויסגעפירט די פאַרקעמטע קעפּ. די פאַטינע לאָזט זיך דערקאָנען אַפילו אין די דינע שרינטלעך, וואָס טיילן סיי די געדיכטקייט פון די פאַסמעס האָר, סיי די ליפּע־אָפּטיילן — פונקט ווי דער אָרגאַנישער סובסטאַנץ פון פעטקייט, וואָס כאַראַקטעריזירט זיך אויך אינעם אויסשייד פון שוייס דורך די הויט־פאָרעס און לאָזט זיך נישט גרינטלעך באַזייטיקן, אַזוי לאָזט מילבערגער אַביסל שטויב, וואָס שטרייכט אונטער, פאַרשאַרפט זיין נאַ־טירלעכע פאַטינע פונעם קאָפּ־שייטל.

די פרי־האַרבסטיקע זון לאָדנט אויס דעם גאַנצן רעזערוו פון זון־פּיילן אויפן באַגלאָזטן דאַך — און דער נאַטירלעכער ליכטוואַרפער קרייזלט אַרום מיט זיינע ווייזפינגער איבערן באַלעבטן מענטשן־לאַגער, דער־וואַרעמט אים און העלפט צו דער ראַטאַציע פון קונסט־האַנטווערקער, וואָס טראָגט זיך צווישן זיין באַפעלקערטן באַשאַף מיט אַזאַ ליבשאַפט און יראת־הכבוד, אַז יעדער ביוסט וואָס ער הייבט אויף טראָגט ער ווי אַ ספר־תורה צו הקפות... פון וועלכע ער לייענט אַרויס און טייטשט אַריין די קלענסטע דעטאַלן פון אַ מענטשלעך פּנים.

אויף אַן אויפנעם ביים ישראל־אַמבאַסאַדאָר, וואַלטער איתן, בשעת דעם איבערגעבן דעם בראָנדזענעם ביוסט פון גענעראַל פּיער קעניג, וואָס איז אויך באַערט געוווען פון הרב הראשי יעקב קאַפּלאַן, האָט אים מיל־בערגער שפּאַסיק אַ זאָג געטאָן: איך בין דאָך ביי אייך פּסול!... — וואָרום? „ווייל ס׳שטייט דאָך געשריבן, לא תעשה לך פסל״! — ניין — האָט דער עמינענטער ראַבינער געענטפערט: ס׳איז שלעכט פאַרשטאַנען... „פּסול״ איז דיסקוואַליפיקאַציע; אַז מען מאַכט אַ טויטע קאָפּיע פון דער נאַטור, איז ער פּסול, אָבער ווען מען מאַכט לעבעדיק, איז עס אַ מיצווה, אדרבא, איר מעגט!

ווי ס׳איז ביים מעדיצינער, די צונג, דער שפּיגל פון די פונקציאָ־נעלע פאַרדייאָרגאַנען, אַזוי איז די אינטראָספּעקציע פון זיין מאָדעל אַרויסגעשפּיגלט אויפן געזיכט, נאָך מער, איך וואָלט געזאָגט, אַ ראַדיאָ־גראַפיע פונעם אינערלעכן, מענטשלעכן געמיט, כמו אַ דיססעקציע פּסי־כאָאַנאַליטיש אָפּגעדעקט אין דער האַרטער מאַטעריע פון פאַרמען.

ביי מילבערגערן איז זיין אוניווערס דער קליינער וואַרשטאַט, וואָס איז אויסגעפילט איבער די ברעגעס מיט קינסטלערישע ווערק; דאָס איז זיין אינטימע וועלט. דאָרט קנעט ער די פּערפעקציע פונעם מענטשלעכן ריז, וואָס איך וואָלט סינאָנימיזירט מיט אַ באַרג... אפשר האָט טאַקע זיין נאָמען, מילבערגער אַן אַבסטראַקטן שייכות מיט צעמאָלן „בערג״ און צוריק אויפשטעלן, לויט דער קינסטלערישער פאָרמולע פון אָפּבילדן דעם מענטש און אים ווידער אויפלעבן אין גיפּס אָדער בראָנדז?

מיכאל מילבערגער האָט נישט געבויט קיין פאַמיליע־לעבן. ער גע־הערט צו די קינסטלערס, וואָס קאָנען זיך נישט אונטערוואַרפן קיין קאָמ־פּראָמיסן (אַפילו ווען ס'איז נייטיק צו דער האַרמאָניע). און ווי סתירותדיק דאָס זאָל נישט זיין, לעבט ער סיי ווי דעם פּאַראַדאָקס פון גוט און שלעכט, פון קאָפּ און שלאַק... דעריבער האָט ער זיך אין גאַנצן געווידמעט דער קונסט. זיין געוויסן זאָגט אים אַוודאי אונטער, אַז ער וועט נישט זיין מסוגל אויסצופירן די געבאָט־פליכטן פון אַ פאַמיליע־מענטש. אָבער אינטערעס פאַרן גליק פון עולם הזה האָט ער געענוג — און פאַרשטענדלעך אַ גרויסע טייל אויף צו עקזאַלטירן דעם עול פון שאַפונגס־גייסט, וואָס דאָמינירט אין אים. דעריבער איז אויך נישט קיין וווּנדער וואָס ער שלאָפט טייל מאָל אין זיין אַטעליע און באַוואַכט זיינע אוצרות, ווי אַ לעבעדיקע אַנאַטאָמיע צווישן דער האַרטער מאַטעריע; און אין דער מאַסקע פון שלאָף ווערט ער אַזוי אַרום דער סינטעז פון זיין באַשאַף.

אַלע וואָס קענען אים ווייסן, אַז ער לעבט מיט די גליקן פון זיין אַרבעטס־כוח און פאַרערונג. ער האָט נישט קיין שום פּראַקטישן צוגאַנג צום לעבן. איינגעווינקלט אין זיין אַטעליע, ווו מען שטיקט זיך פון ענגשאַפט, אַז מען מוז גיין כמעט אויף די שפּיצן פינגער בכדי נישט צו שעדיקן קיין שעדעווער... יאָ, ווי גוט צוגעפּאַסט איז פאַר אים דאָס פאָלקס־ווערטל: „פול אין קעפּעלע און פוסט אין טעפּעלע". דאָס אַר־בעטס־צימער איז זיין רייכטום ווו ער האָט געהערט ווי מען פאַרגלייכט די עקספּרעסיע־שאַרפקייט פון זיינע ביוסטן צום פראַנצייזישן מייסטער, שאַרל דעספּיאָ (געשטאָרבן נאָכן צווייטן וועלטקריג). אויך צו דער וועלט־באַרימטער פיגור אויפן מאָלעריי־געביט, וועלאַסקעז (געלעבט אין 17־טן יאָרהונדערט).

כאָטש עס איז שוין באַקאַנט פון דער פּרעסע, אַז ער האָט אויך געהאַט אַ באַזוך פון דער פרוי סימאָן וועיל, פּרעזידענטין פון דער אייראָ־פּעאישער אַסעמבלעי, וויל איך דווקא מאַכן אַ „פּלאַגיאַט" און דאָס איבער־חזרן, ווייל ס'איז אַ צולאָג צו זיין רום און, וואָס טיילט צו ספּעציעלע חשיבות דעם ווייבלעכן מין. טראָץ דעם איז כדאי די קליינע דיגרעסיע

אויף אונטערצוהאַלטן די טעזע, וואָס ווערט לעצטנס באַלויכטן, אַז פּרויען זענען נאָך אַלץ הינטערשטעליק אויף מענלעכע פּאָזיציעס... אָבער אַ זון־זייגער וואָס שטייט אין שאָטן, איז פון דעסטוועגן אַ זון־זייגער!

ווען כ'האַלט שוין ביים אַוועקגיין און דריי זיך אויס צום אַראָפּגאַנג, וואַרף איך אַ לעצטן געזעגענונגס־בליק אויף די אַנוועזנדיקע פּערזענ־לעכקייטן. ס'ווערט שטיל — ווי אַן אָרקעסטער אונטערן דיריגענטס שטעקעלע... פּלוצעם גיט אַ קוק אויף מיר פון אַ ווינקל ווי מיט אַ פּירוואָרף: „איך בין דאָך דער שווייצער דראַמאַטורג, פרידריך דירענמאַט, דו קענסט מיך נישט?". איך בלייב שטיין ביי דער קאַרפּולענטער געשטאַלט און פיל אַז דער יידנפריינד וויל אויך זיין אַנוועזנדיק אין מיין זיכרון... מיט זיין אויסנעמלעך פולן געזיכט רופט ער ביי מיר אַרויס אַן אַסאָציאַציע מיט אַן אינדישן גאָט. און כאָטש עס קוקט צו מיר דער גרימירטער קאָפּ פון מאַרסעל מאַרסאָ, זע איך אים דווקא אַ שוועבנדיקן אויפן היימישן עקראַן ווו ער טאַנצט אויס אַ לעבנסבילד...

מיכאל מילבערגער איז זייער פריינטלעך — נאָך מער, ער איז גליקלעך אויפצונעמען באַזוכערס און ווי ער דריקט זיך אויס מיטן רוסישן ווערטל, אַז עס גיט אים די געלעגנהייט „צו צעקעמען די צונג" און גלייבט מיר, אַז ס'איז אַ שאָד, וואָס זיינע פּראָפעסאָרישע דערקלערונגען, די פּריזירטע ווערטער, וואָס שייך אייגנצלהייטן פון דער קונסטטעכניק, וואָס רירט אָן קאָן מען זאָגן די האַרוואָרצלען, איז באמת צום באַדויערן, וואָס זיינע רייד ווערן נישט רעקאָרדירט אויף אַ מאַגנעטאָפאָן; ווייל צום שרייבן איז ער פויל, ווערט דאָס אַלץ פאַרשווינדעריש פאַרפאַלן.

עס האָט אַ פאַרליבטער אין קונסט, קובאַ פישבין (וועלכער האָט זיך לעצטנס באַוויזן אין די יידישע פּעריאָדיקס) געוואָרפן אַ פונק פון אַן אידעע, אַז מען זאָל באַשטעלן צוויי אַרבעטן ביי מילבערגערן כדי צו פאַר־אייביקן די צוויי גרויסע פּערזענלעכקייטן וואָס זענען שוין געוואָרן לע־גענדאַר־געשיכטלעך פאַראייביקט אין שריפט. דאָס זענען: דער טעאַטראַ־לער גאון, שלמה מיכאָעלס, און דער נישט קלענערער גאון, שרייבער און הומאַניסט, דער פאָטער פון אַלע קינדער־יתומים, יאַנוש קאָרטשאַק (הענריק גאָלדשמיד). די ווענדונג האָט באַקומען אַ פּאָזיטיווע צושטימונג

בלויז פון איינצלנע, פון מויל צום אויער, אָדער בריוולעך. דער איינציקער וואָס האָט זיך אָפּגערופן עפנטלעך איז דר. לעווענבערג (מיטאַרבעטער פון „אונזער וואָרט״). דערמיט האָט זיך דער פונק ז׳ערווייל פאַרלאָשן.

אַ מאָנומענט אין שטיין אָדער אין בראָנדז, אינטעגרירט זיך שאַרפער אין אונדזער געדעכעניש צו דערמאָנען די אכזריות פון פוילן און רוסלאַנד. ס׳איז מער עלאָקווענט, ווייל ס׳איז אַ דירעקטע ווענדונג צום וויזיאָנערישן זיכרון — און זיי האָבן דאָס פאַרדינט ביים יידישן פאָלק!

דער באַליבטער מיינסטער מילבערגער, דער וואָס באַזיצט דעם בכבודיקן טיטל פון פּראָפעסאָר אין זיין צווייג פון פּלאַסטישער קונסט און וואָס האָט שוין באַשיינט לעולם ועד מיט מאָנומענטן פון די גדולים פון פרעמדע פעלקער און אויף פרעמדער ערד, פוילן און ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס זייערע נעמען זענען שוין באַקאַנט פון אַלע וואָס אינטערעסירן זיך מיט קונסטקריטיק און זענען סתם ענטוזיאַסטן פון עסטעטיק, מעג מען פאַר מילבערגערן ציטירן אַ לאַטייניש זאָג: „עגאָ סום קווי סום״ (איך בין דער וואָס איך בין), נאָר מיטן פראַנאָמען פון דער דריטער פּערזאָן: ער איז דער מייסטער, ווענען מען קאָן אָנטרויען די דאָזיקע גיגאַנטישע אַרבעט און דאָס וואָלט געווען די טיפסטע געשיכטלעכע דימענסיע פון קרבנות־קדושים פון פאַרשיידענע קאָנטינענטן, וועמענס רוצחישע נעמען זענען נישט ווערט אַפילו מען זאָל זיי אויפשרייבן!

ווען כ׳האָב געפרעגט אַ נייגעריקע, צי מילבערגער האָט שוין אַמאָל געטראַכט וועגן זיינס אַן אויטאָ־פּאָרטרעט אין גיפּס, האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט פיינט פאַרנעמען זיך מיט זיך אַליין.

דאָס הערנדיק האָב איך נאָך מער פאַרשטאַנען ווי וויכטיק ס׳וואָלט געווען ווען מען העלפט אים כאָטש אַרויסגעבן דערווייל אַן אַלבאָם, אַ ביישטייער צו דער געשיכטע פון קונסט ביי יידן מיט טעקסטן פון די פּרעסע־אָפּרופן. ער וואָלט אַוודאי געווען גליקלעך אויך אַריינצונעמען אין אַזאַ אַלבאָם ווערק נאָך וועלכע ער בענקט און באַגערט צוריק זיי צו האָבן אין זיין וואַרשטאַט! די דאָזיקע אונטערנעמונג דאַרף אַ מעצענאַט־אָרגאַניזם

און אַן אָנהייבער, אַ וועקער, וואָס זאָל אַריינשפּילן אין דער אַמביציע פון אַ פינאַנציעלן וועטמאַטש...

*
**

נאָכן ספּעקטאַקולערן באַזוךביים קינסטלער אין מלכות פון קונסט, וועל איך לאַנג, לאַנג זיין אונטערן איינדרוק פון אַ טיף איבערגעלעבטער פרייד מיטן שמייכל פון שכינה, וואָס האָט מיך אָנגעסטראָיעט צום דאָזיקן מאמר.

גבריאל ווייסמאַן

— 1 —

(צו זיין ווערן אַ 75־ער)

דער קונסט־קריטיקער, דערציילער און דיכטער גבריאל ווייסמאַן, האָט דערגרייכט אַ יונגשאַפט פון 75 יאָר — אין וועלכע 50 פון זיי זענען אַנגעלאָדן מיט ליטעראַרישער שאַפערישקייט. אינעם לעבן פון אַ קינסטלער שפילט אַ קליינע ראָלע די „מעטריקע" זיינע, נייערט דער קערנדיקער צענטער פון זיין קינסטלערישער יצירה.

גבריאל ווייסמאַן איז אַ באַקאַנטע פיגור אין דער שרייבערישער און אין דער לייענער־וועלט און איז באַזונדערס באַליבט אין דער וועלט פון דער פלאַסטישער קונסט. ער איז אַן אינטענסיווער אויפנעמער און אויסטייטשער פון מאָלעריי. איך פאַרפעל נישט צו לייענען זיינע, מיט ליבשאַפט געשריבענע און עמאָציאָנעל איבערגעלעבטע אָפּשאַצונגען וועגן קונסט. ווייסמאַן רעפּראָדוצירט ממש פאַר אונדזערע אויגן דאָס בילד מיט זיין וואַרעמער שפּראַך, מיט וועלכער ער נעמט עס אַרום. דערביי דאָמינירט ביי אים די טעכניק פון אַ קונסט־אָפּשאַצער — נישט קיין טרוקענער קריטיקער, נייערט אַן אין קונסט־פאַרליבטער. מען דערפילט זיכער בעתן לייענען, אַז ער פאַרנעמט זיך נישט מיט קיין מאָלעריי, וואָס פאַרכאַפּט אים נישט, וואָס רעדט נישט צו זיין קינסטלעריש געמיט. דערפאַר איבערצייגט אונדז אַזוי זיין קרעדאָ, ווי אַ מאַטעמאַטישער טעאָרעם. ער מאָלט מיט זיין שפּראַך דעם באַהאַנדלטן אָביעקט, ווי עס וואָלט גאָר אַנדערש נישט געקאָנט געמאָלט זיין. און איר גלייבט אים.

אַ קליינער פּאַראַגראַף אַרויסגענומען פון זיין לעצטן מאמר וועגן

דער מאָלעריי פון זיגמונט וואַלדמאַן, האָט פאַרהאַלטן מיין פעדער כדי אים צו ציטירן:

„מיט פיל ריטעם און באַוועגונג זענען זיינע בילדער. גענוג צו כאַפּן אַ בליק אויף די צוויי טענצערינס — נמ. 39 אין זייער ממש שווינד־לענדיקן טאַנץ. נאָך גוט, וואָס דאָס בילד האָט אַ רעם, וואָס פאַרהאַלט זייער פלי, אַנדערש וואָלטן זיי אַרויסגעטאַנצט פון „מלוא־קלוב" אויף דער גאַס אַרויס"...

דאָס פאַרליבט זיין אין אַלע צווייגן פון קונסט, האָט זיכער זיך אויס־געווירקט ביי אים אויף זיין איידעלער באַשיידנקייט, וואָס האָט פּאַלירט זיין פּערזענלעכקייט. מען קאָן דאָס נישט נעמען ווי אַן אַקסיאָמע, נייערט ווי אַ יוצא מן הכלל. זיין שטילער גאַנג און שאַפונגסוועג אין דער ליטע־ראַטור מאָנט ביי זיך, און נישט דווקא ביי יענעם. ער דערמאָנט אין מלך ראַוויטשס פולבענדיקע שריפטן, ווו עס איז נישט פאַראַן קיין קרי־טיק איבער שרייבערס און ווערק, טראָץ דעם, וואָס זיינע קוואַליפיקאַציעס זענען געוועזן דער פּאַטענט דערויף. ער האָט בלויז פאַראייביקט פיל שרייבערס אין זיינע אינטימע „פּען־פּראָפּילן", וואָס זענען אויפגעזאַמלט אין זיין פירבענדיקן לעקסיקאָן און טראָגן זיין חתימה. רו און רום זיין אָנדענק!

גבריאל ווייסמאַן יבל"א איז אויך אַ דיכטער, וואָס איז געוואָרן פאַר־מוזיצירט און אויסגעפירט אויף קאָנצערטן. זיינס אַ ליד „לוצק" איז שטאַרק פּאָפּולער געוואָרן און דערפאַר פּרעמירט געוואָרן. זיינע קינדער־מעשהלעך באַחנען כרעסטאָמאַטיעס. צו זיין חשבון קאָן מען אויך צו־רעכענען דאָס „צימעסל" פון פאָלקלאָר; דאָס דאָזיקע געביט פון פאָלק־לאָריזם איז די גייסטיקע מימיק פון שמייכל, וואָס איז אויך אַ באַשטאַנד־טייל פון אַנעקדאָטיזם. אויב דער מחבר איז נאָך פעאיק דאָס צו סטי־ליזירן מיט זיין פעדער, איז עס במילא אַ צוגאָב־אוצר צו אונדזער ליטעראַטור; אַפילו אַ בלויזער זאַמלער, וואָס באַקומט דאָס פון ערשטן קוואַל, פון פאָלקסמויל, האָט שוין אויך פאַרדינט לויב.

פאַר דער לעצטער מלחמה האָבן זיך אָפּגערופן מיט לויב אויף גבריאל ווייסמאַנס שאַפן, גרויסע נעמען וואָס זענען שוין, ליידער, אויף דער

אמתער וועלט. טייל פון זיי: יעקב גלאַטשטיין, שמואל ניגער, אויך ה. לייוויק מיט אַ גרעסערן מאמר אין „דבר". מיר וועלן נאָך זיכער באַגעגענען באַגריסונגען ווו ס׳וועלן אויסגערעכנט ווערן אַנדערע בכבודיקע שרייבערס, וואָס האָבן באַשיינט מיט זייער וואָרט גבריאל ווייסמאַנס פּיל־זשאַנערדיק שאַפֿן.

אַ נאָמען וואָס האָט שוין פֿאַסצינירט פּיל שרייבערס און אָנגערעגט זיי צו שרייבן וועגן איר, איז די אָריגינעלע שרייבערין פון אַכצנטן יאָר־הונדערט, גליקל פון האַמעלן, צו וועלכער ווייסמאַן האָט אויך צוגעטראָגן זיין עסיי, וואָס איז דערשינען אין ברוך מינקאָוו־בוך.

אין איינעם פון זיינע בריוו צו מיר, מיט אַן ערך צוויי יאָר צוריק, שרייבט גבריאל ווייסמאַן, אַז ס׳ליגן ביי אים גרייט צום דרוק דריי ביכער: וועגן שרייבערס און זייערע ווערק, וועגן מאָלערס און מאָלעריי, און קינדער־דערציילונגען.

עס וואָלט געווען כדאי עפּעס אויפצוטאָן כדי צו דערמעגלעכן אים, אַז זיינע כתבים זאָלן זיך נישט שטיקן אין די „אַלקערס" פון די שופלעדער ווו שרייבערס האַלטן זייערע שריפטן און ווילן זיי פאַרהיטן פון דער געלער שעדיקונג־פאַרב פון צייט. ביכער דאַרפן שטיין אין ביבליאָטעקן און ווערן דורכגעלופּטערט פונעם לייענער פאַר וועלכן זיי זענען געשאַפן געוואָרן.

נאָך דער קאָנפערענץ, וואָס האָט אַזוי פריידיק עקזאַלטירט דאָס יידישע האַרץ, טאָר מען נישט גלייכגילטיק פאַרבייגיין און פאַרגעסן דעם ליטעראַרישן רעדאַקטאָר פון די „לעבנס־פראַגן", גבריאל ווייסמאַן. פאַרבייגיין גלייכגילטיק איז כמעט ווי פאַרבייגן, און פון פאַרבייגן ווערט אַ קנייטש, און פון אַ קנייטש — אַ וווּנד. זיינע ווערק דאַרפן ווערן ווי צום שנעלסטן אַריינגענומען אין דער רשימה פון די ביכער, וועלכע געניסן פון סאָציאַלן פאָנד, אָדער אַנדערע פאָנדן, כדי זיי זאָלן אַרויס אויף דער ליטעראַרער וועלט — כאָטש בלויז דערפאַר, וואָס ער באַדינט אַזוי געטריי די יידישע מאָלעריי און סקולפּטור אין ישראל.

ווען דען, אויב נישט ביי די 75 יאָר?

און מיט די בעסטע ברכות פון אַ קאָלעגין צו אַ קאָלעגע — אין זיין טאָפּלטן יובל.

— 2 —

אין דער ספערע פון קונסט

גבריאל ווייסמאַן איז אַ פילזייטיקער פעדער־קינסטלער, ביי וועמען עס בולטן זיך באַזונדערס אַרויס צוויי טריישאַפטן. אַ טריישאַפט צו מענטש און אַ ליבשאַפט צו וואָרטלעכער און פּלאַסטישער קונסט.

די ביכער „פּען־פּראָפילן" און „ישראל־קינסטלער", זענען דאָס גרויסע כישוף־מעשהלע פון אַן עסייאיסט — וואָרט, פאַרב און סקולפּטור. מען קאָן נישט וואַרטן לאַנג נאָכן איבערלייענען גבריאל ווייסמאַנס ביכער, מען מוז גלייך אַרויסטעמען דעם איבערגעלעבטן פאַרגעניגן; פּונקט ווי דאָס האַרץ דערלויבט נישט אויף לאַנג אָפּצושטעלן דעם אָטעם...

דער שרייבער ברויזט מיט אַן איבערראַשנדיקער שפּראַכשיינקייט, סיי אין זיינע קינסטלערישע אָפּהאַנדלונגען וועגן שרייבערס און דיכטערס, סיי מיט זיין מיט פיל קענטעניש־פּאַרטיפטן און ענטוזיאַסטישן אויפוויקלען די סודות פון פּלאַסטישער קונסט און ס'אַרויסברענגען דעם מהות פונעם קינסטלער.

כ'בין זיכער, אַז עס איז נישט בנמצא קיין לייענער, וואָס זאָל נישט זיין פאַסצינירט פונעם רייך־אילוסטרירטן בוך „ישראל־קינסטלער" פון גבריאל ווייסמאַן. דער אינטעלעקט און דער עמך־מענטש געפינט דאָרט דעם „עפּעס", וואָס וועקט אינטערעס און באַוווּנדערונג סיי צו די באַהאַנדלטע קינסטלערס, וועמען ער האָט פאַרן שרייבן די עסייען באַזוכט, געענישטערט מיט אַ געניט אויג אין יעדן שטריכעלע און אין יעדן פאַרבנפלעק פונעם געגעבענעם בילד, וואָס ער האָט איינגערעמט צווישן זיינע שורות. אויך דער אינפאָרמאַטיווער טייל איז אַ ווערטיקע דערגאַנצונג צום „ווער־איז־ווער". גבריאל ווייסמאַן, ווי געזאָגט, גייט פריער אין

די אַטעליעס כדי אַריינצונעמען אין זיך אַלע די שיינקייטן, איידער ער „רעפּראָדוצירט" דאָס בילד. שאַפנדיק, אַזוי אַרום, אַ דורכאויסיק ריינע לופט — טראָץ דעם, וואָס פאַרב פאַרמאָגט אַ שפאַרע דאָזע כעמיקאַליען... אויב איך זאָג ריינע קונסטלופט, איז דאָס געמיינט: דאָס דערהייבן די קונסט צו סובלימקייט.

גבריאל ווייסמאַנס שרייבן איז שווער צו קלאַסירן ווי קונסטקריטיק. ער איז פשוט אַן ענטוזיאַסט פון וואָרטבילדער מיט אַ קאָמפּעטענטן אַריינבליק אינעם אָרביט פון יעדן איינעמס שאַפונג — און דערמיט ווערט ער אַ שותף צו יענעמס יצירה. כדי איבערצוגעבן דעם לייענער דעם מאָלערס מהות, פאָרשט ער זיין אינספּיראַציע, זיין אויפכאַפּן דעם מענטש, די נאַטור, מיט זיין עקספּרעסיע אָדער אימפּרעסיע.

מען זיצט אין דער היים און מען געניסט פאַמעלעך. מען דעלעקטירט זיך פונקט אַזוי מיטן קינסטלערס שאַפונג ווי מיטן וואַרעמען אָטעם פון אויסטייטשער, ווייל פון זיינע רייד פאַלט אַ ליכטשטראָם אויפן בילד און ס'גיבן אַ שפּיל די פאַרבן, וואָס גבריאל ווייסמאַן האָט געזען און געלערנט ווי נאָטן, און מען הערט זיך צו צו זייער מוזיק... עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז דער שרייבער מוז האָבן אַ פּרעציזע אַקאַדעמישע אויסבילדונג כדי אַזוי צו שרייבן וועגן קונסט. דעריבער לייענט מען זיינע אַרבעטן אונטער אַ כסדרדיקער באַגייסטערונג.

ווען כ'זאָל אַראָפּשרייבן די אָנגעוואָרפענע ווערטער אויף די ראַנדן פון בוך, וואָלט זיך באַקומען אַ גרויסער בויגן מיט סופּערלאַטיוון פון אָט די מאַרגינאַלע פאַרצייכענונגען. ווייל ער פאַרקערפּערט אַלע זיינע פאָרגעשטעלטע פיגורן, סיי פון דער סקולפּטור, סיי פון דער צייכענונג, ווי פון דער פאַרבן־גאַמע, מיט אַזאַ נאָענטשאַפט, ווי ער אַליין וואָלט געווען זייער פּראָפעסאָר.

ערגעץ־ווו האָב איך געלייענט אין פראַנצייזיש אַזאַ קלאַסישן זאָג: „דער דעליקאַטסטער זשעסט איז דער, וואָס מען פאַרשאַפט דעם אַנדערן". און ווייל ס'איז שוין אַזוי פיל געזאָגט געוואָרן, אין באַגייסטערטע אָפּרופן, לכבוד דעם פאַרליבטן אין עסטעטישע ווערטן, צו וועלכע ער ווידמעט

זיך מיט האַרץ און נשמה, און די עלעמענטן שפּאָרן אַזש אַרויס פון זייגע צווי ביכער, שטעל איך זיך אָפּ בלויז אויף דעם צווייטן. 39 קינסטלערס און קינסטלערינס זענען רעפּראָדוצירט אין אָט דעם בוך. נישט קיין נעמען וועל איך דאָ אַרויסכאַפּן, ווייל אַז מען הייבט אָן אויסרעכענען נעמען און מען ענדיקט מיט דער שאַבלאָנער פאָרמולע „און אַנדערע", איז עס נישט מער ווי אַ שטרויכלונג, וואָס באַליידיקט. דעריבער היט איך זיך אויס דערפון און שיק אָפּ צום ווערק פון מחבר גופא.

כ׳וויים נישט צי ס׳וועט זיין אַן „אויפטו" צו זאָגן בקול רם אַ סוד, וואָס כ׳האָב איצט די געלעגנהייט צו אַנטפּלעקן פאַרן שרייבער און פאַר די לייענערס: גבריאל וויסמאַנס פּעדער פאַרשאַפט מיר שוין אַ סך יאָרן פּיל פרייד דורך די „לעבנס-פּראַגן", ווו ער איז דער ליטעראַרישער רע־דאַקטאָר. יעדעס מאָל ווען איך דערהאַלט דעם דערמאַנטן זשורנאַל און טרעף זיך אָן אויף גבריאל וויסמאַנס אַ מאמר, באַהאַלט איך דעם זשורנאַל מיט אַ שמייכל. זאַמלען דרוקזאַכן איז ביי מיר אַ ליידנשאַפט פון מיין פריסטער קינדהייט אָן. ווי נאָר כ׳האָב אָנגעהויבן לייענען האָב איך גע־זאַמלט מציאות... איך בין נישט געגאַנגען ווייט זיי צו געפינען, ווייל ביי אונדז אין הויף (אין וואַרשע) איז געווען אַ דרוקעריי און איך בין גע־שטאַנען שעהען לאַנג און אַראָפּגעקוקט מיט באַגייסטערונג צו דעם קע־לער, אויף דער מאַשין, וואָס וואַרפט מיט אַ גרויסן גאָפּל פריש געבאַקענע, אָפּגעדרוקטע בויגנס. פרייטיק פלעגט מיין מאַמע מיך שיקן אין דער דרוקעריי נאָך אַ ביסל מאַקולאַטור אויסצולייגן אויף די פריש־געוואַשענע פּאַדלאָגעס... נאָר איך האָב דאָרט פריער געשעפּט ווי פון אַ גאָלד־גרובן. די דאָזיקע אַסאָציאַציע איז מיר געקומען בשייכות מיטן באַהאַלטן דרוקוואַרג. איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געאַנט, אַז מיין בלוט וועט ווערן אויסגעמישט מיטן בלוט פון בליי...

קום איך נאָך דער דיגרעסיע צו מיינע אָנגעזאַמלטע זשורנאַלן און אַנדערע געדרוקטע שמות, וואָס כ׳האָב אָנגעקליבן ווי אַ קאַרגער גאָלד־שטיקלעך. איך האָב טאַקע מער נישט געקאָנט זיך אומקערן צו דעם געלייענטן; ווי איז דאָס מעגלעך, צוליב דעם כסדרדיקן צופלוס פון זשורנאַלן פון דער וועלט, און באַזונדערס — ביכער אויף ביכער? ביז

ס׳איז אויסגעוואַקסן ביי מיר אַ באַרג — נאָר, אַז עס גייט שוין אין מיין לעבן, האָב איך גערופן די „גיכע הילף״ פון דער נאַציאָנאַלער ביבליאָ־טעק אין פּאַריז און נישט מיט קיין לייכט האַרץ אַוועקגעשענקט דעם אוצר; כ׳האָב זיך אָבער געטרייסט, וואָס דאָרט ווערט עס איבערגעלופּ־טערט, געזונט געמאַכט, און אויסגעסדרט אין אַ ספּעציעלן זאַל אונטער דער השגחה פון דעם פּאַריזער עסייאיסט, דר. נח גריס. איצט ליגן גבריאל ווייסמאַנס ביכער אין מיין ביבליאָטעק הינטער גלעזערנע טירלעך.

ס׳איז באַקאַנט, אַז דער מחבר פון „פאַוסט״ וואָלפגאַנג געטהע, האָט פאַר זיין אייביקן שלאָף אויסגערופן: „מער ליכט״, וואָס האָט געזאָלט אויסדריקן סימבאָליש, מער וויסן! לאָמיר דאָס פּרוּוון פּאַראַפראַזירן איי־דער אונדזערע אויגן שליסן זיך: — מער ליבשאַפט אין דער צווישנ־קינסטלערישער באַציאונג, אַזוי ווי מיר געפינען דאָס מיט לויב און יראת־הכבוד ביים שרייבער גבריאל ווייסמאַן.

אויף ליטעראַרישע טעמעס

אַן ענטפער דעם מיטרעדאַקטאָר פון „פּראָבלעמען" יוסף לודען

יצחק באַשעוויס־זינגערס באַלוינט ווערן מיט דער העכסטער אויס־צייכענונג פון נאָבעל־פּרייז, איז שוין געוואָרן אַ גייסטיקע קייגומע... דער עיקר ביי דער יידישער קריטיק. איך מיין, אַז מיין שרייבן אויף דער טעמע וועט נאָך זיין אַקטועל. איך בין געווען דווקא צופרידן פון דעם אינטע־רעסאַנטן מאמר פון שרייבער יוסף לודען, וועמען איך האָב אינטספּירירט מיט איינצלנע שורות פון מיינס אַ בריוול. ער האָט אַרויסגעבערנגט פון דער פאַרגאַנגענהייט שרייבערס, מאָראַליסטן און קעמפערס פאַר שיינע אידעאַלן. מיינע פאַר ווערטער האָבן אפשר אויך אויפגערעגט זיין קעגנער־שאַפט צו דעם מייסטער פון געדאַנק, שפּראַך און סטיל, יצחק באַשעוויס־זינגער.

דאָס שרייבט אַן אומפּאַרטייאישער מענטש צו אַ קאָנסעקווענט־אי־בערצייגטן פּאַרטיי־מענטש, אַן אַנאַרכיסט און ערלעכן אידעאַליסט, (אַלע אידעאַליסטן זענען ערלעך). איך ווינטש אים נאָר ער זאָל געווינען די שלאַכט אַן קרבנות און אַנטוישונג. אַנאַרכיזם האָט דאָך אָבער נישט דעם רייך מענטשלעכן פּלאַן לויטן רוסישן פונדאַטאָר באַקונין. מען מוז דאָך נישט דווקא אַנקומען צו דער ענציקלאָפּעדישער באַצייכענונג, אַז אין אַנאַרכיע איז פאַראַן אַ קרימינעל־פאַרברעכערישער פּראָגראַם אויך. אַ ביי־שפּיל גיבן דאָך אונדז די איצטיקע בלוטיקע שלאַכטן אין דער וועלט!

דער שרייבער יוסף לודען האָט אין זיינע אַרויסגעבערנגטע געדאַנקען, אויך אַנגערירט אייניקע פּראָבלעמען. שטעל איך דעם ערשטן פראַגצייכן: צי דאַרף ליטעראַטור זיין בלויז שליחות? צי לעבן אַלע שליחים און

אידעאָלאָגן בלויז פון לופט, צי דאַרף אַ שרייבער, וואָס גיט אַוועק זיינע כוחות און נשמה ביים שרייבטיש, צי ביים לייענען יענעמס ווערק און שאַפן אייגענע, זיין אַ מאַרטירער און נישט האַלטן זיין שרייבן ווי אַ פּראָפעסיע, פון וואָס ער זאָל קאָנען לעבן?

קיין שום זשורנאַל קאָן זיך נישט אויסהאַלטן אָן הילף און קאָן נישט עקסיסטירן אָן מיטאַרבעטערס און אָן לייענערס. מאַכט מען דעריבער עפנטלעכע רופן און בריוולעכע. פאַרן שרייבער מאַכט אָבער קיינער נישט קיין ווענדונג פאַר זיין פאַרדינטן האָנאָראַר, וואָס אים קומט! ס'איז אַ באַקאַנטער, אַנגעוווייטיקטער ענין — און דאָס צוליב אַנדערע טעמים אויך, ווייל טייל רעגולערע און פאַרמעגלעכע שטיצערס ווילן אויך ווערן שרייבערס אויף דער עלטער... דאָס וויל זאָגן, אַז זייער כבוד שטעקט אין טאַש — און גיט מען עפּעס פון אַ גראַפאָמאַניע, דעגראַדירט מען דעם ווערט פונעם זשורנאַל.

פאַר וואָס זאָל מען נישט געבן קיין פּרייזן פאַרדינסטפולע שאַפערס — ווי יוסף לודען ווארפט דאָס פאַר? דאָס איז דאָך אַ מין פאָרעם פון שטיצע צו דערמוטיקן און גלייכצייטיק דערמאָנען און באַערן טייל מאָל אַ ווערטפולן נאָמען פון דעם, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ ירושה דערפאַר!

טראָץ דעם, וואָס אַלפרעד נאָבעל איז געווען דער דערפינדער פון דינאַמיט און אַנדערע אויפרייסשטאָפן, וואָס דינען די מלחמה־צינדערס, האָט נאָך קיינער זיך נישט אָפּגעזאָגט פון דעם גרויסן כבוד; (מיט איינצעלנע אויסנעמען). אויך נישט עגנון און נעלי זאַקס, פאַר וועמען דער פּרייז איז געווען צעטיילט.

קריטיק פונקט ווי לויב מוז האָבן די געהעריקע מאָס. מען מוז דאָך צוגעבן, אַז דאָס געפיל פון קנאה באַהערשט די גאַנצע שרייבערישע וועלט!

צי וואָלט דער גאַנצער טומל פון קאָנגרעסן, צוזאַמענפאָרן לכבוד דאָס אויפלעבן די יידישע שפּראַך און קולטור, שוין געווען, ווען דאָס ווערט נישט באַגלייט מיט אויסצייכענונגען? — אַוודאי זענען געווען ווערטיקע שרייבערס און מענטשן, וואָס זענען לײדער געווען מאַרטירערס! צי דאַרף דאָס זיין אַ רוף צו דער היינטיקער וועלט צוריקצוגיין צו יענעם נעבעכדיקן מצב?

דער חשובער רעדאַקטאָר, יוסף לודען שרייבט: „יעדע שעדלעכע ליטעראַטור ווירקט אַמבעסטן אויף נאַראָנים און אַזעלכע פעלן נישט ביים פאָלק". דאָס זענען די, וואָס יאָגן זיך נאָך אַ „פריש" דערשינענע בוך, אַנשטאָט נאָך אַ גוט בוך".

פון וואַנען זאָל מען דאָס וויסן, אַז דאָס „פריש" דערשינענע בוך איז אַ שלעכט בוך — נאָך איידער מען לייענט עס? —

כ'האָב נישט געהאַט קיין רבין אין מיין לעבן, וואָס זאָל מיך באַאיינפלוסן צו דינען אַ פּאַרטיי. אין פראַנצייזיש זעצט דאָס זיך קלאָר איבער: „פּאַרטי פּרי" — איינליניעדיק; אַ רעזאָלוציע פון איין קאָמפּאַקטער גרופּע קעגן דער אַנדערער. אַלע אידעאַליסטן שטרעבן צו פאַרווירקלעכן זייערע אידעאַלן אין דער קעגנוואַרט. אידעאַליזם און מאָראַל זענען הערלעכע באַגריפן אין דער פאַנטאַזיע. עס מישן זיך אָבער אַריין אַ סך פאַקטאָרן, וואָס צעשטערן דאָס אין דער פּראַקטיק. מיר קענען די אַלטע טעאָרעטישע כללים, וואָס זענען צום באַדויערן כסדר אַקטועל: „יושר זאָל זיין — ווען עס זאָל אַפילו דערפאַר בלוט זיך גיסן".

דעם נאַטוראַליסטס און פיזיאָלאָגס שאַרל דאַרווינס זאָג: אַז „אין דער נאַטור איז מאַכט רעכט" האָט ער דאָך איבערגעטראָגן אויף דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. די דאַזיקע טעאָריע עוואָלואירט דאָך צו מאַכט, באַדיי אַ וועלט צו צעשטערן. דער גרעסטער ביישפּיל איז דאָך די אָקטאָבער־רעוואָלוציע! „דער ציל הייליקט די מיטלען" איז אַ טעראָריסטישע לאָזונג פון אַלע מינים פאַנאַטיקערס, ראַסיסטישע אָדער רעליגיעזע פון וואָס די ברייטע וועלט איז באַהערשט. דער מענטש איז גיריק נאָך מאַכט און כבוד!

אין דער עטיק פון שפּינאָזאַ איז פאַראַן אַזאַ זאַץ: „גאָט האָט זיך אַליין ליב מיט אַן אומענדלעך אינטעלעקטועלער ליבע". דאָס סימבאַליזירט דאָך דעם מענטש און זיין אייגנליבע! מיר האָבן לײדער אַזוי פיל ביישפּילן דערויף. לאָמיר נעמען, עוזר העשל באַנעט, די הויפּטפיגור פון באַשעוויסעס „פאַמיליע מושקאַט", וואָס איז פון אַ ישיבה־בחור געוואָרן אַ פאַרניינער פון אַלע געבאָטן און פאַרבאָטן. אַ ברויזנדיקער נאָך תאווה און

אייגן־גליק. ווי טיף מענטשלעך מיט אַלע סתירות האָט דער שרייבער גע־שילדערט דעם דאָזיקן פילאָסאָף — און דאָס קאָן דאָך טאַקע זיין נישט קיין אַנדערער ווי אַ טראַנספאָרמאַציע פון זיך אַליין, יצחק באַשעוויס־זינגער.

אַ טייל האָט טענות צו באַשעוויסן, וואָס ער האָט געוויזן דאָס יידישע פאָלק אין אַ קרומען שפּיגל. די גרעסטע טייל פון דער וועלט, אַריינגע־רעכנט די יידישע, זאָגט דאָך אָבער פאַרקערט, אָביעקטיוו. ער האָט דאָך אין זיינע ווערק פאַר יעדנס געשמאַק און די לעקטור מאַגנעטיזירט דעם לייענער, דערפאַר זענען די ביבליאָטעקן אויסגעליידיקט פון זיינע ביכער. מען מוז דאָך צוגעבן, אַז ער איז אַ גרויסאַרטיקער טאַלאַנט; אויף דעם איז דאָך אַן עדות זיין גרויסער שאַפערישער כוח, סיי אין כמות, סיי אין איכות. צי זענען דען נישטאָ ביים יידישן פאָלק (מילד גערעדט) קיין אומ־סימפּאַטישע מענטשן?

ווער האָט דאָס רעכט צו דיקטירן אַ שרייבער, וואָס ער זאָל באַ־האַנדלען אין זיינע ווערק? אַז ער זאָל אידעאַליזירן אָדער אידעאַליזירן די פיגורן פון זיינע ווערק? נישט יעדער וויל אָננעמען די חתימה, אַז מיר זענען אַן אויסדערוויילט פאָלק.

מיין אָביעקטיווע אָפּטיק וואַרפט אויך אָפּ די עקסהיביציע פון איבער־טרייבן סעקסאָמאַניע, אָבער דאָס דאָמינירט דאָך נישט אין אַלע ווערק ביים שרייבער, וועגן וועלכן עס גייט אַן אַזאַ אינטענסיווע פעדערשלאַכט! ער איז דאָך כמעט אַ צדיק אַנטקעגן דער מאָדערנער ליטעראַטור אין פּראָזע און אין פּאָעזיע, ווו דער פּירהאַנג איז אַוועקגעריסן... מיר זענען טאַקע נישט געוווינט דערצו. אונדזער אויער איז נישט פּערווערז, נייערט עס ווערט געוווינט — און מען האַלט פאַר נאַטירלעך, אַז אַ פאָטער, אַ מעדיצינער, נעמט אָפּ ווי אַן אָקושער ביי זיין נישט פאַרהייראַטער טאָכטער דעם ממזר, דאָס איז אַ פאַקט!

דער דיכטער און קריטיקער נ. ב. מינקאָוו האָט געשריבן צו ש. ני־גערן: „אידעאַליזירן אָדער מינימיזירן איז נישט גאָר שווער. שווער איז טאַקע צו זיין גערעכט. שווער איז צו געפינען יענע מדרגה אָביעקטיווי־

טעט, וואָס זאָל זיין פּשוט פאַרשטענדלעך און באַפרייט פון דעם עמאָציאָ־נעלן פלאַם. ווארעם בלויז דער עמאָציאָנעלער באַלאַסט (באַגייסטערונג אָדער אין כעס ווערן) שטערט צוצוקומען צום אמת״.

אידעאָלאָגישע „גלייכשאַלטונג״ איז טאָטאַליטאַריזם! אַ פאָלק און יעדער יחיד מוז האָבן זיין פרייהייט זיך אויסצודריקן לויט זיין ווילן. ער מוז נאָר דער עיקר האָבן טאַלאַנט און דאָס איז שוין דער פּרעווענטיוועער צוזאָג אויף דערפאָלג און כבוד, וואָס דערוואַרט אים. נישט אַלע מאָל איז פאַראַן קונסט דאָרט, ווו ס'איז פאַראַן עטיק און מאָראַל אין דער בעלעטריסטיק; ס'איז באַשטימט אַ באַזונדערער פלוס. ס'איז מיר אויך באַקאַנט איבסענס דראַמע, „אַ שונא פון פאָלק״, דער דאָקטער, דער פאָלקסמיטאָס. אָבער מען דאַרף נישט אונטערשטרייכן, אַז נאָר די אַנאַר־כיסטן זענען ריין אין זייערע נשמות. מאָראַל בכלל איז נישט קיין קרי־טעריע פאַר ליטעראַטור־קריטיק. —

ווען כ'בין געווען אַ יונגע שילערין האָב איך געלייענט טאָלסטויס ווערק „אַננאַ קאַרעינינאַ״, איז עס מיר געבליבן איינגעקריצט אין זכרון. כ'האָב שפּעטער געלייענט „מלחמה און שלום״ און „תחית־המתים״ און כ'קאָן נישט זאָגן דאָס זעלביקע, וואָס פון דער פאַמיליען־טראַגעדיע, „אַננאַ קאַרעינינאַ״. עס דערמאָנט מיך אין גוסטאַוו פלאָבערס, „מאַדאַם באָוואַרי״.

***

כ'האָב אַמאָל געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן מאַנגערס „מדרש איציק״ און מיט באַגייסטערונג גערעדט וועגן זיין פּראָזע. האָט מיר אַ פּרומער פאַרזיצער געמאַכט אַ שאַרפן רעפליק, אַז מאַנגער קייעט טשוועקעס און האָט אַ תל געמאַכט פון תנ״ך... אין דער אמתן האָט דאָך מאַנגער געשאַפן פאָלקסמענטשן, נאָענט צו אונדז. ער האָט די אַרכאַאיש־פאַרהיי־ליקטע פיגורן סטיליזירט ווי אַ קינסטלער.

אַ לויב דער דעמאָקראַטיע, ווו מען קאָן אויך האָבן אַן אָביעקטיווע מיינונג וועגן קונסט!

יעקב גלאַטשטיין האָט אַראָפּגעריסן חיים גראַדעס ווערק: „צמח

אַטלאַס" זאָגנדיק דערויף, אַז ס'איז נישט מער ווי אַ רבנישער טראַקטאַט. אויך אויף פּאַסטערנאַקס "דר. זשיוואַגאָ", האָט דער אומשטאַרביקער חכם, דיכטער און קריטיקער, יעקב גלאַטשטיין געזאָגט, אַז ער וואָלט אַרויס־געוואָרפן אַ דריי הונדערט זייטן פונעם בוך. (אויך אַ געקרוינטער נאָבעל־פּרייז־העלד, וואָס האָט צוליב דער "אַקאַדעמישער" דיסקרימינאַציע פון די צענזאָרן און דעם שרייבערס קראַנקייט, דעם פּרייז נישט אָפּגע־נומען).

אברהם טאַבאַטשניק, דיכטער און קריטיקער, האָט געזאָגט וועגן דער שיינער און גרויסער פיגור, מלך ראַוויטש, אַז ער האָט "אַ סך קינסטלע־רישע דערגרייכונגען און אַ סך נאַרישקייטן אין זיינע שפּינאָזאַ־לידער". פון דעסטן זענען די אַלע אויסגערעכנטע שרייבערס און דיכטערס גע־בליבן און בלייבן אין דער ליטעראַטור ווי גרויסע פּערזענלעכקייטן, אַריינ־גערעכנט אויך דעם קריטיקער יעקב גלאַטשטיין.

יצחק באַשעוויס־זינגער איז אַרויף אויף אַזאַ מדרגה, אַז דאָס אַרויס־ברענגען זיינע חסרונות (מע קאָן זיי ביי יעדן געפינען) וועט אים שוין גאָרנישט שאַדענען און אונדז יידן אויך נישט. אויסוואָרפן און אַנטיסעמיטן זענען אַלע מאָל געווען און דער נעאָ־נאַציזם אָדער אַנדערע שונאים פון יידישן פאָלק האָבן נישט געוואַרט אויף דעם באַווייז פון אַ יידישן איב־טעלעקטואַל אויף צו באַרעכטיקן זייער העץ־קאַמפּאַניע און שונדישע ליגנס. י. באַשעוויס־זינגער איז שוין סיי־ווי־סיי געוואָרן אַ שטיק לעגענדע. ער האָט זיך זיינס פאַרדינט — און נישט קיין קרוין פון דערנער. זינגער איז גרויס אויך אין זיין קליינער אַלעגאָרישער דערציילונג ווי "קוקעריקו" אָדער דער גרעסערער נאָוועלע: "משוגע און מטורף". אין דעם באַשאַף וואַקסט ער אויס אין מיינע אויגן צו אַ וואַלטער. אין דער סורעאַליסטי־שער נאָוועלע, פול מיט אימאַזשינאַציע, חכמה און אָריגינאַליטעט באַ־האַנדלט ער די אייביקע פּראָבלעמען פון דער מענטשלעכער נאַטור צו וועלן הערשן און פאַרניכטן — און נישט זיין באַהערשט.

דאָס אויג פון גלויבן אין אמת דאַרף האָבן אַ ליופּע — און דאָס וועט אויך נישט העלפן, ווייל יעדער האָט זיך זיין "אמת", וואָס ער זוכט אַרויפצוצווינגען אויף אַ צווייטן.

דער נאָבעל־פּרייז־טרעגער יצחק באַשעוויס־זינגער, וועט בלייבן אַ צייל אין אונדזער ליטעראַטור. אַ דאַנק זיינע פּרעמד־שפּראַכיקע ווערק וועט אַ גרויסער טייל פון דער יידישער אָפּגעפרעמדטער יוגנט זיך באַקענען, נעענטער ווערן צום יידישן פאָלק און זיך באַציִען מיט מער דרך־ארץ צו זיין יידישן אָפּשטאַם און צו דער גאַנצער יידישער קולטור. דעם פּאָר־נאָגראַפישן טייל, וואָס מען וואַרפט אים פאָר, איז ביי דער יוגנט גאָר צניעות... ער קאָן נאָך ביי דער היינטיקער וועלט נעמען לעקציעס פון דראַסטישע סעקסועלע אַקטן.

ס׳איז געוווּנטשן פריער אַדורכצופירן אַ גרינטלעכע רעוויזיע פונעם שאַפן פון אַ נאָבעל־פּרייז־טרעגער — און נישט פריער זיין איינזייטיק און מאַכן פון אים אַ תל.

***

ווען כ׳בין געווען אַ שילערין פון עלף אָדער צוועלף יאָר, האָב איך אַרויסגעברענגט דעם געדאַנק אין מיינער אַ שולאַרבעט, וואָס כ׳וועל היינט איבערחזרן: מען דערשאַצט נישט ביים לעבן די אַלע, וואָס האָבן די ווערט — מען באַדויערט זיי שפּעטער מיט איבערגעטריבענע הספדים.

— 2 —

די מאָראַל־לערע פון אַ ראָמאַן

אין שייכות מיטן בוך „אויף די פראַנטן פון לעבן״

פון יוסף לודען

מע זאָגט: פאַרטראַכטן אַ ראָמאַן. אַ ראָמאַן, דאָס מיינט אַ סינטעטי־שער פּרעסק פון איבערלעבונג אין אַ געפלעכט פון אימאַזשינאַציע. ס׳קאָן אויך דאָמינירן אַן אייגענע אידעאָלאָגיע, וואָס איז דער פאַל אין דעם בוך.

פון וועלכן ס'טראָגט זיך אַ וואַרעמע איבערצייגונגס־פעאיקייט פון שטרע־בונגען פאַר וועלכע מען אָקערט אַ לעבן לאַנג — און וואָס איז נאָך אינ־טערעסאַנטער, אַז מע קאָן דאָס אַרויסברענגען אין אַ בוך ווי אַ פּערזענלעכע געליבטע... מען מוז נישט פאַר אַ ראָמאַן דווקא האָבן סעקסיזם! די אידעע אַליין טראָגט שוין אין זיך די זוימען פון אַ ראָמאַן פאַרקערפּערט אינעם צענטראַלן העלד יונה. וואָס ברענגט אונדז אויטאָביאָגראַפישע אָפּ־שניטן פון עפּאָכעס און פראַגמענטן פון „די פראָנטן פון לעבן". דווקא דער צענטראַלער העלד, דער יונגער פראָנט־קעמפער, אַרבעטער און פאַר־ביכערטער מענטש, לעבט אַליין אויך נישט פון עולם הבא... אַ סענטי־טיווער און סענטימענטאַלער, פאַרליבטער אין מענטשלעכער שיינקייט — און דאָס אין ברייטן זין פון וואָרט — ברענגט ער אַרויס אַ גאַלעריע פון מענטשן, טיפּן און כאַראַקטערן, וואָס זענען ווערט געווען די טאָוולען פון דעם בוך.

***

אַזוי ווי די צייט זיצט נישט מיט פאַרלייגטע הענט און טרייבט די רעדער — און אַנדערע ביכער און מחברים וואַרטן מען זאָל זיך אויך פאַרנעמען מיט זיי, טאָ זאָל מיר יוסף לודען, (וואָס טראָגט שוין שיינע יאָרן דעם לאָדן פונעם ישראל־זשורנאַל „פּראָבלעמען", בשותפות מיט שמחה האַמבורג) מוחל זיין, און אָפּוואַרפן די קריטעריע פון: „אַלץ אָדער גאָרנישט", נאָר אָננעמען מיין קורץ וואָרט מיט ערלעכער אָנערקענונג פאַר דער הנאה, וואָס זיין בוך פאַרשאַפט.

„אויף די פראָנטן פון לעבן" שטעלט פאַר: ליידן און ווייען, מלחמות און חורבנות, לענדער און מענטשן. דער מחבר גראַוויטירט אַרום דער אידעע פון סאָציאַליזם־אַנאַרכיזם — אינעם שענסטן זינען פון דעם באַ־גריף! (אַלע חלומות זענען שיין, ווען מען גרייט זיך צו צו זיי ווי געהעריק). ער פּרוווט און עס געלונגט אים ווי אַ בעל־חלומות, וואָס אָקערט אַרום דער וואָר פון לעבן און ווייזט אָן ווי מען קאָן טריוואַלאַריזירן, פאַרדרייוועוטיקן פעלקער, ראַסן און מענטשן. אַוודאי רוקט זיך אונטער אַ פראַגע: צי קאָן

נאָך אַרויסקומען אין אונדזער פאַרשאָלטענער צייט, אַזאַ מענטשן־פאַר־ברידערונג? — מיט איין וואָרט, דער שרייבער פּרעדיקט אויסצוגלייכן דעם הויקער פון דער וועלט אין וועלכער אַ טייל לעבט אין מאַטעריעלן ווילטאָג און די אַנדערע זענען שקלאַפן, קרבנות. ס׳איז אַן אַלטע געשיכטע אין וועלכער די קעמפער ווערן ליידער באַקעמפט דורך רייכטום און מאַכט, אָדער זייער לעבנסקאַמף ווערט פאַרראַטן דורך אייגענער אוטאָפּיע.

דאָס בוך האָט זוכה געווען אָנצופירן מיטן לייענער און באַצווינגען אים, נישט אַרויסצולאָזן פון האַנט דעם רייך־אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל. באַזונדער זענען אינטערעסאַנט די דרייסטע און פּאַסיקע אָנגעוואָרפענע פּילאָסאָפישע געדאַנקען, אַרומגעזוימט מיט אייגענע רעפלעקסיעס, וואָס עקזאַלטירן דעם מענטש צו גערעכטיקייט און דרך־ארץ צו זיינס גלייכן. דערביי טראָגט ער אונטער אַ זעלטן גוטע מאָטיווירונג מיט אַ שיינעם עפּיזאָד, ווי אַזוי מען דאַרף זיין געבונדן מיטן אייגענעם מין און בכלל מיט יענעמס לעבן — און דאָס איז דווקא אילוסטרירט מיט דעם היימישן באַשעפעניש, וואָס מען אַדאָפּטירט ווי אַ פאַמיליע־מיטגליד... אַ קעצל זעט ליגן אין מיטן וועג אַן איבערגעפאָרענעם ברודער אָדער שוועסטער־קאַץ, וואָס מען האָט געלאָזט ליגן אויף הפקר אין מיטן וועג, און שלעפּט זי אַוועק, דיקטירט פון דער חיהשער פליכט, אַז ס׳זאָל איר שוין מער קיין שלעכטס נישט געשען. אַן אינטערעסאַנטע און פיין־פילנדיקע אָבסערוואַציע.

**
*

מיר דאַכט, אַז ס׳איז אַ ביסל איבערגעטריבן — כאָטש אין דער מאָדע — די געשלעכט־באַציאונגען, די פּלאָג פון זנות. פאַראַן פּראָסטיטוציע, וואָס פירט דורך אַ פאַראַדנעם אַריינגאַנג; דאָס אַראָפּרייסן דעם פירהאַנג און אַרויסברענגען אויף אַזאַ ביליקן אופן דאָס פאַרקויפן דאָס יונגע פרויען־לייב און ביי יעדער געלעגנהייט איז טאַקע נישט קיין טאַדלונג צו באַשולדיקן די אָרעמע פרוי, וואָס פאַרשוועכט די נישט צניעותדיקע פאַמיליע־מאָראַל. דאָס בילד פון נויט איז ספּעציעל אויסגעשניטן אין די מיזעראַבלע באַדינגונגען ביים איינפלאַנצן זיך אין מדינת

ישראל. דער רויער רעאַליזם פון די דאָזיקע זייטן פון בוך, איז שווער צו פאַרדייען... מען זעט דעם פּסיכאָז פונעם מאַסן־פּאַרנאָ, וואָס גיט אַ דראַסטישע אָפּשפּיגלונג אויך פון סאָציאַלער נישט גלייכקייט.

יוסף לודען אַנטפּלעקט און סובלימירט מענטשן, אַפילו אין מיטן די רציחות פון היטלעריזם און קאָמוניזם. ער ראַטעוועט אָפּ אַ דייטשיש מיידל פון אַ גוואַלדטאַט, אַרויסרייסנדיק זי פון די לאַפּעס פון שונא. זי רופט זיך אַנדזשעלאַ און פאַרליבט זיך אין איר רעטער יונה, וואָס דינט איר ווי אַ דערפאַרונג, אַז מען קאָן זיך לערנען מענטשלעכקייט ביי דער „אומרייינער ראַסע פון יידן". די ליבע צו איר יונגן רעטער, וואָס פאַר־לאָזט דייטשלאַנד איז אַ קעגנזייטיקע מיט וועמען זי איז גרייט צו טיילן איר יונג לעבן, לאָזט איבער אַ האַס צום דייטשן מערדערטום. זי רעוואָל־טירט מיטן פאַרבינדן זיך שפּעטער מיט אַ יידישן בחור. אַ געשפּאָלטענע נשמה, אַ קרבן פון דייטשן „פירער", וואָס איז ביי יעדער געלעגנהייטלע־כער ליטאַניע, פאַרגעטערט געוואָרן מיטן באַגלייט־אויסרוף: „הייל היט־לער".

פאַראַן אַ פראַנטאַלער טייל פון בוך, וואָס פירט אין די פאַראַדנע אַריינגענג פון גייסט, פון אַ שטרעבן צו קולטור, וויסן און פּסיכאָלאָגיע פון מענטש. דאָ פינקלט אַרויס פונעם ראָמאַן ווי אַ ווערטפולע פיגור, אַ קוועקזילבערדיקער פּרויען־כאַראַקטער. אַן אָפּגעראַטעוועטע פון אַ גהי־נום־לאַגער, ווערט זי געטריבן פון ווינטיקן לעבן ווי אַ שטיק פלאַקער פון יענעם דאַרטן... זי פאַרבינדט זיך אויף דער יידישער ערד מיטן קיבוצניק יונה. צו ערשט לאָזט זי אונטער זיין אויפזיכט אירס אַ מיידעלע, פאַרט קיין אַמעריקע שטודירן פּסיכאָלאָגיע, שפּעטער מאַכט זי אים פאַר אַ לעגיטימען טאַטן און ברענגט פון אים אויך אַ קינד אויף דער וועלט. ווערט שוין אַ פאַמיליע־נעסט מיט צוויי קינדער פון וועלכער עס יאָגט אַ וואַרעמער ליבע־אָטעם פון געמיינזאַמען פליכט־באַוווסטזיין אין אַן אַטמאָספער פון קולטור מיט אָפענע טירן פון אַ היים פאַר אינטע־ליגענץ.

אַ שאָד, וואָס דער ראָמאַן האָט נישט געהאַט קיין גענוגנדיקן קאָ־רעקטור־קאָנטראָל.

די הילע פון בוך איז געלונגען געצייכנט פון דער — אין פּאַריז באַקאַנטער — מאָלערין האַלינאַ אָלאָמוצקאַ, וואָס האָט זיך באַזעצט אין ישראל.

„אויף די פּראָנטן פון לעבן" איז אַ בוך — אַ רוף־מאַניפעסט, אַן אַלאַרעם־גלאָק נאָך זויערשטאָף צו ברידערלעכקייט — פאַר אַן אַליאַנס צו פעלקער־פריינדשאַפט און בכלל צו מענטשן־ליבע!

נתן מאַרק

„נאַכט־קולות" — דער משל אין אונדזערע דיאמות

ווי זאָגט דאָס זייער טרעפלעך דער מחבר אַליין אין זיינע באַמער־קונגען אינעם אַריינפיר צו זיינע משלים: „כדי מיאוסקייט צו פאַרמיאוסן, מוז זייער מיאוסקייט זיך אַנטפלעקן אויף טריט און שריט אין יעדער פאָרעם".

דאָס טוט טאַקע דער פאַבוליסט נאַטאַן מאַרק אין זיינע מעשהדיקע באַלאַדעס און פאַראַבאַלן. ווי מיר ווייסן איז די אַנאַטאָמיע פון מענטש און בעלי־חי באַשאַפן מיט אַ זעלטענער חכמה און פּרעציזקייט, מיט אַ מאַגישער פונקציע פון יעדן אָרגאַן באַזונדער — און דאָך איז אין יעדן באַשעפעניש נישטאָ די הונדערט־פּראָצענטיקע פּערפעקציע און סי־מעטריע. ערשט ווען מיר טרעטן צו פּסיכאָלאָגיש צום גאַנצן מענטשן־קאָמפּלעקס פון כאַראַקטער, אינטעליגענץ, אויפפירונג און צווישנמענטש־לעכער באַציאונג, דערגייט צו אונדזער פּערצעפּציע דאָס נאָך נישט געאַנטע, דאָס נאָך נישט דערגרונטעוועטע, זענען מיר כסדר ערשט ביים אָנהייב, ביים באַריר. דאָס געזאָגטע האָט אַ שייכות צום משל, צו דער קורצער פאַבולע, וואָס זאָל אַ שלייף טאָן דעם מוח, דינען ווי אַ לערע און אַרויסרופן אַ שמייכל פון סצענעס, טאַוונגען און נאַיווקייט, דורך וועלכע די דער־פאַרונג קומט ערשט נאָך דעם דורכפאַל. אָט קאָן אַ ווערטל איינשליסן די גאַנצע אויסטייטשונג: „טאָכטער דיך שטראָף איך, שנור דיך מיין איך"...

צו מאַכן אָביעקטן רעדעוודיק און אימיטירן דעם מענטש איז אַ ספּע־ציעלע קונסט. קודם כל דאַרף דער משל זיין קורץ, אונדז אַ רייץ טאָן

מיר זאָלן בלייבן פאַרבלעפט. ביים מאַגיקער, פאַרבלענדער, וואָס ציט טויבן פון אַרבל, איז די דעמאָנסטראַציע אַ ליגן, וואָס מיר רופן אָפּטישע אילוזיע. וואָס שייך דעם משל, איז דאָס אַ ליגן אין פלוראַל, ווייל מיר דאַרפן דעם דיכטערישן אימאַזש, דעם מעטאַפאָר און מיר דאַרפן דורכן ווערבאַלן אויסדרוק קליגער ווערן. איז דעריבער זייער ווירקעוודיק צוצו־גיין צו אַ בוך משלים מיט דעם פאַראויסיקן געפיל, אַז עס שטייט אייך פאַר ווידער אַ מאָל איבערראַשט צו ווערן ווי פון אַ קלאַסיקער, דעם פראַנצייזישן לאַפאָנטען און דעם רוסישן „לאַפאָנטען" קרילאָוו. מיר קאָנען זיך גרייסן אויך מיט אונדזער אייגענער ירושה פון דעם פענאָמען, אליעזר שטיינבאַרג, און מיר קאָנען זיך אויך נישט פאַרשעמען מיט אונדזערע היינטצייטיקע דיכטערס, וואָס רירן זיך אויך צו צום משל. ביים דיכטער דוד ספאַרד, געפינט מען צווישן זיינע לידער, „סאַטירישע גראַ־מען", וואָס זענען אין תוך משלים. און פויסטן מיט אַ סאַמעטענער הענטש־קע... ביים דיכטער משה שולשטיין איז דער משל איינגעוויקלט אין אַ הייטל פון פיינעם הומאָר, וואָס אונדזער וויזיע נעמט עס לייכט אַראָפּ און אַנטפּלעקט דאָס בילד. עס איז כדאי נאָך צו דערמאָנען דעם דיכטער און פאַבוליסט י. מאַניק (לעדערמאַן) ע"ה, ביי אים געפינען מיר שפּיציקן סאַרקאַזם, וואָס איז צו מאָל פאַרקערפּערט אין אַ גאַנצן קאָלעקטיוו.

די משלים פון נאַטאַן מאַרק זענען רואיקע שמועסן, דיאַלאָגן, וואָס זוכן אַרויפצוצווינגען די פּערזענלעכע מיינונג פון אָביעקט אָדער העלד, אויפן צווייטן צד. פונקט ווי פּאַרטיי־צדדים זוכן קעגנזייטיק זיך צו באַ־קעמפן. ביי טייל משלים ציען צו די אָנהייבן. פאַראַן אַ ריי עטאַפּן אינעם פּראָצעס פון זען און רעאַגירן, פונקט ווי מען קוקט אויף אַ געשמאַקן מאכל, רופט ער אַרויס פּאַראַלעל צום זע־נערוו דעם סעקרעציע־רעפּ־לעקס צום פאַרזוכן — און אַזוי בינדן זיך די חושים קאָנצענטריש ביז דעם עמאָציאָנעל־קינסטלערישן גענוס, וואָס קאָמפּלעטירט דעם פאַרגעניגן.

נאַטאַן מאַרק איז געקומען מיט שטילע געלאַסענע טריט אין דער יידישער ליטעראַטור. אַ רומענישער ייד, וואָס וווינט שוין לאַנגע יאָרן אין ישראל, איז נאַטאַן מאַרק אַ מחבר פון אַ ריי ביכער, צווישן זיי אויך

אין עברית. אין חיפה (ווו ער וווינט) איז ער רעדאַקטאָר פון אַ זשורנאַל אין ביידע לשון־קודשדיקע שפּראַכן, יידיש און עברית. געמאַכט אויך אַ ריי איבערזעצונגען. דער עיקר דערקענט מען אין זיין שרייבן, אַז ער קען די סיפרי־הקודש. עס זענען מיר טאַקע באַקאַנט זיינע אינטערע־סאַנטע פּאָעמעס „פון חסידישן קוואַל", „ר' מאירל פּרעמישלאַנער", „דער אַפּטער", „דעם בעשט"ס באַשערטע" און אַנדערע. זיין שפּראַך איז בכלל דורכגעפּעדעמט מיט קלוגע ווערטלעך פון די פּתגמים־חז"ל. נאַטאַן מאַרק האָט אַ נייגונג צו אַלעגאָריעס און באַהאַלט זיך הינטער די פּלייצעס פון די רעלאַטיוו אמתע און פיקטיווע דראַמאַטישע פּאַסירונגען און פּאַרענדיקט ווי אַ קינסטלער־מעדיום מיט דער מאָראַל. ער האָט אָנגעשריבן אַ פיין היסטאָרישע ווערק: „די יידישע ליטעראַטור אין רומעניע פון איר אָנהויב ביז 1968". ווי אַ היסטאָרישער עדות פון דער רומענישער ליטעראַטור, האָט ער געוווּנען דעם גאַנאַ־פּרייז אין פּאַריז.

שרייבן משלים אָדער געשיכטע, איז שטענדיק אַן ענין פון פּערזענ־לעכער אָפּטיק. די וואַלאָרן זענען פּונקט ווי די וואָגשאָל, עס וואַקלט זיך אַרויף און אַראָפּ. איך באַדויער וואָס צו מיר איז נישט דערגאַנגען זיין בוך פּראָזע וועגן דער געשיכטע פון יידישער ליטעראַטור אין רומעניע, וועל איך מיך באַגרענעצן בלויז צו איין משל. פון אַלע העלדן פון געניצטן פּערסאָנאַזש און אָביעקט, דאַרף דער שווערפּונקט שטענדיק פאַלן אויף איין פּערזאָן, אויפן מחבר.

פּאַראַפראַזירנדיק לאַפאָנטענס דעפיניציע, אַז די פאַבל איז אַ קאָמעדיע אין הונדערט פאַרשיידענע אַקטן, קאָן מען מיט אַ קליינער טראַנספּאָזיציע פון די אותיות „אַ קאָמעדיע" באַשאַפן, אַקאַדעמיע און די פאַבל איז טאַקע אויך אַן אַקאַדעמישער גאָרטן, ווו מען קאָן נעמען לעקציעס. פאַרשטענדלעך מוז דער משל זיין גוט גרימירט און מאַסקירט און אויף דעם אופן זיך אָפּרע־כענען מיט זיין קעגנער אין דער ווערבאַלער וויכוח־מלחמה. וואָס קירצער די פאַבל אַלץ שאַרפער דאָס שמיצל; דאָס וואָלט געקאָנט אויך גילטן פאַר אַ דעוויז.

„דעם כוח, וועלכן ערשט נעכטן האָסט באַוויזן, איז מאָרגן שטרוי

און רויך״. פונעם משל „דער שטרויזאַק, די קאָלדרע און דער האַר״. און אַ צווייטער ענטפער אויף אַ משל: „דאָס טייג און דאָס וואַלגערהאָלץ״ נאָר ווייכער פאָרמולירט, וואָס פאַרענדיקט זיך: „לויטן נייעם שולחן ערוך איז אַזוי דער דין: „משפטן די פליג און נישט די שפין״. פאַראַן אַ סך שורות שאַרפע, וואָס זאָגן עדות, גינציק פאַרן מחבר: יענע אַלטע מעשה מיטן הונט און העלפאַנד: „יעדער שנעק וויל ווייזן ער איז אַ גיגאַנט״. אָט זענען צוויי סוף שורות פונעם קאָנטעקסט „דער טראָפּן״: „ווען ס׳קאָרטשעט זיך דער מאָגן נאָך אַ ביסן, באַליידיקסטו דאָס אויג, ווען גיסט אים שיינקייט צו געניסן״. פאַראַן משלים ביי וועלכע מען מוז זיך פאַרהאַלטן אַ ביסל לענגער, ווי „נאָבעלס נשמה״ (משל באַלאַדע). די האַנדלונג קומט נישט פאָר אויף אונדזער פּלאַנעט, פאַרמאָגט אַ מיסטישע באַווירצונג. דער דיאַלאָג צווישן אַלפרעד נאָבעל און דעם שטן שפּילט זיך אויס צווישן דער פמליא של מעלה און דעם „דערלייזער״. מען קאָן דאָס נישט שעדיקן מיט ציטאַטן. אין דעם משל: „דאָס ליכט און דער קונסטזאַל״, וואָס גיט זיך אונטער מיט אַ ריכטיקער רעזאָנירונג, אַזוי צו זאָגן מיט אויטאָקריטיק און שאַפּט די מאָראַל רעדנדיק צו זיך אַליין:

„עס קענען מורה־מורינודיקסטע מוחות
נישט דערגרייכן יענע הייכן,
צו וועלכע עס גרייכן
שותפותדיקע כוחות״...

אין דעם „פרייטער און גענעראַל״, האָט דער משלים־שרייבער באַוויזן, אַז מען קאָן זיך אָפּרעכענען מיט יענעם דורך אַ קליין שטעכלקע אויך, אים אויסלאַכן אויף אַ גוטמוטיקן אופן, וואָס זאָל דעם פאַרמשלטן פאַרשעמען און ער זאָל מוזן גלייכצייטיק אַ גרימאַסנע שמייכל טאָן. ווי איינפאַך און מענטשלעך עס איז: „פאַרגעסן די כלה״. אַלץ האָט זיך פאַרנומען מיט די געסט און מחותנים אויף אַזוי ווייט, אַז די כלה האָט געקאָנט פאַרשווונדן ווערן פון זאַל און ס׳איז נישט געווען וועמען צו באַדעקן״...

שאַרפע משלים, געמיינט פון דראַסטישן חוזק, האָבן אַ געוויסע

קרובהשאַפט מיטן עפּיגראַם. דער מחבר נאַטאַן מאַרק שרייבט פֿאַר אונדז רעצעפּטן... ער שרייבט מיט דעם נאַרציסיזם פֿון שפּיגלען זיך אין זיין משל און דווקא מיט אַ פּאָטערלעכן שמייכל אין זיינע שטראָפרייד און מיט אַ דינער איראָניע — ווי מיר זעען אים אויף זיין פּאָרטרעט אין זיין בוך משלים: „נאַכט־קולות".

בינם העלער

„דאָס צוגעזאָגטע וואָרט"

מיטן גאַנג פון דער צייט, דאָס הייסט מיטן עלטערן זיך, מאַניפעס־טירט זיך מיין אינטעלעקטועלער אינטערעס שטאַרקער צום קליינעם פאָר־מאַט פון אַ בוך בכלל; אָבער עקסקלוזיוו צו אַ בוך־ביכעלע פּאָעזיע. און מיר ביידע האָבן מער מזל צו זיך, דאָס בוך צו מיר און איך צום בוך. נאָר אַזוי ווי עס דערשיינען — אָן אַ בייז אויג אַ בכבודיקע צאָל יידישע ביכער, וואָרטן נעבעך די דיק־בענדיקע — שוין נישט לויט דער ריי געלייענט צו ווערן, נייערט זיי וואָרטן פּשוט אויף מיינע מעגלעכקייטן צו פאַרנעמען זיך מיט אַ שווער וואָגיק בוך.

דעריבער ווען כ'האָב אַריינבאַקומען דאָס בוך־ביכעלע פון בינם העלער : „דאָס צוגעזאָגטע וואָרט", האָב איך דערצו געשמייכלט נאָך איי־דער כ'האָב עס גענומען צום לייענען. ס'איז מיר געווען לייכט צו פאַר־ברענגען מיט דעם קליינעם פאָרמאַט און לייכט געבונדענעם בענדל לידער, וואָס מען קאָן מיטנעמען אומעטום ווו מען גייט און ווו מען פאָרט — און הלוואי זאָל דאָס ווערן אַ מאָדע פאַר די ווערק פון דיכטונג, אַז זיי זאָלן נישט אָפּשרעקן מיט זייערע דיקע רוקנס וואָס טראָגן דעם פּאַפּיר־לאָדן.

דאָס איצטיקע גאַסטירן פון בינם העלער אין פּאַריז האָט מיך דער־מאָנט זיין וויזיט ביי אונדז סוף זומער 1977, אויך אין דער פעדעראַציע, וואָס האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ פיינלעך געפיל : פאַר וואָס אַ פיינלעך ? אָט נעמען מיר דאָך אויף מיט פרייד אַ קאָלעגע, אַ גאַסט, ווייל ס'איז דאָך אַ שרייבעריש־משפּחהדיקע מידה !

די פּעדעראַציע, ווו מיר האָבן היינט דעם כבוד און פאַרגעניגן אויפֿצונעמען דעם געאַכפּערטן פּאָעט בינם העלער, דעם ערשט־געקרוינטן פון דעם נייעם שלום אַש־פּרייז איז דעמאָלט בשעת זיין זומער־וויזיט אין פּאַריז, אויפגענומען געוואָרן אין אַ חרובער פּעדעראַציע, וואָס די שונאי־ישראל האָבן אויפגעריסן מיט אַ באָמבע. מיר האָבן פון דעסטוועגן זיך פאַרזאַמלט אין אַ זייטיקן צימער מיט אַריבער אַ מנין שרייבערס און רעדאַקטאָרן. אויך דאָס קליינע צימערל האָט אויסגעזען ווי נאָך אַ שריפה. ס׳איז אַפילו נישט געווען קיין ביסל וואַסער אויפן טיש. עס האָט זיך אָבער געשאַפן אַרום דעם דיכטער־גאַסט אַזאַ וואַרעמע קולטור־אַטמאָספער, אַז מען האָט שוין גאַרנישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם אַרומיקן שטויב און אומאָרדענונג. זאָל דאָ דערמאָנט ווערן דער רעדאַקטאָר פון „אויף דער וואַך״ שלמה פרידריך ע״ה מיט וועמען מיר זענען נאָך רייכער געווען.

אַז יידן זענען אַן אַריגינעל און אייביק פאָלק, וועל איך דאָס אונטערשטיצן מיט אַ קליינעם ביישפּיל: נח פּרילוצקי האָט געאַרבעט אויפן געביט פון פאָלקלאָר. אַן שום מיטלען צום שאַפן האָט ער זיך דערמיט פאַרנומען אויך קראַנקערהייט אין אַ רוסישער תפיסה. ווען מען האָט אים געפרעגט ווי אַזוי דאָס איז מעגלעך? — האָט ער געענטפערט מיט אַן אינטואיטיוון און געדאַנקען־בליץ: „דאָס הויז ברענט נאָר דער זייגער גייט״.

בינם העלערס ביכער זענען נישט קיין זעלטענע געסט אין דעם צעך פון פּאָעזיע. זיין שאַפן איז אַ באַשטענדיקס, אַ קאָנסטאַנטס און הויך קוואַליטאַטיווס. דעריבער איז דער שלום אַש־פּרייז קודם כל אַן אויפריכטיק פאַרטיילטע און גרויסע ליטעראַרישע דערגרייכונג (איך מיין דאָביידע לאַורעאַטן, אויך אונדזער בנימין שלעווין) און צווייטנס איז דאָס אַן אויפלעבן פון אַ מיינסטער־פּראָזאַאיקער צו אַ גלאָריע נאָכן טויט, אַ גלאָריע, וואָס ער האָט זיכער פאַרדינט.

אין דער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור זענען צעוואָרפן דעפיניציעס וועגן פּאָעזיע. ווען ס׳וואָלט מעגלעך געווען זיי אַלע צונויפצוזאַמלען, וואָלט מען זיכער געקאָנט שאַפן אַ היפּשן באַנד מיט מעטאַפאָרישע געדאַנקען און

גייסטיקע אַפּשפּריצן פון מענטשלעכן זשעני. אָבער נאָך אַלעמען וואָלט מען נאָך אַלץ נישט געקומען צום ענדגילטיקן דעטערמיניזם.

דער פראַנצייזישער גאון אַרטור רעמבאָ, וואָס האָט אין דריי יאָר פון זיין יוגנטלעכן עלטער, פון 16 ביז 19 יאָר איבערגעלאָזט דאָס שענסטע פון זיין ירושה פאַר דער פראַנצייזישער פּאָעזיע, האָט אויך איבערגעלאָזט אַ קורצע טערמינאָלאָגיע וועגן דיכטונג. ער האָט נעמלעך געזאָגט, אַז פּאָעזיע איז אוניווערסאַלע אַקציע. וויפל אמת ס׳איז פאַראַן אין דעם זאָג, קאָן ענטפערן דער עיקר זיין אייגענער פּאָעטישער באַשאַף. אָבער אויף וויפל עס זאָל נישט זיין „אוניווערסאַלע אַקציע״, אָדער אַ פּערזענלעך אינטימער אויסגאָס, מוז דאָס וואָרט זיין באַליכטיקט מיט אַן אינערלעכן ניגון פון וואָרט־שאַטירונגען. אַ וואָרט איז אַן און פאַר זיך אַ באַשאַף, איז פריי נישט פאַרשקלאַפט צו קיינעם און צו גאָרנישט, איידער עס ווערט נישט דיסציפּלינירט. ערשט אונטער דער אויטאָריטעט, וואָס מאַכט אָרדע־נונג, אָרגאַניזירט די ווערטער ביים שרייבן און זעצט איבער דעם געדאַנק, שאַפט עס דעם קאָרעקטן, געבונדענעם אַרומנעם.

אויף וויפל ס׳איז מיר באַקאַנט די פּאָעזיע פון בינם העלער, ווייס איך און דערוואַרט נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ דינעם און לירישן טרויער צום מיינסטן אינעם גלייכפאַרמיקן קלאַסישן פערז. יחידישע שטימונגען, וואַנדער־ און מלחמה־איבערלעבונגען, נאַטור־לידער און בכלל אַלץ וואָס דער טאָג ברענגט. יעדער מכשול, יעדער דורכפאַל, אָדער צו מאָל פרייד — קאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין ליד. דאָס וואָס איך דערמאָן דאָ איז אויך פאַראַן אין דעם בוך „דאָס צוגעזאָגטע וואָרט״.

לאָמיר פרווון דערגיין וואָס עס ליגט אונטער דעם טיטל. דער דיכ־טער האָט שוין באַקומען אַ צאָל פרעמיעס וואָס זענען אין דעם בוך נישט דערמאָנט, אפשר צוליב באַשיידנקייט? ס׳איז פאַרשטענדלעך, אַז אַ פרייז לייגט אַרויף מער פליכט אויפן קינסטלער. ווען מען טוט אָן אַ קרוין דאַרף מען זי קאָנען באַשיצן און דאָס לייגט אַרויף אחריות אויפן שריי־בער. אויב מען זאָגט עפּעס צו דעם לייענער, מוז מען האַלטן וואָרט — און ס׳ווילט זיך אַליין כסדר שטייגן מיט אַ פרישן גאָב! דאָס שרייבן איז

אַזאַ מין רעדן הויך, אַרויסלעבן די אינערלעכע טראַכטונגען, אַז דער צווייטער זאָל אויך הערן. ווען מען שרייבט עפּעס אָן און מען איז דערפון צופרידן האָט מען שוין דערמיט אַליין עפּעס אויסגעקעמפט.

ווי שוין געזאָגט, שרייבט בינם העלער שטילע און ערנסטע לידער. עס קאָנען אויך זיך אַרויסכאַפּן ביי אים שפּילעוודיקע פערזן. אַ בורלעסקע, ווו דער שמייכל גליטשט זיך אים אַראָפּ פון די ליפּן דירעקט אינעם ליד אַריין. ס׳דערמאָנט זיך מיר אַ שנירל ווערטער פון אַ באַקאַנט ליד, וואָס איז נישט אַריין אין דעם בוך. עס פרעגט זיין מאַמע מיט תרעומות: „בינם, דו שרייבסט שוין אויך גראַמען פאַר מבינים?". יאָ, זיין אַ קינסטלער נאָך דערצו פון דער פעדער, איז אין אַלע צייטן — נישט נאָר ביים יידישן אַרבעטער־פאָלק געווען אַן אַנשיקעניש. ער איז טאַקע אַ בריליאַנטן־שלייפער (מעטאַפאָריש גערעדט) נאָר דאָס איז דאָך נישט קיין קוואַל פון פרנסה, נייערט אַ פּרייוויליקע מאַרטירערײ...

ביי באַדלערן איז פאַראַן אַזאַ קלאָגעדיקער רעוואָלטירנדיקער פערז, ווי אַזוי אַ מאַמע רעאַגירט אויף דער דאָליע פון אַ זון אַ פּאָעט. (איך גיב דאָס איז מיין יידישער איבערזעצונג):

ווען דורך אַ דעקרעט פון דער העכסטער מאַכט,
דער פּאָעט שטייט אויף אין דער וועלט פון בענקען,
זיין מוטער, פול מיט לעסטער און גרייט צום שלאַכט,
ביילט די פויסטן צו גאָט ר׳זאָל רחמנות איר שענקען!

בינם העלער איז אַ יונג־אַלטער דערוואַקסענער לייב אין דער קונסט פון ליד. ווען כ׳מיש די בלעטער פון זיין געלייענטן בוך, ווו כ׳האָב גע־צייכנט מיט אַ בלייער, כדי צוריקצוקומען און געבן אייך עטלעכע מוסטערן, האָב איך מורא אַז כ׳וועל צופיל פאַרציען מיין מאמרל. אָבער ווי קאָן מען דאָס אַראָפּשלינגען לידער, וואָס זענען מוציאס מיט האָניק? וועל איך זיך טיילן מיט אייך כאָטש מיט עטלעכע קרישקעס — כדי איר זאָלט זיי כאַפּן ווי שיריים פון אַ רבין.

בינם העלערס לידער פון איצטיקן בוך, וואָלט איך באַצייכנט ווי

אַ סך־הכל פון לעבן, וואָס האָט אַ דעקונג מיטן אָפּלויף פון צייט. אינעם ערשטן ציקל זענען די מייגסטע לידער קהלתדיק. יעדער ווייסט, אַז מיר קומען אויף דער וועלט אויף אַ קורצן אורלויב. דער דיכטער רעדט פון אַ „דאָרט״ ווו עס פּרירט די לעצטע שעה און אין אַ צווייט ליד וואָס רופט זיך „פּאַמעלעך״ (ז׳ 17) גייט ער אַנטקעגן דעם אייביקן לעבן (מעטאַפאָריש גערעדט) דאָס מיינט דעם סוף — נישט נאָר מיט אַ פילאָ־סאָפישן סטאָאיציזם, נייערט אַפילו האָפערדיק. כ׳ציטיר:

נישטאָ דאָרט קיין שרעק און קיין שטער איז נישטאָ —
צי בין איך אַרויס דען פון אַלע געפאַרן,
אַז איך זאָל פון איינער אַ שרעקלעכער שעה
זיך לאָזן אין אייביקן חושך פאַרנאַרן?

און דאָס איז אויך די טרייסט וואָס דער דיכטער שאַפט מיט זיין וואָרט פאַר זיך און פאַר אַנדערע. דער דינער, איידעלער טרויער שאַפט צו מאָל אַ שמייכל אויך. ווייל דאָס רעדט אַ מענטש צו אַ מענטש, וואָס שפיגלט אַרויס אונדזער אייגענע נשמה. הערט זיך צו צו די צוויי שורות פון אַ ליד, וואָס טראָגט אַ קריינדל שטערנדלעך, אַנשטאָט אַ טיטל (ז׳ 23):

איך שטעל זיך אָפּ ביי יעדן פראָסטן שטיין
ער זאָל מיך לערנען ווי צו זיין אַליין״.

דאָס איז די לעבנס־חכמה צו געניסן, פאַרשרייבן, זיך צוגעוויינען צו אונדזער פאַרגענגלעכקייט.

אָט איז אַ ליד ווי אַ מאָדערנער פּיוט פון אַ דיכטער, וואָס הענגט אויף דעם אַלטן, אַבסטראַקטן סוד, וואָס רופט זיך גאָט — און ס׳איז נישט מעגלעך אים אַנצוקליידן אין מענטשלעכע אַטריבוטן. כ׳ציטיר אַ סטראָפע פונעם ליד „מיט אַלע צייכנס״ (ז׳ 25):

קאָן זיין אַליין, אויף שלאָס און ריגל,

באַפרייט פון לויב, באַפרייט פון שפּאָט,
דערזען וועל איך אים אין מיין שפּיגל,
גאָט.

דאָס זענען לידער פון דעם ערשטן ציקל: „פּאַרלעש נישט״. פּאַראַן אין דעם בוך פיר ציקלען מיט פּראַכטיקע פּערזן, ווו מען קאָן אָפּגעפינען דעם אַנגעלאָדענעם דיכטער, וואָס זוכט צו זיין מיט זיך אַליין. מען קאָן דאָס דווקא צושרייבן יעדן קינסטלער, ווען ס'באַפאַלט אים דער רוח הקודש פון שאַפן. כ'ציטיר פונעם ליד „דער אמת איז״ (ז' 27):

און וואָס איז מיין פאַרענטפער און מיין טרייסט?
מען זאָל מיר כאָטש די איינזאַמקייט פאַרגינען —
דערווייל בין איך דער איינציקער וואָס ווייסט,
אַז אויך אין ליד איז שווער מיך צו געפינען.

דאָס איז די שטרעבונג פון עכטן קינסטלער צו קומען מיט אַן אייגן פּנים אין דער וועלט פון ליטעראַטור, ווי אויך יעדער מענטש איז אַ באַזונדערער באַשאַף, וואָס מען קאָן אים נישט פאַרבייטן מיט קיין צווייטן. דעם דאָזיקן געדאַנק פאָרמולירט ער אויך אין אַנדערע לידער.

אין דעם בוך געפינען מיר לידער פון אַלע עלנטן און פון סטאַליניסטישן אָפּגאָט, וואָס האָט אויף אַן אַנדערן אָרט ווי היטלער, אויפגעצוווּנגען און געפאָדערט מענטשלעכע קרבנות ווי אַ דיקטאַטארישער רוצח, וואָס האָט געלאָזט ביי די לעבן־געבליבענע, מער ווי אַן אַנטוישונג אינעם סאָציאַליזם (וואָס האָט שוין פון לאַנג פאַרלוירן דעם ווערט פון זיין תוכן). ער האָט גיכער געלאָזט אַן אייביקע טראַוומע וואָס איז טיילווייז געהיילט געוואָרן מיטן אַנטשטיין און באַזעצן זיך אינעם אייגענעם לאַנד, וואָס איז נאָך ליידער אויך נישט אין גאַנצן אייגן.

די נאַטור־לידער פון לעצטן ציקל: „וואָרצלען״, זענען דווקא ליכטיקער, העלער. דער העלער־סובסטאַנטיוו, וואָס גיט ליכט און איז האָמאָנים צו זיין נאָמען העלער...

אַ גאָר שאַרף בילד איז דאָס ליד פון זייט 101 „דאָס ערשטע ליכט״. דאָס איז אַן אָדע צום באַגינען. איך האָב נעבן דעם ליד אָנגעשריבן אַ וואָרט וואָס מאַגנעטיזירט מיך אַליין און איך וועל צו דעם ליד ווי צו אַנדערע צוריקקומען. כ׳ציטיר די לעצטע סטראָפע:

„און ס׳הייבן אָן צו צינדן זיך די שויבן
און קענען מיר שוין לייכט דאָס גאַנצע הויז.
אין הימל פּלאַצן שטערן ווי די טרויבן
און גיסן זייער גרינעם זאַפט דאָרט אויס״.

***

אין פּוילן זענען אין די היימען געווען אינדיווידועלע גאַזאָמעטערס. ס׳דערמאָנט זיך מיר, ווען אַ באַלייכטונג איז געוואָרן טונקל, האָט מען אַריינגעוואָרפן אַ מטבע און ס׳האָט אויפגעלויכטן.

פון בינם העלערס אַ ליד, דאַרף מען נישט וואַרטן, אַז די מטבע זאָל אַראָפּפאַלן אין אונדזער קאָפּ־גאַזאָמעטער... זיין אַרט שרייבן איז נישט שאָטנדיק און מען דאַרף זיך נישט מוחן.

אין די מיניאַטור־לידער פון „דאָס צוגעזאָגטע וואָרט״, געפינט מען אַלע עלעמענטן, וואָס אין זיינע פריערדיקע ביכער: ליכט, שפּראַך, איינהאַלט און ריטעם. דאָס פליסט אַרויס פון זיין פּאָעזיע מיט אַ געדעמפטער שטילער פרייד — און ווען עס רופט ביים לייענער אַרויס אַ טרער, איז עס די פרייד פון גענוס, פון שיינקייט.

מיינט נישט מיינע ליבע פריינד און לייענערס, אַז איך דריק זיך בכיוון אויס מיט עמפּאַזע, מיט אַ באַטאָנונג צום שבח פאַרן חשובן גאַסט, ווייל איך וויל אים מאַכן רעקלאַמע. אמת, ס׳איז אויך אָנגענעם צו הערן; אָבער כ׳טרייב נישט איבער. איך גיב דאָס לויט מיין אויפנעם, פּונקט אַזוי ערלעך ווי איך פּיל אָפּ די פערזן־קונסט.

**
*

עס שטעלט זיך אָפּט ביי יעדן פּען־מענטש די פראַגע: ווער וועט איבערנעמען דעם פאַקל פון אונדזער לשון־קודש — יידיש? אַז מיר זאָלן דאָס דערלעבן און זען אַ נייעם דור. דאַרפן מיר דאָך דערגיין צו אַ תנ״כישן עלטער! נייך, כ׳וועל נישט ענדיקן מיינע ווערטער מיט קיין פּעסימיזם.

דערווייל, חשובער און טייערער קאָלעגע בינם העלער, לאָמיר אַדאָפּטירן, אָדער פּלאַגיאַטירן פּאַפּיערניקאָוס אַ קליינעם פראַגמענט פון זיין ליד „זאָל זיין״ און צושטעלן צום קאָנטעקסט פון אָפּטימיזם:

„מיר גייט נישט אין דעם איך זאָל האָבן דערגאַנגען
מיר גייט אינעם גאַנג אויף אַ זוניקן וועג״.

בינם העלער וועט נישט לאָזן טריקענען זיין פעדער. „דאָס צוגעזאָגטע וואָרט״ איז נישט איינמאָליק, ס׳איז אַן אַדערויף אויף אַ ווייטערן סילוקן דאָס צוגעזאָגטע...

דאַרפן מיר אים בלויז ווינטשן אַ קיילעכיק יאָר פון געזונט און חדוות־היצירה.

דער יום־טוב פון לייענען שיינע ליטעראַטור

דריי ביכער פון יצחק גאָלדקאָרן

כ׳האָב זיך לעצטנס באַקענט מיטן דיכטער, פּובליציסט און עסייאיסט פון קאַנאַדע, יצחק גאָלדקאָרן. ער איז אַדורכגעפאָרן פּאַריז, זיך אָפּגעשטעלט אויף קאַרגע שעהן מיטן ציל אַדורכצופירן אַ קורצע רייזע איבער אייראָפּע. מיר האָבן אויסגעניצט די געלעגנהייט זיך צו טרעפן אויפן שנעלסטן אופן ביי אַ טישל אין אַ קאַפעטעריע, אַן פּאַס — און זיך אַנטקעגן גערעדט... ער האָט דווקא ווייניק גערעדט און מיט דזשענטעלמענישער דיסטינקציע מיך אויסגעהערט. אָבער דאָס אָבסערווירן אים און אויסהערן זיין שווייגעוודיקייט, האָט אויפגעוועקט אין מיר אַנגענעמע מאָמענטן פון זיינע געלייענטע משלים: „דער פאַרכישופטער יאַריד״, ווו ער גיט אַ מחיהדיקן פעדער־לשון.

אין דעם צוזאַמענהאַנג האָט זיך מיר דערמאָנט (אויף אַ פאַרגלייך) אין די „אָנבאַטן וועגן עסטעטיק״ פון פראַנצייזישן פילאָסאָף אַלאַין. (ס׳איז נישט קיין ציטאַט): די וואָס קאָקעטירן צום ווייניקסטן מיט דעם, וואָס זיי באַזיצן, האָבן פאַרדינט צו זיין אַ ביישפּיל פון די אמתע ווערטן, וועלכע זיי שטעלן נישט אַרויס ביי יעדער געלעגנהייט...

דער דיכטער האָט מיך געפרעגט, צי איך האָב פּלאַץ, וועט ער מיר צושיקן נאָך אַ בוך. איך האָב מיר פאָרגעשטעלט אַ שווער־גופיק פּאַפּירווערק — ווען אַפילו יאָ, וואָלט איך גרייט געווען אַרויסצונעמען אַ ציגל פון וואַנט און אַריינשטעלן זיין בוך־מתנה...

דער ווילן זיך אָפּצורופן אויף אַ בוך, וואָס פאַרשאַפט גייסטיקן פאַרגעניגן, איז שוין במילא אַ סוגערירן צו אַקציע... איז אָבער נישט

לייכט צו קומען דערצו, ווייל די יידיש־ליטעראַטור ווערט לעצטנס באַפעלקערט אין אַ שנעלן טעמפּאָ און דווקא אַ בכבודיקער טייל, וואָס רופט צו אַן ערנסטן אָפּשאַץ און רעקלאַמע. ביי אונדז איז אָבער אַנדערש ווי ביי אַנדערע פעלקער, ווייל ווען ס׳בוך ווערט פאַרטיק, הייבט זיך אָן די דעפּרעסיע פון פאַרשפּרייטן. ווען איך באַצייכן „דעפּרעסיע פון בוך״, איז עס דערפאַר, ווייל ס׳בינדט דאָך צוזאַמען די נשמה פון מחבר. אָפּגעשניטן פונעם נאָפּל פון באַשאַף, מוז עס גיין אין דער וועלט אַריין. לויט דער טעאָריע פון באַשטימען דורך אַ צאָל דאָס גאָלד־מעטאַל, איז יעדעס בוך ביים מחבר זיין גאָלדענער אוצר; אָבער דער אוצר הייבט שוין אָן אויך געהערן דער וועלט און מען וואַרט אויף אַן אורטייל פון פאַסיוון לייענער און דער עיקר פון אַקטיוון, פון דער מבינות און ערלעכקייט פון קריטיקער.

ביים לייענען דאָס בוך „דער פאַרכישופטער יאַריד״, האָב איך געצייכנט אויף די בלעטער מיינע ענטוזיאַסטישע סופּערלאַטיוון. איך האָב געהאַט אַ פאַרגעפיל, אַז כ׳וועל צו דעם בוך — פריער אָדער שפּעטער צוריקקומען. געפירט פון אַזאַ דאַכטונג, האָב איך דאָס בוך אַריינגעשטעלט אין מיין ביבליאָטעק־שאַנק פון פאָרנט, בכדי ס׳זאָל מיך פאַסצינירן... זיכער באַשטעטיקט זיך אין דעם פאַל פרוידס טעאָריע, אַז וואָס מען וויל נישט פאַרלירן, לייגט מען אויף אַ פּלאַץ אונטער דער האַנט מען זאָל עס לייכט געפינען...

דער ליכטיק־גרינער איינבונד האָט אין מיר שטענדיק אויפגעוועקט דעם שמייכל, וואָס האָט בשעתו באַגלייט דאָס לייענען פון גאָלדקאָרנס משלים. — אויב נישט אַלץ אין לעבן איז אַ צופאַל, איז דער דאָזיקער מאמר געקומען דווקא נאָכן באַקענען זיך מיטן דיכטער, וואָס האָט ביי מיר שאַרף אויפגעוועקט די אַסאָציאַציע מיטן אויבן דערמאָנטן בוך. נאָך זיין אַהיימקער פון אַ קורצן באַזוך אין אייראָפּע, באַקום איך זיינע עפּיגראַמען „קורץ און שאַרף״. דאָס בוך „עפּיגראַמען״ איז באַשטימט צום פאַרקויף פאַר ביבליאָטעקן און אוניווערסיטעטן. טשיקאַווע: גייענדיק מיט דעם נאָר וואָס אָפּגענומענעם בוך, פּאַק איך דאָס אויף שפּאַצירנדיק

און מיין האָנט גרייכט ווי געפירט פון געדאַנק צו זייט 39 פון דעם ווערק עפּיגראַמען און לייען די ערשטע פיר שורהלעך: „אויף אַ טוריסט"...

דער שפּאַציר מיטן בוך אין האַנט האָט אויף מיר געווירקט ווי אַ חלום. אָט זע איך דעם מענטש, שמועס מיט אים און אָט זיין דערציילן וועגן אַ טוריסט. ס'איז גלייך ביי מיר פונעם „נעכטן" צוריק געוואָרן אַ „היינט" און דאָס געלייענטע איז ביי מיר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טעלעגראַפיש בריוועלע:

„אַ סך פּראַקטיקע געגענטן, שטעט, מוזייען,
פיל בליענדיקע לאַנדשאַפטן האָט ער געזען;
דאָך מוז ער צוריקקומען — הגם אים ווייטער ציט —
צו דער לאַנגווייל־מידבר פון זיין אייגענעם געמיט".

אָט אין די פיר שורהלעך קאָן זיך אָפּגעפינען יעדער קינסטלער. „דער מידבר פון אייגענעם געמיט", לאָזט זיך אַנדערש טייטשן; דעם פאַרלאַנג פון טוריסט וועמען עס ציט צו נאָך אימפּרעסיעס, מוז צוריק־קומען צום „לאַנגווייל־מידבר פון אייגענעם געמיט". אָבער דאָס איז דווקא אין סתירה מיט יעדן קינסטלער; דאָס איז אַ שפּיגעלע מיט צוויי גלייכע שפּיגל־זייטן: ווייטער צו באַוווּנדערן די גרויסע וועלט און גלייכצייטיק צו זיין מיט זיך אַליין, מיט דעם עולם הקטן און אַרויסברענגען פון זיין אינערלעכע וועלט, וואָס מוז אָפּגעבן דאָס געלייטערטע אין אים. איז דען דאָס נישט די בעסטע טעראַפּעווטישע תרופה, דאָס שאַפן פון קינסטלער, אַראָפּצונידערן אין זיין אייגן געצעלט, וואָס איז פאַר אים אונטערן שימער פון שכינה — זיין גאַנצע וועלט? ווען מיר כסדר אַנגיין מיט די עפּיגראַמען און קומען באַזונדער צום משל. דאָס בוך פאַרמאָגט דריי אָפּטיילן: „סצענעס פון דער טראַגי־קאָמעדיע", „טיפּן־מענאַזשעריע" און „פּערזענלעכקייטן און מאַסקעס". גיי איך שוין אָן רעגולער מיטן לייענען און נישט איך האַלט דאָס בוך, נייערט פאַרקערט: דאָס קליינע בוך מיט די קורץ־סטראָפיקע שטיקלעך פּאָעזיע — האַלט מיך...

אין דער דאָזיקער עסטעטיק פון עפּיגראַם, זעען מיר די אָפּגעדעקטע

דראַמע פון אונדזערע פריידן, אילוזיעס, ווו מען קומט אין קאָנטאַקט מיטן נאַקעטן אמת פון אַנטוישונג. טאַקע ווייל דער אמת אַנטהאַלט מער שלעכטס ווי גוטס, וויל מען אַנטלויפן פון אים, ווי מען וויל זיך דערווייטערן פון אַ מת!...

דער עפּיגראַם איז אַ שאַפונג, וואָס דאַרף פאַרמאָגן צוויי עלעמענטן, ווו דער אַקצענט דאַרף פאַלן אויף דער דימענסיע פון חכמה; דעריבער איז דער עפּיגראַם אַ קורצע קאָנסטרוקציע און אַ שאַרפע דעסטרוקציע!

כ'דערמאָן זיך דעם דיכטערס קאַרגשאַפט אויף רייד. אוודאי איז דאָס שווייגן אָפט מאָל די פּויזע, די אַנטשפּאַנונג, וואָס לאָזט אַבסערווירן מיט רעגלמעסיקן עטעמען די קומענדיקע שפּאַנונג פון באַשאַף. דער פּראָצעס פון שאַפן מוז שטייגן אינטענסיווער ווי דער אויסטייטש פון ווערטער. דער עפּיגראַם פאַר עקסעלאַנס, איז נישט סתם קיין שפּאַציר צו דער דיכטונג, ווו מען צילט מיטן איבערשטעלן די פּיס אַזוי ווי מיר לערנען זיך גיין; דער עפּיגראַם מוז אָפּשפּילן דעם אַקט מיט הומאָר — לאָמיר זאָגן מיט אַ גיין אויף הינטערווייזלעכטס, נישט ווי די אויגן טראָגן אונדז, נייערט מיט דער בלינדער פּלייצע אויף פאָראויס... און דאָס איז דער שאַרפער אָריגינעלער קרומער שטריך, דער אויפריר פון אונדזער ספּרוזשינע פון געלעכטער. לאָמיר ציטירן די פיר שורהלעך „פון פּיגאַל", (אַן אַמוזי־רונגס־פּלאַץ פאַר פאַרשייטקייט). (ז' 8):

„אַ סעקסיביציע פּערמאַנענטע
גייט אָן אויפן פּאַריזער „פּיגאַל".
פאַרשידענע סעקספּערימענטן;
סעקספּלאָזיעס — דער איינציקער „פינאַל".

יצחק גאָלדקאָרן שאַפט נעאָלאָגיזמען און שפּילט אויף די ווערטער מיט דער קאָמבינאַציע פון צושטעלן איין אות ווי אַ פּרעפיקס און ס'ווערן קאָנדענסירטע בילדער פון פּאָרנאָגראַפיע, וואָס עקספּלאָדירן ממש מיט אומגעצוימטער נאַקעטקייט, וואָס דערמאָנט אין דעם אמת, וואָס מיר וואַרפן אָפּ. ס'לעבן דאַרף זיין אַ כסדרדיקע דערוואַרטונג אויף עפּעס, וואָס זאָל

רייצן אונדזער נייגער. אין דער פּלאַסטישער קונסט באַוווּנדערן מיר די געמאָסטענע ליניעס פון דער אַנאַטאָמיע, געקנעטן דורכן סקולפּטאָר, אָדער געשאַפן אויף אַ בילד. מען זעט דעם קינסטלער, וואָס קען איבערשאַפן דעם באַשאַף. נאָר ווען מען מאַכט ספּעקטאַקלען פון אינטימע אַקטן, פּאַרעקלט אונדז שוין דער שענסטער מענטשן־געבוי. דאָס ווירקט אויך מיט אַן אַרויסרוף — און דער מחבר וועט מיר מוחל זיין דאָס צושטעלן מיין אייגענעם פּיר־טראָפּיקן גראַם צו פּאָרנאָגראַפיע — פּאָרנאָמאַפיע. דער קינסטלער שטעלט אַן זיין קאַמערע אויף אַ בילד — און וואָס ער קאָן נישט אָנגעמען „רעטושירט" ער דאָס אויף זיין אופן. פאַראַן זאָגעכצער צו דער מענטשהייט, שטראָפּרייד, קריטיק איבער וועלכע מען דאַרף באַ־צייכענען — נישט מיט קיין טויבן־פּיסלעך, נייערט בערן־פּיס.

„אויף ל״ו צדיקים"

„אַ טיפער מיין און אַ זין אַ פיינער
אין לעגענדע פון ל״ו הייליקע געשטאַלטן:
ווען באַוווּסט — איז נישט קיין צדיק קיינער;
די צדיקות פון די ל״ו איז
וואָס זיי זענען באַהאַלטן". (ז׳ 12).

ווידער אַן אַנדער וואַריאַנט אויף מאָראַל:

„מורא האָבן פאַר גאָט און פאַר ריכטער —
אָט דאָס רופט איר אַן מאָראַליש?
אדרבא, גיט אַ טראַכט ניכטער:
איז דאָס נישט גיכער מורא׳ליש?".

די איראָנישע לערע איז נישט קיין מגידישער מוסר, וואָס ווערט דאָ פאַרקלונגען מיט צווי סתירהדיקע אַדיעקטיוון: „מאָראַליש און מורא׳ליש".

מע מוז זיך אָפּשטעלן אויפן רייכן שפּראַך־פאַרגעניגן ; אויף די איינפאַלן פון קאָמפּאָנענטן, וואָס זייערע נעמען זענען אַדעקוואַט צו דעם פּראָגרעס־פּאַרלענד, וואָס לאָזט איבער שרעק, גיר, און קאַמפ. (געמיינט קאָמפּאַניע). איז לאָמיר ציטירן דעם מחברס פיר פערזן — און נישט די גאַנצע צווײ סטראָפּעס :

„דעם דערפאַלג פון מיתה־מיסילס „ע" און „עיטש"־באָמבעס,
פּראָקלאַמירט איר מיט טריאומף און פּאָמפּ
און ס׳נעמט נישט קיין סוף צו די פּאַרלענד־געווינטן
געפירט פון די גענעראַלן : שרעק, גיר און קאַמפּ".

איך בין דאָ אויסן געווען אָנצוווייזן דאָס אַדיעקטיווירן נעמען.

די יידישאָלאָגיע אין ישראל כאַפּט אויך אַ פּסק פון אים. דער אַרט קריטיק אין דעם עפּיגראַם־זשאַנער, אויך אינעם משל זענען פּריווילעגירט דערמיט, וואָס זיי קאָנען אַריבערשפּרייזן נעמען, וועמען און וואָס מען דאַרף איינבייסן. דעריבער זעט נישט קיינער זיך אַליין, נייערט יענעם. פאַראַן אָבער אויך קאָלעקטיווע אויסנעמען, וואָס רירן אַלעמען אָן. צ. ב. די בלומען־שטעכלקעס אויפן חשבון פון יידיש און אויף די יידיש־פּרעמיעס אין ישראל. אָבער אויף דעם געביט ווערט מיר שוין שווער צו געבן ציטאַטן און רייסן פּאַסן פון אייגענעם לייב און לעבן. יידיש טוט אונדז וויי, ווייל מיר זענען די לעצטע — און פון די לעצטע קאָנען שוין קיין ערשטע נישט ווערן... מיר, טוריסטן אויף דער בידנער וועלט — און אַזוי פיל האָבן נישט דערגרייכט דאָס טראַנזיטאַלע פאַרגעניגן פון אַ טוריסט און אויך נישט געהאַט די זכיה אַפילו צו שטאַרבן לויט די אונדז געגעבענע קריטעריעס, נייערט אומגעבראַכט אונדז, דורך „העלדישע" רציחות.

ס׳איז באמת אַ מדריכיש מיניאַטור־בוך, וואָס פירט אונדזער טוריסטיש קורץ לעבן איבער דער וועלט און ווער וויל דאָס נישט ראַפינירן די חושים, וואָס דעם מענטשן איז געגעבן געוואָרן ? אויף זייט 17 איז פאַראַן אַ קורצע לעקציע ווי ביי די מיינסטע לידער־עפּיגראַמען, וואָס רופט זיך „טאָלעראַנץ". וואָס לערנען מיר פון דעם ?

„דעם ליבע־לאַקריץ טרינקען אומענדלעך,
האָט — אַ באַרוישנדיק־גיפטיקע סובסטאַנץ;
בלויז איין זאַך מאַכט דאָס לעבן דערטרעגלעך:
דער לויטער — קוועלנדיקער שטראָם — טאָלעראַנץ״.

פאַראַן אַ ליד, וועמענס געדאַנק איז אויסגעבאַרגט פון אונדזער תנ״כישן ישעיהו, וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז אַלע שיינע וויזיעס און לערעס פון די נביאים, זענען געבליבן אויף דעם הייליקן פאַרמעט פון דער תורה; דעם מענטש דערגרייכט עס זעלטן, ווי ס׳וואָלט אָפּגעשפּרונגען ווי שטיינער פון אַ דיקן שוצפּאַנצער. געבליבן זענען טאַקע די אַרכאַאישע מאָנומענטן פון וואָרט און וועלן אייביק בלייבן. דער פאַרמעט מיט דער תורה האָט געברענט מיטן רבי חנינה בן תרדון, וועמען די רוימער האָבן אונטערגעצונדן, אָבער די „אותיות פורחות״ פליען נאָך אַריבער דעם לאַטייניש סענטענץ: „ווערבאַ וואָלאַנט, סקריפּטאַ מאַנענט״. (דאָס וואָרט פליט אַוועק אָבער די שריפט בלייבט). און שטאַרקער איז עס, ווייל די ווערטער פון יענעם ברענענדיקן תלמיד־חכם זענען אויך פאַר־חתמעט און פאַראייביקט געוואָרן צוזאַמען מיט דעם מענטש.

איבערגייענדיק פון עפּיגראַם צו עפּיגראַם, זעען מיר די אַנוועזנהייט פון די וועלט־געשעענישן, פעלקער־געטומל אַזוי קאָנקרעט, כמעט ווי ס׳דאַרף זיין פּובליציסטיק — נאָר ביים פּאָעט איז דאָס מיניאַטוריזירט און זינגעוודיק פאַרגראַמט און פאַרטעמט. ער לאָזט זיך הערן ווי דער סאָלאָ פון אַ גרויסן כאָר. גאָלדקאָרנס רעדן צו דער וועלט, איז נישט ווי פּסיכאָאַנאַליז אין אַ סטיכישן פלייץ פון רייד, נייערט אין אַ קינסטלעריש געמאָסטענער דיסציפּלין. ער רעדט זיך אַראָפּ פון האַרץ פון אַלץ, וואָס איז פאַרדאַרבן ביזן וואָרצל, טראָץ אונדזער ווייט־פליענדיקן פּראָגרעס און — קאָנטראָווערסאַל, צוליב דעם פּראָגרעס. דער מחבר האָט פון אַלעם צו פאַרקויפן... און דאָס איז דערלאַנגט אין אַ שיינער און קינסט־לערישער פאַקונג. די ווערטער זענען אַ ביילייג צו „סעגרעגאַציע און אינטעגראַציע״. דעריבער, אויב עס הערשט נישט דער פּרינציפּ פון

ליבע אויף דער וועלט, פאַרלירט דער שענסטער פאַרשריט פון דער מענטשהייט זיין ווערט.

כ׳האָב מיר געגעבן אַ וואָרט צו זיין צימצומדיקער. איך האָב זיך אָבער אַרומגעזען, פון מיינע פאַרצייכענונגען, אַז מיין וואָרט קאָן נישט אָנהאַלטן, ווייל דאָס קליינע און תוכיק־וואַגיקע בוך, לאָזט מיך נישט אַרויס פון די צווענגלעך, וואָס באַצווינגען אָנצוגעבן נומערן, וואָס פירן צו בלעטער, זייט 21 לייענען מיר „וועלט־דערלייזונג״ און „די געפּער־לעכע רעוואָלוציע״. נעבן די זעקס־פּערזיקע שפּיזלעך, האָב איך מאַרגי־נאַליזירט: איינפאַלעריש און קלוג. ביידע לידער זענען אויף איין טעמע, בלויז דער אויספיר איז אַנדערש: סמיק־ביטער און זיס פאַרקלינגען מיט גראַמען.

„פון וואַנעט וועט פאַרט קומען די דערלייזונג?
פון גאָרנישט — פון דער ביאָספערעס אויפליייזונג.

און ווייטער:

„די פעלקער האַלטן זיך אין פאַרמערן —
די בויך־רעוואָלוציע וועט אַלץ צעשטערן״.

קומען מיר צום טייל: „פּערזענלעכקייטן און מאַסקעס״.

דאָ לאָזט ער פריי דעם אַנאָנים. מיר געפינען אַ גאַנצע גאַלעריע מיט וועלט־באַקאַנטע נעמען פון אַ ווייטער און פון אונדזער עפּאָכע. ער ברענגט אַרויס זיינע געדאַנקען וועגן פּערזענלעכקייטן — איינגעביסן פון פאַרשיידענע מוזעס — אַפילו דאָס אומגליק „איאַטאָלאַ״ כאָמעיני און אַנדערע, איבער וועלכע ס׳איז פאַראַן צו זינגען און צו זאָגן... און דער דיכטער זאָגט עס אַזוי שיין, אַז מיר נעמען אויף דעם אופן פון נקמה אין קאַדאַפי, אין סטאַלין און אין אַנדערע „מענטשלעכע״ באַ־שעפענישן.

משלים־שרייבערס זענען פאַראַן מערער אין אונדזער ליטעראַטור ווי

עפּיגראַמאַטיקערס. דער ישראלדיקער דיכטער יוסף קערלער האָט אין זיין בוך לידער: „מיינע זיבן גוטע יאָר" אויך אַריינגענומען אַ בינטל עפּי־גראַמען. (אגב, איז דאָס בוך געפּרייזט געוואָרן מיט דער פּאַריזער גאַנאַ־פּרעמיע). קערלער רעאַגירט דאָרט אויף מענטשן און מעשים, אויף וועלכע ער האָט געוואָרפן אַן אומחן; ער אַנטפּלעקט נישט קיין נעמען פאַר דער וועלט. יצחק גאָלדקאָרן גרימירט זיינע פּערזענלעכקייטן מיט די נעמען ווי ער וואָלט געזאָגט — נאַ, לייען און זע.

פּשוט און באחנט הייבט ער אָן מיט די צוויי אַנטיפּאָדן: „אַלעק־סאַנדער און דיאָגענעס", וואָס זיין ווירונג איז געווען אין דער נאָרע פון אַ פעסל. אַן עקזעמפּלאַר, וואָס האָט זיך נישט קאָנפאָרמירט צו די קאָנ־ווענציעס פון דער ציוויליזאַציע פון יענער ווייטער עפּאָכע פאַר אונדזער צייט־רעכענונג און געבליבן דער סימבאָל פון אידענטיפיקאַציע מיט דער רויער נאַטור. אַ טייל אַלט־יידישע חכמים האָבן זיך געפּייניקט צוליב רעליגיעזע טעמים, אָבער דער אָריגינאַל דיאָגענעס, האָט געפּרוווט איבערצייגן מיטביישפּילן פון דער לעצטער פּשטות. איז נישט קיין וווּנדער, וואָס אין די גרעסטע מוזעאומס זענען געבליבן ווערטן פון קלאַסישע קינסטלערס, וועלכע האָבן זיך אינספּירירט פון די פאַרבליבענע קוריאָזן, ווי דאָס זוכן אַ מענטשן אין סאַמע העלסטן טאָג מיט אַ לאַמ־טערן... אָדער דאָס לערנען פון אַ קינד טרינקען פון דער האַנט.

דאָס איז אונדז אַנטקעגן געשטעלט ווי דורך אַ לויטערער שויב: פּאָרטרעטן, וואָס זענען שאַרף, שכלדיק און אַמוזאַנט. אָט, איז דער נעגאַ־טיווער באַווייז: (ז' 59).

„דער וואָס קיין זאַך נישט באַגערט, האָט אַלץ געהאַט
יענער, וואָס האָט געהאַט, איז אַלץ נישט געווען זאַט".

אין זעקס שורהלעך איז אויפגעשטעלט „העברי מילער". דער דאָזי־קער אַמעריקאַנער שרייבער, וואָס איז באַקאַנט אין פרעמדע שפּראַכן און האָט אַזוי דראַסטיש געשריבן וועגן סעקס.

האָט מען הנאה פון דעם פיינעם וואָרטשפּילער גאָלדקאָרן, וועלכער שרייבט אים צו, אָנשטאָט „נאָבעל־פּרייז — ניבולפּרייז".

גוט אַרויסגעברענגט איז דער כאַראַקטער פון ערנסט העמינגווײ, דער מחבר פון דעם שפּאַנענדיקן ראָמאַן: „דער אַלטער מאַן און דער ים". ער האָט אויך געבאַלעוועט אין פּאַריז און איבערגעלאָזט אַ בוך: „פּאַריז איז אַ יום־טוב".

אויף זייט 68 געפינען מיר דעם נאָרוועגישן נאָבעל־פּרייז־טרעגער קנוט האַמסון:

ס'דאַרף נאָך אָנגעשריבן ווערן די מיסטעריע פון האַמסון,
די פאַרוואַנדלונג פון דינסטן זינגער אין אַ כאַם־זון;
דער שפּרונג פון קונסטגאַט פון אָלימפּ פיאָרדישן
אין מיסטזומפּ, האָרדיש־ מאָרדיש־נאָרדישן".

וויפל סאַרקאַזם שטעקט אין די פיר שורהלעך! דער נאָרוועגישער שרייבער קנוט האַמסון איז טאַקע געווען אַ גרויסער פּענקינסטלער — און נאָך אַ גרעסערער אויסוואָרף צוליב זיין קרענקלעכן אַנטיסעמיטיזם, וואָס דעקט צו די גלאָריע פון זיין ווערק: „הונגער" און אַנדערע ראָמאַנען. עס ווילט זיך נאָך דערמאָנען דעם נועם כאָמסקי פון דער לעצטער זייט. ווידער אַ כאַם, וואָס פאַרדינט צו הייסן כאַמסקי! און דאָס פאַרן צושטעלן זיין נאָמען אונטער אַ הקדמה צום נאַצישן פּראָפעסאָר און ליגנער, ראָבערט פאָריסאָן.

וועלן מיר פאַרענדיקן די אָפּהאַנדלונג מיט טשאַרלי טשאַפּלין.

דער באַוווּנדערער, וואָס שמייסט די גרויסע נעמען, האָט אין טשאַפּלינען געפונען און אַרויסגעשטעלט די מאַסקע פונעם „מענטש מיט די ביינער".

ס'האָט נישט געקענט, ווי ער, קיינער
ווייזן דעם מענטש „מיט די ביינער" —
אַ געמיש פון קאָמיש און טראַגישן —

מיט זשעסטן, מימיק און שטעקן מאַגישן.
ס׳האָט דערגרייכט דער קונסט העכסטע טשאַפּלען
דער עקראַן־קעניג טשאַרלי טשאַפּלין״.

ער איז שוין גאַרנישט אָפּפרעגלעך דער קלאַסישער קינסטלער פון „אילוזיאָן״ — ווי מען פלעגט אַמאָל רופן ביי אונדז דעם קינאָ מיט די שטומע פילמען.

יצחק גאָלדקאָרנס עפּיגראַמען־בוך פון 74 זייטעלעך זענען שאַרף־טעמיקע, קליינטשיקע מאַקעטן, וואָס רופן אַרויס אין אונדזער פאַר־שטעלונג די מאָנומענטן, ווו דער אַספּעקט איז אַ קאַרנאַוואַלעסקער ספּעק־טאַקל, ביי וועלכן מיר באַקענען זיך מיט דעם באַלייענטן און באַלערנטן דיכטער. ווי שוין דערמאָנט, איז פאַראַן ביי אים אַנטיקלעך: גדולים פון אומגליק און גדולים פון עטיק. יצחק גאָלדקאָרן איז אָבער אין דער יידיש־ליטעראַטור אַ חכם ותיק!...

— 2 —

די משלים פון יצחק גאָלדקאָרן

דאָס ערשטע בוך „משלים״ דערשינען אין 1975, האָב איך באַקו־מען — נאָך די צוויי שפּעטער־דערשינענע ביכער: „דער פאַרכישופטער יאַריד״ און אַ קליין בוך „עפּיגראַמען״ מיטן גוט געפּאַסטן אונטער־טיטל („קורץ און שאַרף״). כראָנאָלאָגיש מיינט דאָס אין אַ פאַרקערטן סדר. דער צוזאָג „קורץ און שאַרף״ איז טאַקע אָרגאַניש גוט פאַרשלייפט מיט די קורצע שניצלעך דיכטונג:

ווען מיר זאָלן צעגלידערן משלים, וואָס שאַפן די אַנימאַציע פון קאָנפליקט צווישן אָביעקטן, ווי צ. ב. „די נאָדל, דער פאָדעם און די סחורה״ (ז׳ 8), זעען מיר סוף־כל־סוף, ווי יעדער האָלט זיין טענה פאַר אמת און ציט אַריין דעם לייענער אין דעם דיספּוט און אין דעם: מאי קא

משמע לן דער מחבר, איז דער ענטפער, אַז דער שכל פון קינסטלער מוז אומעטום זיין דער מעדיום און אויסגלייכן די ניצן פון די אָביעקטן און מיר גליבן אין דער חכמה, וואָס איבערצייגט. אַ קליינע מאָס געזאָגטע פּאָעזיע, שאַפּט ביי אונדז אַ פאַרגלייך צו פאַרטיי־רעפלעקסיעס, ווו יעדער גרופּע האָט איר „אמת״, ווען זייער לשון קאָן נאָר באַגרינדן דאָס געזאָגטע; איז דען נישט דאָס איבערצייגן, די סטיכיע, דער נאַטירלעכער לעבנס־אינסטינקט צו געווינען דעם פּאַרמעסט?

ווען דעם מענטשנס דויער אויף דער וועלט, וואָלט געווען אין אַזאַ מאָס ווי פון אונדזערע תנ״כישע פּאַטריאַרכן, צי וואָלט דען די מענטש־הייט געווען אַן אַנדערע ווי זי איז — טראָץ די אַלע זשאַנערן פון איידע־לער לערע אין דער קונסט?

דער מענטש וויל הערשן און נישט זיין באַהערשט. ער באַזיצט קנאה און גאווה און אויב נאָך מיטן צולאָג פון אַן אומגעצוימטן ווילן צו הערשן, קאָן פון דער דאָזיקער קאַטעגאָריע מענטש, אַרויסוואַקסן אַ וועלט־מערדער! קיין שום פילאָסאָפיעס קענען נישט באַשאַפן דעם אידעאַלן מענטש. ווי שוין געזאָגט, איז דאָך דעם מענטשנס לעבן צו קורץ — צו האָבן צייט זיך צו רייניקן פון זיינע חסרונות־דערפאַרונגען, איז אפשר טאָקע דעריבער געוועלטיקן זיי איבער אים?

הינטער אַלע מאַסקעס פון משל, מוז שטיין דער מענטש — נישט ווי אַ פיגוראַנט, נייערט ממשותדיק אויסשפּילן זיין ראָלע. אויב עמעץ האָט טענות צום צווייטן און שטעלט דאָס אַרויס קינסטלעריש דער וועלט, קאָן מען דאַכט מיר דערפון אַרויסדרינגען די אויטאָ־קריטיק. דער פּראָ־זשעקטאָר איז טאָקע אָנגעשטעלט אויף אַ צענטראַלן פּונקט — אָבער פון דעם ליכט פאַלט אַ זייטיקע שיין אויפן בעל־דבר, וואָס ווייזט אָן אויפן מחבר אויך — אַז ער אַליין מוז זיין דער בולטערביישפּיל און נישט בלויז דער מוסר־זאָגער. אָבער קינסטלערס מוזן טאָן דאָס זייעריקע; וואַרפן דעם קערן, די אידעע, אַז די מאָראַל זאָל אַ בליץ טאָן!

ס'איז מיר אויסגעקומען צו שמועסן וועגן משלים מיט אַ שרייבער, דווקא אַ געלערנטן, האָט ער פלעגמאַטיש אַ זאָג געטאָן, וואָס קאָן שוין

אונדז מער איבערראַשן נאָך עפּעס? איז דער ענטפער דערויף, אַז מע מוז נישט זיין פיזיש פאַרקריפּלט, כדי פּרוּוון דורך שאַפן קונסט אויס־גלייכן די וועלט! — אַז מע וויל קאָן מען דאָך אַרויפקוקן צו אונדזער תנ״ך, וואָס פאַרמאָגט אַן אוניווערסאַלע דימענסיע מיט אַל דאָס גוטס און אַל דאָס מענטשלעכע, געמיינט אויך נעגאַטיווע זייטן, און איז פּיל־פאַרמיק אויסגעדריקט; „משלי שלמה״ איז אַ גאַנץ גוטער ביישפּיל. דער אונטערשייד איז, וואָס אין תנ״ך טראָגט דער משל אַריין אַ דידאַקטישן כאַראַקטער, וואָס איז אַ דירעקטע ווענדונג צום מענטש. אויך דער שטעטלדיקער בעל דרשן אין בית מדרש, וואָס האָט גערעדט מיט מוסר און שטראָף־רייד צום עולם, איז די לעקציע געוואָרן אַנציענדיק און אָנגענעם, ווייל זי איז געווען באַגלייט מיט אַ פאַנטאַסטיש מעשהלע פון וועלכער ס׳זענען געבליבן שפּריכווערטלעך, סענטענצן, וואָס אַנטהאַלטן די פּתגמי חז״ל. אַ קליינער ביישפּיל: לא המדרש העיקר, אלא המעשה. דער ציל איז געווען און פאַרבליבן די מאָראַל, וואָס מוז זיין באַווירצט מיט אַ דערצייל־חכמה. דער מאָדערנער משל איז געשאַפן מיט מער רמזים און נעמט אַריין דעם מענטשנס געשאַפענע קולטור־אָביעקטן אין וועלכע ס׳ליגט די צונג פון מחבר צום דיאַלאָג, אַזוי אויך צום באַשאַף פון דער וועגעטאַרער וועלט.

דער געניאַלער פאַבוליסט אליעזר שטיינבאַרג ז״ל, צו וועמענס 100־יאָריקן געבוירן־טאָג מען האָט צוגעטראָגן אַזאַ שלל מיט מאמרים, רעפעראַטן און זכרונות, וואָס האָבן אויפגעשאַלט צו זיין לויב ווי אַ שופר איבער דער יידישער וועלט און אים מחיה מתים געווען, איז אַ באַוויז, אַז מען האָט אים קיין מאָל נישט פאַרגעסן, ווייל ער האָט זוכה געווען און אויך געהאָט אַ ווערט דערצו, מע זאָל אים אַרויספירן פון זיינע ביכער אויף יידישע בינעס. — צי מעג מען דעריבער טראַכטן, אַז קיין אַנדערער דיכטער קאָן שוין קיין נייעס נישט אַריינברענגען? מיט דער גאַנצער זיכערקייט דאַרף מען שטעלן אַ גרויסן יאָ! סיי אין קינסטלערישן אויסמעסט פון אַן אָריגינעלן איינפאַל, סיי אין גראַם און שפּראַך־דערפינדערישקייט. אין פאַריז האָבן מיר דאָך דעם דיכטער משה שולשטיין, וואָס האָט צו זיין ווערטיק און שפּעדיקן טייל פון פּאָעזיע,

איך צוגעטראָגן דאָס שיינע משלים־בוך „גאָלד און פייער". קאָן מען דאָך נאָך צושטעלן זייער בכבודיקע נעמען, וואָס האָבן באַרייכערט אין דעם זשאַנער אונדזער יידיש־אוצר פון דער שיינער ליטעראַטור!

פאַראַן קריטעריעס, וואָס קאָנען פון אַ גאָלדגרוב אַרויסקאָפּען דווקא שטיקלעך פּראָסטן מעטאַל (פאַרשטענדלעך, אַז ס׳זאָל פּאַסן פאַר דעם געהויבענעם טיטל, וואָס זיי טראָגן). די קריטיק איבער אַ ווערק, וואָס איז נישט געווען מענטשלעך אויסגעוואַרעמט — צילט צו אַנטמוטיקן דעם שאַפערישן מענטש; אָבער דאָס איז אַ מין טעסט צו דעטערמינירן דעם כוח פון אמתן קינסטלער, וואָס די קריטיק דערגרייכט נישט אַלע מאָל צו אַנטמוטיקן, ווייל דער אָנגעגרייפטער קאָן ענטפערן מיט אַ ניי ווערק — און דערפון שאַפט זיך ביי מיר די אַסאָציאַציע מיט סקולפּטאָר ראָדענס זאָג: „דער קינסטלער מוז געבן די אינטענסיוויקייט פון זיין כאַראַקטער — און דאָס קאָן זיך אויך באַציען אינעם ברייטן זין פון מענטשלעכן זשעני!".

דער משל איז אַ גרויסער יחסן און מוז זיין געבויט אויף דער סאַמע ברייטסטער אַנימאַציע פון מענטש, בעל־חי און אָביעקט — און אויף דער באַזע און אידעען־וויזיע פון אידעאַליזם צום געלייטערטן, שיינעם און גלייכציייטיק מיט מוסר־רייד צום בעל־גאווה און שלעכטן.

ווען מיר איצט געבן אַ געלעגנהייט אַריינצוקוקן אין די לידער־משלים פון יצחק גאָלדקאָרן — און דאָס איז אויך נישט אַזוי לייכט, ווייל אין יעדן משל פון דיכטער איז פאַראַן אַ וועלט מיט שיינקייט! אַפּדעקן אַן אידעע איז די ערשטע קריטעריע פון קאָמפּעטענץ. איז ווי אַזוי באַגרענעצט מען זיך מיט מוסטערן, אַז ס׳זאָל נישט אַרויסקומען מינער־מוסטערדיק?...

„דער קלעטערער, וואָס איז געגאַנגען צוריק,
האָט געהאַט אַ פינצטערן, פיינלעכן בליק,
און כאָטש ס׳איז לייכט דער באַרג־אַראָפּ,
איז טרויעריק געזונקען זיין קאָפּ".

און דער מחבר פאַרענדיקט מיט די קומענדיקע שורות:

„ס'איז נישט קיין חידוש — דו ביסט פרייליך, מונטער:
דו שטייגסט אַרויף, נישט באַרג־אַרונטער". (ז' 30).

דער נמשל איז דער לייטער פון אַרויף און אַראָפּ פון מענטשנס גאַנג איבער דער וועלט. איך מיש צוריק צו זייט 24: „דער אַנטיקן־פאַבריקאַנט" פונעם בוך „משלים".

„איינער אַ מייסטער אין בלאָפן,
האָט נעבעך נישט געטראָפן
מיט זיינע פאַרשידענע טריקן —
איז ער געוואָרן אַ פאַבריקאַנט פון אַנטיקן".

שפּעטער פאָלגן נאָך מוסטערן פון זיין פאַבריקאַציע, מיר קומען אָנזש פון בבל, צו „קונסט־באָוול". דאָס פאַרפאָרן און פאַרגראַמען „שפּיזן פון בבל" מיט „קונסט־באָוול", שטעלט דער קינסטלער אַרויס אין זיין אייגן שוי־פענצטער ווי אמתע אַנטיקלעך פון זיין אייגנטימלעכן און רייצנדיקן וואָרט־באַשאַף. אין די סוף־פערזן קומט אַנטקעגן די עכטקייט פון דער אידעע אויף דער באַזע אויף וואָס דער משל איז אויפגעבויט:

„דער גרינשפּאָן איז געמאַכט מיט עסיק־זויערן —
אַלטקייט־שמינקע איז נישט פון דויערן.
טייל פאַבריצירן אויך פאַלשן גרינשפּאַן (פּאַטינע)
און דעם אויטענטישן מוזעטאָן,
און ס'ווייסט בלויז אַ געניט אויער:
די פּסעוודאָ־קונסט האָט נישט קיין דויער".

און אַ צווייטער שטאָך: „דער רויטער און גרינער עפּל". דאָס רויטע

עפּעלע גרייסט זיך מיט איר זון־געפּאַרבטע בעקלעך און חוזקט פון גרי־נעם עפּל:

„אָט איז אויסערלעכקייט פון בעקלעך ראָזע
אַ מאַסקע פאַר אַ נפש — טיראָלאַניש שוואַרץ;
אָבער הינטער פּראָסטער עכטקייט, אָן פּאָזע,
קאָן אַ מאָל זוניקן אַ שיין, גאָלדן האַרץ״.

די משלים־מעשהלעך אין גראַמען זענען — נישט נאָר פּאַרווײַלנדיק, נייערט קלוג און אינספּירירנדיק און ס׳וועט אוודאי נישט זיין קיין אַנט־דעקונג, אַז דאָס איז אַן אויסגעצייכנטער פּעדאַגאָגישער מאַטעריאַל פאַר אַ הויכשול. אַזוי לאַנג ווי כ׳האָב געהאַלטן אין לייענען די ביכער פון יצחק גאָלדקאָרן, האָב איך נישט אויפגעהערט שמייכלען.

ער פּאַרבלעפט מיט זיינע הומאָריטלעך און בליציקע סאַטירותן... (מען וועט מיר מוחל זיין, וואָס די דאָזיקע באַצייכענונגען פון הומאָריט־לעך און סאַטירותן, האָב איך שוין אַ מאָל געהאַט באַניצט, דאָס מאָל זענען זיי שוין מיין צווייטע אויפלאַגע...).

דער דיכטער גראָבט אַרויס פון אַן ערגעץ פון זיין שכל, עפּעס אַ ווילדן צוזאַמענשטעל פון אַ נאָמען — אַן אַנאָנימען און שאַפט פאַר אים אַ טיטלנאָמען: „דער אוירל אָ׳מאַן״. ער גרימירט אים מיט חוזק אין דער לענג און אין דער ברייט, ביז דער מחבר טראָגט אים אַנטקעגן דעם אדל־טיטל: „גראַף־אָ־מאַן״.

אין פּרינציפּ מוז דער דיכטער אין משל געפינען אַ זכות פאַר דעם באַליידיקטן און אַנגעגריפענעם. אָבער נאָר נאָך דעם וואָרטמאַטש פון אַן אימאַזשינירטן דיאַלאָג, דאַן קוקט אַרויס דער ליכטיקער רמז פון דיכטערס מיין. אַזוי זעען מיר דאָך אויך אין די „אַלבאַטראָסן״, וואָס די מאַטראָסן אין דער נידער לאַכן אויס:

„וואָס פאַר אַ ווערט
האָט גאַנג אויף ערד?

ס׳איז בלויז דאָ אַ דערגרייכן
אין דעם פּלי אין די הייכן״.

ביים פֿאַבוליסט שפּילן די שענסטע ראָלעס די דימענסיע פֿון זאַכן און באַשעפֿענישן; וואָס שאַרפֿער דער קאָנטראַסט, אַלץ ווירקעוודיקער די פֿאַבולע. לאָמיר נעמען צום עדות פֿון חכמה און שיינקייט דעם משל: „די פּלוי און דער לייב״. ווען דאָס בלוט־זייגערישע, פּיצינקע באַשעפֿעניש טענהט איין און רייצט זיך מיטן קעניג לייב, בעת זי זויפֿט זיין בלוט:

„קעגן מיר ביסטו אַ הילפֿלאָזער פּאַרשוין,
פֿאַר מיר איז אַ יאַגד־פּלאַץ דיין פֿעל״.

אין דעם צווייטן שורהלע ווייזט זיך פֿאַר אונדזער אויג די וויזיע־פּאַנאָראַמע פֿון אַ יאַגד־פּלאַץ. אוודאי פֿאַרמאָגט אויך דער לייב זיין לייבן־חלק פֿון צעטרעטן מיט זיין לשון דעם אינסעקט און צווישן אַנדערע שלאָגרייד פֿאַרענדיקט דער דיכטער מיט אַזאַ דרשה:

„די מיאוסקייט האָט אַ פּאַנצער — איר געמיינקייט
און איר שוצקאָסקע איז — גראָד איר קליינקייט.
און דער לייב, וואָס וואָלט גערופֿן אַן אינסעקט
אויף אַ דועל, וואָלט אויף אייביק זיך פֿאַרפֿלעקט״.

ווידער אַן ענלעכער קאָנטראַסט: „די פּלוי און דער הונט״ (ז׳ 110).

„דער הונט האָט געזאָגט דער פּלוי: ביסט אַן עוף,
אָבער פֿון גאָר אַ באַזונדערן שטאָף״.

אגב שפּילט די פּלוי נאָך אַנדערע ראָלעס אינעם משל, וואָס ווירקט

פּאַראַדאָקסאַל מיטן שטויס פון געלעכטער, צוליב די קליינקייט און גרויס־קייט פון צוויי באַשעפענישן.

**
*

זייער אָפּט איז דער אינטעלעקטועלער אַ צווייפלער אין דער פּער־פעקטקייט פון זיין באַשאַף. נאָך דעם ווען ס'קומט ענדלעך די זיכערקייט אין זיך, איז דאָך ערשט דער מחבר אויסגעשטעלט אויף דער קריטיק און יעדער מיט זיין געשמאַק... צי קאָן דעריבער די שרייבערין וועגן יצחק גאָלדקאָרנס קונסט־שיינקייט זיין זיכער מיט די ציטאַטן? מוז מען דעריבער אונטערשטרייכן אָן צווייפל, אַז דער מחבר דערגרייכט צו שלי־מות, ווייל זיין משל און עפּיגראַם רעדן צו אונדזער געמיט און באַריי־כערן אונדז.

**
*

„דער פּאַרכישופטער יאַריד" רופט דער מחבר אָן — נייע משלים. ווען כ'האָב געשריבן וועגן זיין לעצטן בוך „עפּיגראַמען", האָב איך צוגעזאָגט קומען צו זיינע פון פריער געשאַפענע משלים־ביכער. יצחק גאָלדקאָרן איז אַן אינטעלעקט מיט אַ ברייטן חוש פאַר קריטיק, סיי אין פאָרעם פון משל און — קליין צוגעשניטן פראַגמענטל און פּאָעטישע פּראָזע אינעם עפּיגראַם. ביידע מינים דינען דעם דיכטער, זיך צו פאַרשטעקן אונטער אַלע זיבן הויטן פון זיין וואָרטגעפּעכט; ער הייבט בלויז אויף דעם פירהאַנג פונעם וועלטצירק, זע: דער חכם איז נישט קיין גאַנצער חכם — און דער שטאַרקסטער קאָן גאָר ווערן דריי מאָל גאָרנישט... לידערקונסט איז אַ הויכע מדרגה פון שפּראַכקענטשאַפט: דער משל איז נאָך אַ פלוס פון דעם פאַרוויילונגס־שטאָף און געוואוס.

איז דען נישט דער משל און עפּיגראַם דאָס צווילינג פון די שענסטע פאָרמען פון אָפלאַכן, אַרויסשטעלן אַ צונג דעם אַנאָנים?! מיר קאָנען דאָס אַריינגעמען אין דער משפּחה פון דעם קאַריקאַטוריסטס ליניעס, ווי

אַ שוועסטער־קונסט. — דו דערקענסט זיך האַ? טאַקע דיך מיין איך!

אין דעם מאָדעלירטן פונעם פאַבל „אמו טאַבו", דערקאָנען מיר דעם נפש אין די צוגעקליבענע צוויי־טראַפּיקע נעמען: מען זעט אין דער מאַסקע דעם „אָראַנג־אוטאַנג", אַמין דאַדאַ, וואָס איז אַרויסגעשטעלט פאַרן לייענער, ווי אַ העסלעכער פאַרשוין, וואָס רופט אַרויס עקל, טרויער — און גלייכצייטיק די העראָאישע אַקציע פון ישראלדיקן פאַרטיידיקונגס־כוח.

***

„דער פאַרכישופטער יאַריד" איז געווידמעט אַ יונגער שיינקייט, דעם דיכטערס אַ פּלימעניצע. „די אויסגעריסענע רויז" איז אַ הספד־ליד, וואָס זינגט זיך אויס און קלינגט זיך אויס גלייכצייטיק אין אַ משל; דאָס איז אַ טיף־רירנדיקער באַגלייט־מאָנומענט צו דעם בילד פון אַ צעשמייכל־טער שיינקייט פון אַ 19־יעריקער מיידל־בלום, וואָס איז ווי אַ להכעיס אָפּגעשניטן געוואָרן פון דער אַלעגאָרישער קאָסע...

צו דעם זשאַנער פון פאַבל מוז דער קינסטלער פאַרמאָגן שאַרף־געשליפענע חושים — און זיין פען אימפּעט טאַקע אַריין די דאָזיקע חושים אין דעם בעל־חי, אין דער וועגעטאַרער וועלט און אין אַלע טויטע אָביעקטן, וואָס די מענטשלעכע קולטור קען אויסאַרבעטן פאַרן פּראַקטישן באַניץ. אויב דער קינסטלער מאַגנעטיזירט דעם אינטערעס צו זיי האָבן מיר דאָ אויך פאַר זיך אַ גראַמען־קענער פון אַ הויכער מדרגה. מיר זעען נישט בלויז די בייטש פון מוסר־זאָגער, נייערט מיר הערן אויך דעם פייף, ווען זי טוט אַ פּאַכע... (זען אויף זייט 14 — 15): „דער ישובניק און דער לערנער". „די וואָזע און דאָס גלאָז" לייענען מיר דעם פאַר־טיידיקונג־דיאַלאָג און מען קוויקט זיך. דער פאַבוליסט שפּילט מיט דער קוואַליפיקאַציע פון דעם היפּערבאָלישן אויסדרוק און פאַרקערפּערט אין זיין באַשאַף דעם גאַנצן ספּעקטאַקל פון די באַהאַנדלטע טעמעס, דאָס מיינט: רעזשיסער, ראָלעס־פאַרטיילער, סניגור, קטיגור און ציט אונטער דעם חשבון מיט דער מאָראַל. דאָס אַלץ ברענגט אונדז די אילוזיע פון אַ באַלעבטער צירק־אַרענע... כאָטש דער משל ווערט געפירט אין

אַ פּאַרקערטער ריכטונג. ד. ה. מען לאַכט אויס דעם שטאַרקן און ס'ווערט פון אים אַ נעבעכל... אָבער אין תוך גענומען, קומען זיי זיך צונויף ווי צוויי בריקן־ליניעס און באַקומען אַן ענגן צווישן־שייכות.

פֿאַראַן אַ פֿראַנצייזיש שפּריכוואָרט — שטענדיק פֿאַרלאַנגט ס'לעבן אַ קלענערן פון זיך, ווייל יעדע שאַפונג ברענגט דאָך זיין נוצן. ס'גייט נישט אינעם פֿאַראַדירן מיט דער שיינקייט פון דער אַריסטאָקראַטישער וואַזע, דער בליציקער סוף פון משל וואַרפט טאַקע אָפּ דעם „פּוסטאָ־קראַטס" דרשה פון מערווערט פון אַ טרינקגלאָז און עס באַקומט זיך אין דמיון פון לייענער אַ שיין־געגראַמט זיווג־פּאָרל: „פּוסטאָקראַט" און „אַריסטאָקראַט". פֿאַראַן ביים מחבר אַ זעלטענע עלאַסטישקייט אין זיין גראַמשפּראַך, וואָס באַרייכערט און באַפעלקערט זי מיט פיל נעאָלאָגיזמען. אָט אַזעלכע פֿאַרקנסונגען:

„ווי באַוווסט אַ מאַלפּע
איז נישט קיין גרויסער קל־פּה".

אָט קומט מיר אַנטקעגן "דער באָטאַניקער און די פלאַנצן" פונעם בוך „דער פֿאַרכישופטער יאַריד". דאָ פּאַלט די קריטיק ווי אַ רוט אויפן באָטאַניקער... מעג דער לייענער נישט זיין מסכים מיטן אויספיר פון משל, איז דאָס אָבער אַ נחתדיקע איבערלעבונג פון פּאָעזיע, חכמה און מאָראַל — איז אפשר גאָר דערפאַר לוינט זיך אַ רעד צו טאָן דערפון.

איך האָב אַמאָל געהערט רעדן אין אַן אַדמיניסטראַציע (וואַרטנדיק אויף מיין ריי) אַ באָטאַניקער אויך אַ וויסנשאַפטלער, ספּעציאַליזירט אין דעם שוואָמען־געוויקס. דער מענטש איז געווען אַזוי פֿאַרליבט אין זיין קענטעניש און אין די מינים און פֿאָרמען פון שוואָם און אויסגערעכנט די נעמען, די קלימאַטישע אייגנשאַפט, וווּ דאָס שוועמל געפעלט זיך, אַז ער האָט פֿאַראינטערעסירט אייניקע צוהערערס. איך אַליין בין דווקא געווען באַגייסטערט פון זיינע רייד, וואָס האָבן זיך געשיט פון זיין צונג מיט עקזאַלטאַציע; כ'האָב געשטוינט ווען ער האָט גערעדט מיט אַזאַ באַהאַוונטקייט און ברען, אַז כ'האָב מורא באַקומען, ער זאָל נישט אַריבער

צום פיגוראַטיוון שוואַם־אַטאַם... כ׳בין דעמאָלט אַוועק מיט אַ באַוווּנ־דערנדיקער הנאה — נישט אַנענדיק, אַז כ׳וועל אַ מאָל דעם מאָמענט צוריקרופן און אַריינפירן אין דעם אַרטיקל יענע איבערלעבונג...

י. גאָלדקאָרן מאַכט אַ תל פון באָטאַניקער, פון זיין אָפּהאַנדלונג. וויפל יעדע צווייג פון יעדן בוים האָט בלעטער און וועלכע פייגל און וועווריקעלעך אין אים נעסטן... דאַקעגן האָט דער שרייבער פאַר זיך אַ גן־עדן־וויזיע מיט גלאַנץ, קאָליר און ריח פון בלומען, וואָס דערגייען דירעקט צום אויג. קאָן מען דאָך אויך טייטשן אַנדערש, אַז יעדער קאָן זיין אַן ענטוזיאַסט אויף זיין געביט פאַר דעם, אויף וועלכן זיינע פעאיקייטן אַנטשיידן זיך צום בעסטן. די סענסיביליטעט פון מענטש האָט זיך זיינע וועגן און יעדער לעבט אין זיין אוניווערס, וואָס קיניגט אין אים. דער דיכטער זעט בלומען, פלאַנצן, וואָס האָבן אויך זייערע פאַרשידנאַרטיקע נעמען און אָפּשטאַם, אָבער זיין אויג איז דערצו ראַפינירטער, ווי צו דער לעקציע פון באָטאַניקער. דער דיכטער און דער לייענער פילן אָפּ די קאָליזיע פון אַ קעגנזייטיקער איראָניע... נאָר דער פּאָעט פירט אויס זיין ראָלע, ער סאָציאַליזירט דאָס פאַרגעניגן.

מע קאָן דאָ נעמען צום שותפות אַ פריערדיקן משל (ז׳ 120): „דער געלערנטער און דער פּאָעט", אויך דאָ זעט זיך אַרויס דער קריטישער כוח־הדיבור פון דיכטער, וואָס איז קאָרעלאַטיוו צו דער זעלבער סענסי־ביליטעט פאַר דער עסטעטיק פון פּאָעט.

**
*

ווי שוין דערמאָנט האָב איך דאָס בוך „משלים", דערשינען אין יאָר 1975 באַקומען צום סוף — אַ מתנה פאַר מיין אינטערעס צום מחברס טאַלאַנט. איך שטעל זיך נאָר די פראַגע, צי האָב איך ווי געהעריק אַרויסגעפּירט דעם תמצית פון יצחק גאָלדקאָרנס משלים מיט זיין אָפענער, פאָלקסטימלעכער לעקסיק, וואָס נעמט אַרום וועלט־טעמעס — און די מוזי־קאַלישקייט פון גראַם איז נישט בלויז אַ באַגלייט־פאַרעם, נייערט אַן אָר־גאַנישער טייל פון פּאָעטיק פאַר עקסעלאַנס; זיין ערשטע משלים־שאַפונג,

וואָס טראָגט דעם באַשיידענעם טיטל „משלים״ איז שוין אויך אַ כּישוף־ראָד ווו ס׳פירט אונדז אַריין דער קינסטלער יצחק גאָלדקאָרן — און איך האָב טאָקע דאָס שפּעטער־באַקומענע בוך גאָרנישט געפונען שוואַכער; ס׳איז דער טיטל בלויז פון צווייטן באַנד מער אַנציענדיק.

קאָן מען דען נישט לייכט פאַרגלייכן דאָס רעוואָלטירנדיקע גראַמען־מעשהלע מיטן בלויזן טיטל פון „די וואַסער־אַרענדאַרן״, צו יענע שבטים, וואָס הערשן איבער די נאַטור־אוצרות פון דער פּעטער פּליסיקייט פון די נאַפט־קוואַלן, וואָס מאַכן דרייען די רעדער פון דער וועלט? דאָ באַווייזט דער שטאַרקער זיין זיכערקייט און די וועלט איז אים אונטערטעניק:

„מאָראַל דאַרף מען נישט זוכן ביי די האָטענטאָטן —
פאַראַן אַנדערע, וואָס שטעלן זיי אין שאָטן;
אויב איך רייס פון דיר די הויט, בין איך אַן ערלעכער;
אויב דו ווערסט זיך — ביסטו אַ רויבער אַ געפערלעכער״ (ז׳ 39).

ווען אַ צייכענער שאַפט אַ בילד פון אַ מענטש און ער פעלשט (נישט ווילנדיק) די פּערספּעקטיוו, וואָס טיילט אָפּ די שטריכן פון מענטשלעכן פּנים, ווערט דאָס בילד אַסימעטריש. דער משל מוז דווקא אויסקרימען, בכדי צו מאַכן דעם סך־הכל און צענזורירן דאָס שלעכטס. לייענענדיק האָב איך צופעליק געהאַט אויפגעשריבן אייניקע שורות וועגן אַדוואָקאַטן און משפּטים. ווייס איך נישט, צי דאָס איז געשען אונטערן איינפלוס פון לייענען, צי איז דאָס סתם געווען אַ צופאַל, ווייל שפּעטער האָב איך זיך אָנגעטראָפן אין זיין ערשטן בוך, אויף דעם משל „דאָס געריכט״... אפשר מעג מען זיך אויסדריקן, אַז ס׳זענען נישט פאַראַנען קיין צופאַלן? ביים אַדוואָקאַט שפּילט נישט אַלע מאָל די ראָלע די מאָראַל, ווייל די אַנגאַזשירונג פון דער דאָזיקער דיסציפּלין פון יוריספּרודענץ, פאַלט אויפן שווערפּונקט פון מאַטעריעלער לעבנס־הכנסה. דעריבער פּרעדיקט מען ווי פאַרטיידיקער אָדער אָנקלאָגער — לויט די פּערזענלעכע אינטערעסן. אַ פּאָעט נעמט אַריין דעם גאַנצן אוניווערס און לאָזט אונדז נאָך איבער אַ נשמה יתרה. די גאַנצע כאַראַקטעריסטיק פון טייל משפּטים ליגט אין

דעם געהאַמערטן טאָן פון דעם לעצטן פערז און קלינגט אין אַ דרייסטן קרעשטשענדאָ, וואָס דערמאָנט אין עמיל זאָלאָס „זש'אַקיז" (איך באַשולדיק) „דאָס געריכט" (ז' 52).

„ס'איז גאָר טרויעריק און ביטער,
ווען מען מוז היטן די היטער,
און דער פּאַלאַץ פון משפּטים און געזעצן
איז אַ באַלאַגאַן פון אינטריגעס און העצן".

דאָס איז דער סאַמע ערלעכסטער אָפּשאַץ פון אַלע געמשפּטע, וואָס ליגן אונטער אַ נומעריש, שטראָף־אַרטיקל אָדער פּאַראַגראַף, זענען אַ סך מאָל קרבנות פון „גערעכטיקייט". ביי דעם משל האָב איך אויפגעשריבן גרויס, לויט דעם מחבר; מעג מען דעריבער שאַפן אַ סופּערלאַטיוון קאָמ־פּאָנענט גרויס־אַרטיק!

נאָך אַלע ציטאַטן און אייגענע באַטראַכטונגען, וואָס מען קען צוגעבן אין אַן אָפּהאַנדלונג וועגן אַ בוך, איז עס קיין מאָל נישט גלייכמאָסיק צום באַגלייטן דעם מאָדעל; ס'איז דאַכט מיר ווי מען וואָלט עפּעס אָפּגע־שפּיגלט אין אַן אָפּגעריבענעם שפּיגל... דער דאָזיקער געדאַנק קאָן אפשר איבערצייגן, אָדער אָפּגעפרעגט ווערן דורכן לייענער פון די משלים און עפּיגראַמען פון יצחק גאָלדקאָרן.

י. ח. בילעצקי

„שורות זעכצן — (לידער פון צווייטן גילגול)"

געקומען פון אַ באַזוך אין ישראל און געטראָפן די פּיראַמידע פון ביכער נאָך העכער אַרויפגעטורעמט. דערהאַלטענע ביכער־מתנות, מוז מען לייענען, מען טאָר זיי נישט פאַרשעמען. איז ביי מיר אפשר דער כאַראַק־טער אַזוי פעלערהאַפט, אַז איך נעם נישט דאָס בוך לויט דער ריי אַזוי ווי זיי זענען קלאַסירט געלייענט צו ווערן, נייערט איך זוך דעם נאָמען פון מחבר, וואָס פאַסצינירט מיך פון עפּעס שוין געלייענטן פון אים. עס באַצווינגט מיין דערבאַרעמדיקע האַנט צו נעמען דאָס, וואָס וועקט ביי מיר אַנגענעמע אַסאָציאַציעס פון פאַרברענגטע שעהן ביי זיין ווערק. אַזוי איז דער גורל געפאַלן אויף י. ח. בילעצקיס בוך: „שורות זעכצן". דערצו האָט אויך בייגעשטייערט זיין דאַנקעסיי צו וועלכן איך וועל צו־שטעלן צוויי גרויסע חת'ן: חן און חכמה, וואָס ער האָט געלייענט פאַרן באַקומען דעם ליעסין־פּרייז פאַר זיינע ווערק, ליד און עסיי. און געקומען איז נאָך פון ערגעץ אַ ליכט־סיגנאַל פון זיין פּאָעמע: „ביים קוואַל פון קאָצק", וואָס האָט בשעתו מיך אָפּגעפרישט, ווייל שיינע ליטעראַטור איז ריינער זויערשטאָף.

אַ קליין בוך, פון 150 זייטן און יעדעס ליד איז אַן איבערלעבונג מיט וואָס מען באַגערט זיך צו טיילן, ווייל זיי פאַרקערפּערן אין זיך דריי עלעמענטן: שיינגייסט, מאָראַל און פּאָעזיע. דאָס ערשטע ליד הייבט זיך אָן ווי תהילימדיק; ס'איז אַ „מזמור שיר" צו לייוויקן און ברענערן ז"ל. ס'איז אַ ריטמישער אַריינפיר צו צערטלען און כאַוון די יידיש־ליטע־ראַטור מיט אַן אייגענעם כוח, וואָס שפּאַרט זיך פון אַלע דיכטערישע געוועבן פון מחבר — נישט נאָר צוצולייגן ציגל צום געביי, נייערט אָפּ־

צוהיטן דעם פאַראַנענעם בנין און צושטעלן נייע בנינים: „לייוויק און ברענער״ — פון דאָס ניי לאָמיר יידישע אותיות צעזשאַרען אין פייער.

פאַר דער היסטאָרישער און געאַכפּערטער פיגור פון ברוך ספּינאָזאַ האָבן שוין אַ סך קינסטלערס געהאַט אַ פּאַסיע און געגומען ווי אַ מאָדעל, אַ פּראָטאָטיפּ פון אַן ערלעכן דענקער און פאַראייביקט אין אַלע זשאַנערן פון דער ליטעראַטור. אין פּאַריז איז באַקאַנט אַ טעאַטער־פּיעסע פון דראַמאַטורג און עסייאיסט דר. חיים סלאָוועס: „ברוך פון אַמסטערדאַם״. אויך דעם דיכטער בילעצקי האָט עס אַ רייץ געטאָן און ער שאַפט אַ נאַראַטיוו בילד, ווו ער שטעלט פאַר די געקומענע מאָנען די חשבונות נאָך זיין טויט: „אויף דער ליציטאַציע האָט מען פאַרקויפט, פאַרשיידענע כלים צום שלייפן, גרויסע און קליינע, נאָר קיינער האָט נישט געקויפט זיין אמת, זיין תפילה, זיינע געבעטן״. (ז׳ 13).

אין די געגראַמטע „שורות זעכצן״ זענען צענטראַליזירט יידיש־שרייבערס, קלאַסיקערס, וואָס שטייען שוין אין דער ליטעראַטור־געשיכטע אויף הויכע פּיעדעסטאַלן. זייערע העלדן אין די לידער דערמאָנען שוין די מחברים. אַלע צוזאַמען לעבן ווידער, נאָר אין קורצן ליד אַזוי ווי דער פּאָעט האָט זיי אויפגעוועקט מיט זיין פּאָעטישן רוח־החיים. מען זעט דעם צעפּלויגענעם מנחם מענדל פון יענער נויט־אָרעמקייט. מענדעלעס קליאַטשע, וואָס איז אַריינגעוואַקסן אין אונדזער געדעכעניש פון די פריע שוליאַרן, געפינט מען צוריק אָפּ אין זיינע שורות. אַ באַזונדער פּאָעטישן שוווּנג באַקומט דער בראַצלאַוער, וואָס פאַראַדירט אין פאַרשיידענע פיצלעך פראַגמענטן, וואָס באַקומען אַ פּיקטוראַלע עלאַסטישקייט. ווען מע לייענט דאָס בוך זעט מען וויפל מען דאַרף נאָך סילוקן מיט כבוד־התחייבותן אונדזערע שיינע פיגורן פון דער ליטעראַטור. ערגעץ ווו איז אַריינגעשטאָכן אין אַ שורה די מאַרציפּאַנישע דיכטערין קאַדיע. אין אַנדערע גרופּן־סטראָפן שליסט ער אויך איין אוניווערסאַלע שטערן: אַ טייל פון די גרעסטע. — נישט סתם צוליב קאַקעטעריע געפינען מיר זיי אין זיינע פערזן. ער האָט זיי טאַקע געלייענט און ערנסט געצערטלט זייערע ווערק. אונדזער נאָענט־ווייטער הייגע אויף זיין „מאַטראַצן־קבר״. וואָלפּגאַנג געטהעס דראַמאַטישע העלדן: די יוגנט־ליידן פון דער טראַגעדיע

פון פאַרליבטן „ווערטהער״. לייענענדיק דעם דיכטער י. ח. בילעצקי, מאַכט מען אַזוי אַרום קאַנטשאַפּט מיטן אינטעלעקט. פון דעם ליטעראַריש־קינסטלערישן פירמאַמענט קומען מיר צו דער סטראָפע:

„איין גרויסן פילאָסאָף האָב איך געקענט:
פון מיין בית־מדרש — דער אַלטער שמש.
האָט ער איין מאָל צו מיר אַזוי געזאָגט
די נשמה ליגט אין דיינע ד׳ אמות״.

צי קאָן מען זאָגן איבער די זיבן אותיות פון מוזיק, וועלכע ס׳איז די שענסטע נאָטע, ווען זיי זענען אַלע אָרקעסטרירט אין אַ סימפאָניע? צי קאָן מען באַצייכענען דאָס שענסטע ליד פון בוך — טראָץ די ציטאַטן? ניין. דאָס ליד ווי אַלע זשאַנערן פון קונסט פילט מען אָפּ. ס׳מוז איבערציִיגן דורך דער אייגענער סוביעקטיווער אָפּטיק.

אין בילעצקיס שירים איז פאַראַן מחשבה, ריטעם און מוזיק — מיט איין וואָרט. דיכטערוואָג! אפשר האָט דער דיכטער אַזוי פיל נישט געררייזט איבער דער וועלט, נאָר ביכער האָט ער אַ סך דורכגערייזט און פאַרדייעט — אָבער נישט געזעטיקט. דעריבער הערן מיר און מיר וועלן נאָך הערן פון אים די אַקאָרדן פון געדאַנק און געזאַנג. דערווייל אַ באַגרינדונג מיט אַ ציטאַט:

„אימאַזשן אין דעם וואָרט,
און אַלץ די מעטאַפאָרן,
אַלע כלי־נגינה
באַגלייטן מיינע יאָרן. (ז׳ 35).

ביי די מיינסטע לידער, טראָץ די אַליטעראַציעס פון די אָנהייבשורות ביי די סטראָפן — (אָן אַלטער גערמאַנישער מאָניער) איז דער אידעען־גאַנג נישט אַלע מאָל געפירט פון דער ערשטער שורה ביז דער לעצטער פון די זעכצן שורות. יעדע שורה קאָן באַרירן אַ טעמע; ווערט

דערפון אַ קאָמפּאָזיציע ווי ביי אַ מאָלער די האַרמאָניע פון אויסשטעלן אָביעקטן, אָדער דער שאָק פון דיסהאַרמאָניע: קריטיק אָדער חוזק, יעדנ־פאַלס אָפּענער דואַליזם! דער פּאָעט איז ביי זיך אין לאַנד און מיט וויפל שמייכל־שאַרפע קריטיק מען קאָן עס טייטשן — אויך פאַר זיך קריטיק:

„אויך אויף אייגענע ד׳ אמות קענסטו גלותן דיין לעבן
מיט צעפּליקטע קליידער פון מענדעלעס קבצנים.
אויך אונטער בלויע הימלען און כנרת־בלויע כוואַליעס
קען שפּרייזן מנחם־מענדל מיט אַ בערזע־פּנים. (ז׳ 41).

אָבער פּונקט ווי אין אַ כאָר איז דאָ אַ פאַרשיידענע טאָנאַליטעט, געפינט מען ביי דיכטער אַ וויכן און רירנדיקן שבח פאַר זיין היימלאַנד. אין אַ ליד, וואָס סימבאָליזירט דעם לעצטן חורבן דורך דעם מיןביימער פון אונדזער צעוואָרפנקייט. אויף זייט 117 זינגט זיך אַזוי:

„אויב די בעריאָזקע און די ווערבע האָט אויסגעריסן אַ געוויטער,
און פאַרשניטן איז דער עפּלבוים און די פּוילישע טאָפּאָליע,
זיצט דאָרט אויפן ירדן אַ שמע־ישראל־היטער״.

אויסלאָזן זיך אַליין, איז אַ יידישע מידה, ס׳איז אַ פאַרדינטע באַשיידנקייט. ווען מען הייבט אָן לייענען אַ ליד, דערוואַרט מען עפּעס און אײדער וואָס־ווען, ווערט מען איינגעקלאַמערט מיט אינטערעס. דער אויפטו פון אַ ליד קאָן אויך זיין אַ רעוואָלטירנדיקע אַקציע, עפּעס אָפּוואַרפן מיט אַ וואָרט־האַסלע. — מען וואָלט געזאָגט, אַז דער דיכטער י. ח. בילעצקי דאַוונט אין די צוויי פאַר תפילין, פון רש״י און זיין אייניקל רבינו תם... ער איז רעליגיעז־דיכטעריש, שאַפעריש; ווייל ער איז אָנגעפּילט ביז איבערן אויג מיט בילד און איבעראַשנדיקע מעטאַפאָרן. ביי אַ ליד, אַ צוואה, וואָס דער מחבר האָט פאַרשלאָסן אין אַלמער און מען האָט ביים לייענען אָן אויגנבליקלעכן אינטערוואַל פונעם האַרץ־

אַפּשטעל, מעג מען ביי דעם ליד צושטעלן „ווונדערלעך״. גיב איך איבער דעם לעצטן פּערז:

„דאָך איין מאָל אין אַ נאַכט האָב איך דערזען:
די צוואה האָט אַליין אַ נייעם טעקסט פאַרפאַסט,
פון דאַן בייטן זיך די טעקסטן יעדע נאַכט
איך האָב זיי אין אַ רעמל איינגעפאַסט. (ז׳ 146).

אויב ס׳איז פאַר עמעצן מטושטש, אַז די צוואה האָט אַליין אַ נייעם טעקסט פאַרפאַסט, קאָן מען דאָס אָנרופן, קינסטלערישן ליגן, דאָס איז דער ציטער פון אַ פּאָעט ביי דער כסדרדיקער אַרבעט פון שלייפן זיין יצירה — אין הסכם מיטן פראַנצייזישן פּאָעט און קריטיקער בואַלאָ:

„צוואַנציק מאָל אויף דיין באַשאַף לייג אַרויף דיין האַנט״.

און אָט איז אַ ליד כמו אַ משל:

„האָט דאָס פערד זיך איינגעשפּאַרט:
איך גיי נישט מער אויף קיין מלחמות. (ז׳ 130).

דאָס פערד דערמאָנט גלייך דעם רייטער אויף אים און דאָס איז דער אַלעגאָרישער הינטערגרונט — אַ סוף צו די מלחמות. דער מענטש ווערט פאַרגילגולט אין אַ פערד און דער נמשל לייענט זיך אַליין אַרויס פון דער ווידערשפּעניקייט פון פערד.

אין דער גאַנצער פּאַלאַנגע פון שרייבערס, וואָס זענען גרופּירט און צעוואָרפן אין דעם בוך, שטרייכט דער מחבר אונטער די גערעכטע פּירער פון מענטשלעכן גייסט. ער גלייבט אין זיי און דאָס פאַרוואַנדלט זיך ביי אים אין אַ לירישן אַני־מאמין; מען קאָן אַפילו דערמאָנען בלויז צוויי פון זיינע עטישע רביים, ה. לייוויק און אברהם ליעסין, וועמענס לערע ער האָט אַדאַפּטירט. אגב, דרימלט אין מיין ביבליאָטעק אַ בוך פון זעלבן מחבר, י. ח. בילעצקי, אַרויסגעגעבן אין ישראל אין יאָר 1967, און

ס׳רופט זיך „לידער צום מענטש״. אין אַ ליד אין פריען פערז געווידמעט זיך אַליין — זאָגט ער:

„איך בין נישט קיין ירא־שמים, נאָר אַ ירא עדה.
איך טרינק פון מיים־חיים קוואַלן, פון ביידע —

און פאַרענדיקט:

„פון דער עדה און פון יחיד אויף דער עקדה״.

ס׳איז אפשר נישט מיין סאַמע בעסטער ביילייג צו זיין הומאַניסטישן צוגאַנג, וואָס דינט דעם מענטש דורך ליטעראַטור. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז צווישן אַלע קאַליזיעס צווישן מענטש און זיינס גלייכן, איז דאָס אַרומנעמען אַלץ און אַלעמען, די גרויסע ליבע צו דינען דעם מענטש. דאָס אויבן ציטירטע איז אַ פּאַראַלעל צו דעם דיכטערס איינשטעל, דרך ארץ.

דער דייטשער פילאָסאָף ניטשע, האָט געהאַלטן, אַז דער אומוויסנ־דיקער דאַרף באַדינען דעם געלערנטן. „ניכטס איז וואַר, אַלעס איז ער־לאָובט״. דאָס איז אַ „לערע״, וואָס באַרירט זיך מיט דער דייטשער קריטעריע פון סופּערמענטש. אויך אַריסטאָטעלס פּרינציפּ איז אַן ענלע־כער, אַז בלויז די ליבהאָבער פון חכמה זענען אומשטאַרביק. אָבער אין אַ קאָנטעקסט פון פּרקי אבות, האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף אַ חז״ל־ווערטל פון ר׳ אליעזר בן פדת — פון וואַנען איך ציטיר דעם עיקר, אַז סיי געלערנטע, סיי אומוויסנדיקע האָבן אַ חלק אין עולם הבא.

פון דעם רעליגיעזן באַגריף שאַפט דער דיכטער אויך זיין ליד: „אין אַ זאַטער וואַרעמער וועלט; — איז עולם הבא אַ נפטר, נישטאָ״.

צווישן די חז״ל און איבערגעזזרט אין אַ קורצער פאָרמולע פון הרב מרדכי הערשבערג, לייענען מיר: „דורך דעם, וואָס איר וועט אויפשטעלן אַ סך תלמידים, וועט איר מאַכן אַ צוים אַרום דער תורה״. זי זאָל נישט פאַרגעסן ווערן. מען דאַרף דאָס ווערטל גאַרנישט פאַראַפראַזירן צו מיין טעקסט. איז דאָך דאָס קנעלן מיט תלמידים פון דר. י. ח. בילעצקי וואָס

האָט אַ קאַטעדרע אין רמת־אביב, אַ דערהויבענער טאַט, ממש אַ מצווה! און ער גיט נאָך טייל מאָל אויך לעקציעס אין דער טעלעוויזיע.

דער דיכטער איז אַ דערוואַקסן קינד, וואָס שטעלט פּרעגצייכנס, ער שטעלט זיי אַרויס צו דער וועלט אין זיינע שירים. ווער פּאַלט דאָס נישט אַרונטער פון אַלע הויכקייטן אין אַ פרעגצייכן?

„פון וואַנעט דער שכל ביי וואָרצלען
צו גראָבן אין טיפן?
פון וואַנעט די חכמה פון אויגן
ווען ס'רינען טרערן?".

נישטאָ קיין ענטפער. בלויז אימאַזשינאַציע און גראַם שליסן אָפּ דאָס ליד.

אַ טיטל צו אַ ליד איז אַ קאָנדענסירטער אַריינפיר צום ליד, אַ טירל צום כיבוד, מיט וואָס דער דיכטער איז אונדז מכבד. ביים דיכטער י. ח. בילעצקי קומט מען גלייך צום קאָמפּלעקסן סכום פון מחשבות אָן טיטלען. — פאַראַן אַ פראַנצייזיש שפּריכוואָרט: „דער הוט שאַפט דעם מענטש". אינטערפּרעטירט זיך דאָס ווי דער אויסערלעכער סטיל פון זיין הלבשה. אָבער אַ ליד איז פשוט דער לאָקיי, וואָס פירט צום בעל הבית און באַדינט גלייכצייטיק דעם לייענער, אַזוי אַרום איז דער וועג נישט בלאָקירט צו דעם, וואָס האָט אונדז עקזאַלטירט. דאָס איז אַ מאָדער־ניסטישער איינפאַל, וואָס מיר געפינען אויך אין די „לידער פון טאָגבוך" פונעם שפּראַכמייסטער אברהם סוצקעווער, נאָר ביי אים זענען אָנשטאָט טיטלען צום סוף, נומערירט די אָנהייב־שורות פון יעדן ליד. אויב נישט, דאַרפן מיר דערצו אָנווענדן אַ נייע לייען־טעכניק צו קאָנען לייכטער צוריקקומען צום ליד, בכדי נאָך אַ מאָל לייענען; ס'איז כדאי ווען מען באַהאַנדלט אַ בוך. בשייכות דערמיט וועל איך מיך באַניצן מיטן לאַטיי־נישן מאַקסים: „קי סקריביט ביס לעגיט" (ווער עס שרייבט מוז לייענען צוויי מאָל) — אפשר נאָך מער! אויף זייט 48 איז פאַראַן אַזאַ אָנהייב

„אַ ליד זוכט אַ נאָמען", איז דאָס דווקא אין איינקלאַנג מיט מיין חבלי־זוכן...

ווידער אַ ליד, וואָס זינגט זיך אַזוי:

אין דעם לייטער אַ צעבראָכענער שטאָפּל, נאָר כ'האָב געקלעטערט.
געהאַלטן אין האַנט אַן אַלט ספר און געבלעטערט.
געזוכט חכמה און פאַרשטאַנד; וויפל מעת־לעתן, וויפל וואָכן
דאַרף דער מענטש ווי איך צו הימלען גרייכן,
ווען דער לייטער איז צעבראָכן. (ז' 32).

דאָ איז נישט אַוועקגעשטעלט קיין פּרעגנאַנץ. מיר שנײַדן גלייך די שפּראַצן, וואָס צעוואַקסן זיך אין די ווייטערדיקע שורות. די חכמה פון דעם ליד איז קינסטלערישע וואר, אַרבעט!

פאַרריכט דעם שטאָפּל אין דיין לייטער — בייטאָג, ביינאַכט, באַגינען
דאַן וועט דיר דער קרומער לייטער גלייך דיין ציל געפינען,
יעדער שטאָפּל צו די הימלען וועט פירן דיך באַזונדער,
אין דעם אַלטן ספר וועסט פאַרשרייבן נאָך אַ בלעטל פון ניסים און פון וווּנדער.

דאָס איז אַ קלאָרער באַווייז, אַז דער דיכטער איז אָנגעשטעקט מיט יידישער לערע און גאונות און מיט אוניווערסאַלע פילאָסאָפן. האָט ער זיך טאָקע איינגעשפּאַנט אין עול, אָדער בעסער געזאָגט, דער עול האָט אים איינגעשפּאַנט צום שאַפן און האַלטן אים אין די לייצעס — אויך פון פאַרשפּרייטן זיינע קענטעגישן. ווען מען איז עוסק אין קונסט בלחש און בציבור, קומט אויך אויף אַ ליד פון ספקות און סך הכלען:

ספק, ספק, באַגלייטער אין מיין שטילן אומרו,
מיין מיטגייער מיט יחיד און מיט כלל.

וועז אויף מיין שוועל פון לעבן שטייט דער האַרבסט
עפן איך די בלעטער פון קאַצק און פּאַסקאַל. (ז׳ 129).

כ׳ציטיר פּאַסקאַלס אַ חכמהדיקע סענטענץ, וואָס ליגט מיר אונטער דער האַנט: „ווילט איר מען זאָל זאָגן גוטס פון אייך? זאָגט גאָרנישט״. אפשר דאַרף מען דעם געדאַנק אָנווענדן פאַר דער קריטיק?... אָבער נישט אין דעם פאַל פון אַן ענטוזיאַסט, וואָס מוז זאָגן, ווי קאָן מען נישט דערמאָנען, אַז ה. לייוויקס גייסט שוועבט אויף די בלעטער פון באַהאַנדלטן בוך. דער פּראַגער גולם קומט מיט אַ טענה צום דיכטער און מיר הערן זי אויס. פאַראַן אין דעם בוך אויך אַ ליד וועגן דער גאָר אַלטער ליבע־דראַמע פון טעאָלאָג אַבעלאַר און דער הייליקער העלאָאיז, וואָס איז באַקאַנט ווי ווייט רעליגיעזער פאַנאַטיזם קאָן דערגיין צו דראַס־טישע רציחות מיט אַ שניט אין סאַמע וואָרצל פון באַשאַף. אויך לייוויקן איז דאָס פרומע קאַטוילישע פּאָרל נישט פרעמד געווען. אַ טעמע, וואָס איז מסתמא אַריינגענומען אין אַלע שפּראַכן און ליטעראַטורן.

דער דיכטער איז באַלאָדן מיט בוי־מאַטעריאַל און ס׳איז נישטאָ קיין יאוש אין זיין שאַפן. ער האָט פּשוט נישט קיין צייט דערויף. דאָס איז אַ הויכע מדרגה — טראָגן אַלע צערן און ווונדן, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט איבערגעלעבט:

דאָ ליגן נאָך ציגל און הענט און אויך ליים
דאָ בויט נאָך אַ דיכטער זיין וואָרט און זיין היים.

דאָס באַשטעטיקט זיך אין צוויי שורות:

נאָר אין ריטעם פון אַ ליד ווערן ווייטיקן פאַרלוירן,
און געזאַנגען פון באַגין די אייביקייט געבוירן.

זיין אינטענסיווע אַרבעט איז אַ סובלימאַציע פאַר אַלע צערן פער־זענלעכע און כללישע.

טייל מאָל טרעפט מען זיך אָן אויף אַליטעראַציעס ווי אין תפילות.

אין אַ געבעט־ספּרל זענען נישטאָ קיין פּינטעלעך, דער דאַווענער זאָל דערזעצן דעם מיין. פּונקט אַזוי אין בילעצקיס סידורל:

חרטות אין דיין לעבן, ווי נאַכטיקע ווידויים, —
„אשמנו", „בגדנו", —
ציילסטו די חטאים און טונקל ווערט געפיל און טונקל
ווערט געמיט. (ז' 69).

אַ שרייבער וועט זיך מוזן אָפּשטעלן מיטן גאַנצן ערנסט און פּינעזיע דערויף, אין וועלכן זשאַנער דאָס זאָל נישט זיין.

צופלוס און איבערפלוס ביים שאַפער. דער מחבר באַקלאָגט זיך אין אַ פּאָרעם פון אַ בריוו־ליד צום קאָלעגע א. א. אָליצקי. יאָ, דער פּאָעט איז געבענטשט און אויך געשטראָפט. דער פּאַראַדאָקס איז אָפט אַ שטי־מונגס־באַצייכענונג ביי יעדן פּאָעט. אָבער וויפל דיסציפּלין פּאָדערט דער דאָזיקער איבערפלוס, אַז מע זאָל דאָס קאָנען עקספּלואַטירן אין אַ באַ־הערשטער גלייכוואָג, וואָס העלפט דעם מחבר צו אָרגאַניזירן דעם ווית־רוצו פון ריכטונגען. סוף כל סוף איז דאָס דאָך די פרייד פון שאַפן. אַ בוים אַן איבערגעלאָדענער מיט פּרוכטן מפּלט טייל מאָל אויך מיט פּאַלשע בליטן...

שוין גאַנץ לאַנג, זייענדיק אין ישראל, האָב איך זיך אויפגעהאַלטן אין תל־אביב אויף רחוב בירנבוים ביים מעטאַל־פּלאַסטיקער אריה מער־זער ז"ל. די מערזערס האָבן געוווינט בשכנות מיט די בילעצקיס, אויף לאַנגע יאָרן. כ'בין אַריינגעקומען זאָגן „שלום" דעם דיכטער. איך האָב אים דעמאָלט נישט געטראָפן. עס האָט מיך אויפגענומען זיין פרוי — און דער שענסטער כיבוד איז געווען, דאָס ווייזן מיר די ביבליאָטעק פון דיכטער. מיט אַזאַ אוצר קאָן זיך אַ גרויסע שטאָט־ביבליאָטעק נישט פאַר־שעמען. איך בין נתפּעל געוואָרן. אַ גרויס צימער און פאַרביכערט פון אונטן ביזן סופיט. פון בילעצקי איז ביי מיר געבליבן די אַסאָציאַציע מיט זיין ביבליאָטעק. און ווען איך רעד פון איר, קומט מיר אַנטקעגן דאָס אויבן ציטירטע ליד זיינס: „פאַרריכט דעם לייטער". דאָס איז דער

סימבאָל פון קענען קלעטערן צו די הייכן פון די ספרים. אויף מיין איצ־טיקן באַזוך אין ישראל האָב איך שוין געהאַט דאָס פאַרגעניגן זיך צו באַקענען מיט אים. אין אַ קורצן שמועס האָב איך אַראָפּגענומען אַ שטריך פון מענטשלעכקייט בין אדם לחברו. דער עול פון אַ קראַנקן חבר האָט אים נישט געלאָזט איינזיצן. אויך דאָס איז אַ געהויבענער טאַלאַנט.

„לידער פון צווייטן גילגול" קאָן מען פאַרשטיין ווי אַ ווייטערדיקע און כסדרדיקע שטייגערונג.

דער אַטעסטאַט לעבט שוין אין זיין פּראַקטיקער פּאָעמע „ביים קוואַל פון קאָצק", ווו ס'איז אונטערגעשטראָכן זיין רעדלירעק, דאָס וואָס דער פּאָעט האָט אַריינגעלייענט אַריינגעלערנט — און דאָרט האָט באַקומען אַ תיקון די גבורה פון אַ מענטשן־עקזעמפּלאַר ר' מענדעלע פון קאָצק. זיין עסייאיסטיק פאָדערט אַ באַזונדערע באַהאַנדלונג. ביי אַ מאָנאָגראַפיע וועגן אַלע ווערק פון דיכטער און עסייאיסט ישראל חיים בילעצקי וואָלט מען געקאָנט דערגיין צום אַפּאָטעאָז פון זיין ביז איצטיקער יצירה.

די פּאָליגלאָטן פון אונדזער מדינה, די זעקסשפּראַכיקע געלערנטע דאַרפן זיך אַוועקזעצן לייענען, כאָטש בלויז אַ טייל פון די ווערק פון דעם איצט באַהאַנדלטן דיכטער. זיי וואָלטן זיכער פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און נישט אָפּגעוואָרפן מיט ברוגז די יידישע שפּראַך אין וועלכער ס'איז דאָ אַ יידיש־ליטעראַטור, וואָס רעדט צו אונדז אָן־און־פאַר־זיך אינדי־ווידועל און סוווערען.

יחזקאל קאָרנהענדלער

„יידן אין פּאַריז" — (אַ בוך — אַ מדריך)

אַ ייד איז אַזאַ עקזאָטיש געוויקס, וואָס נעמט זיך אָן אין יעדן באָדן, און ווען מען שניידט עס נישט אונטער און מען וואַרפט עס נישט אַוועק אין מיטן וואַקסן, וואָלט מען ערשט גוט פאַרבלעפט געוואָרן פון דער יידישער גייסטיקער גבורה, וואָס אונדזער גענעאַלאָגישער בוים פאַרמאָגט און קאָן פון זיך אַרויסגעבן.

דר. יצחק קאַנטער אין זיין באַלערנדיק בוך: „דאָס יידישע געמיט", באַצייכנט דעם סופערלאַטיוו: „אתה בחרתנו מכל העמים", ווי אַ להכעיס־דיקער אַליין־לויב פון דעם קליינעם צעוואָרפענעם פאָלק. שווער מסכים צו זיין מיט דעם, ווייל לויט דער פּראָפּאָרציע צווישן פעלקער, האָט דאָס יידישע פאָלק זייער הויך דערגרייכט. וואָרעם אויך אויסער די גאונים פון דער ווייטער צייט, האָבן זיך דורות יידן איינגעביסן אין פרעמדע קולטורן, און האָבן דעריבער דאָס רעכט זיך אָנצורופן — „דאָס אויסדערוויילטע פאָלק".

און פון דאָגען צו אונדזער יחזקאל קאָרנהענדלער.

דער צווייטער באַנד: „יידן אין פּאַריז" איז אַ ווייטערדיקער טייל פון זיין ערשטן: „מאַטעריאַלן פאַר יידישער געשיכטע". די צוויי בענד אָריענטירן אונדז אין איין אידעע־ריכטונג פון וואַנען דער טיטל באַקומט אַן אינטעגראַלע דעקונג.

קאָרנהענדלער איז אַ יידישער פראַנצויז, וואָס האָט זיך אויסגעקאָכט צווישן די שטיינער און מאָנומענטן פון אַלטן פּאַריז. געקומען אין יאָר 1923 און דאָ אָנגעהויבן דעביוטירן מיט זשורנאַליזם, דאָמינירט די שטאָט פּאַריז ביי אים אויך אין אַנדערע זשאַנערן פון זיין שאַפן.

קאָרנהענדלער איז די האַרמאָניע פון גוף און גייסט, וואָס פּאַר אים לאָזט זיך אָנווענדן דאָס קלאַסישע, לאַגיש־פאַרבונדענע ווערטל: „אַ געזונטער גייסט אין אַ געזונטן גוף". שטענדיק לויפט ער, קיין מאָל האָט ער קיין צייט נישט, און לעבט אין אַ גייסטיקער שפּאַנונג פון עפּעס טאָן. ווי קאָן מען דאָס אַנדערש פאַרשטיין און נישט גלייבן, אַז ער לייענט גייענדיק, שטייענדיק און פאָרנדיק?... מען קאָן אים טאַקע טרעפן מיט אָפּגעבלאַקעוועטע, אויסגעריסענע בלעטלעך פון אַ פראַנצייזיש טאַשנבוך, וואָס ער האַנדלט אײַן ווי אַ מציאה, און ס'איז באַשטימט ביי אים אויף אויסצולייענען און אָוועקצוואַרפן...

באַקאַנט אין דער ידישער וועלט ווי אַ טיפּישער פאָלקסמענטש, אַן אויטאָדידאַקט מיט אומרו, וואָס לערנט זיך, און האָט אַ ווילן צו לערנען אַנדערע. מען קאָן אויף אים זאָגן, אַז די גאַנצע טאָפּאָגראַפיע פון דעם שיינעם פּאַריז שפּיגלט זיך אָפּ אויף זיין האַנטפלאַך. אַ לאַנגיאָריקער מדריך, קענען אים די שטיינער און מאָנומענטן, וועלכע אינספּירירן אים, און ער ברענגט צו אונדז זייער געשיכטע. אמת, דאָס זענען נאָר כראָניקאַלע אַרבעטן, אַ מאַטעריאַל פאַרן היסטאָריקער; דאָס גיט אונדז אָבער אַ רעגיאָנאַל בילד פון „ייִדן אין פּאַריז", ווייל זיינע ביכער אויף אונדזער מאַמע־לשון זענען אַ געהילף צום זכרון, צו דעם וואָס מיר ווייסן פּילווייניק, האָבן שוין געזען און געלייענט.

דאָס באַקאַנטע קהלת־ווערטל "אין כל חדש תחת השמש" (נישטאָ קיין שום נייעס אונטער דער זון), איז נישט אַלע מאָל גילטיק און מען קאָן דאָס נישט תמיד אָנווענדן צו אַ קולטור־היסטאָרישער אַרבעט, וואָס פאַרלאַנגט אַ גרויסע דאָקומענטאַציע, און וואָס מער מען גראָבט אין אַרכיוון און ביכער, אַלץ ליכטיקער ווערט פאַר די אויגן און מען מוז רעפאָרמירן דעם „אין כל חדש", אויף יש חדש תחת השמש. זענען דאָך ווייט נישט אַלע קוואַלן אויסשעפּלעך פאַרן דויער פונעם מענטש.

ביים אָנהייב פון בוך פירט אונדז דער מחבר אַריין אין ייִדישן תחום פון רי דע לאַ האַרפּ; אַ שיינער סימבאָלישער אויסבייט פאַר דער אַלטער „ייִדנגאַס", ווו ס'איז געהאַנגען אַ שילד, וואָס ווייזט דוד המלך מיט זיין האַרפע... ייִדן האָבן דאָ געשלאָגן טיפע וואָרצלען, ווי איינגע־

פונדעוועטע בירגער אין פּאַריז, און האָבן שוין אין די אַנטיקע צייטן פון די געטאָ־פּאַראַפּיעס געליטן פון גירושים. וואָס האָבן צעטרייסלט זייערע עקאָנאָמישע און קולטור־פּאָזיציעס אין לאַנד און באַשאַפן דעם געדרודפטן וואַנדערער. בכדי צו קומען צו די סיבות וואָס האָבן דערצו געפירט, לויפט אַדורך אַן עפּיזאָדישע ליניע פון סאָציאַלן און עקאָנאָמישן מצב אין לאַנד; מיט איין וואָרט: די פּאָליטישע טיפּאָלאָגיע פון מלוכה־רעזשי־מען ווי יידן זענען אַריינגעדרונגען מיטן אַקטיוון לעבן, צום סוף האָט מען אַ תל געמאַכט פון יידישן לעבנס־שטח און געביטן דאָס בית־עולם אויף אַ מאַגאַסטיר. אין די באַשרייבונגען בייטן זיך תקופות ווי אויף אַ פילמלענטע. ווען ס'קומען פאַר קריסטלעכע שפּאַלטונגען פון פּאָליטי־שע רעזשימען, געניסט דער דריטער צד — דער ייד... מיר לייענען דאָס בוך ווי מיר וואָלטן שפּאַצירט און געקוקט אויף די גאַסן און מאָנו־מענטן, מיט וועלכע דאָס בוך איז אילוסטרירט. באַקאַנטע פיגורן, אָפּ־שטאַמיקע פון יידן און אָפּגעפרעמדטע, ווערן איינגעשלאָסן אין דער פראַנ־צייזישער געזעלשאַפט און פאַרנעמען הויכע אַמטן. אַזוי טרעפן מיר זיך אָן אויפן באַרימטן שרייבער און עסייאיסט מישעל מאָנטעין, מיט וועמענס מאַנומענט ס'באַרימען זיך פראַנצייזן.

ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז די אַקציע פון אַסימילירן אַ פּעאיקן יידישן בירגער איז נישט געווען קיין שווערער פּראָצעס; מען האָט אים אַנט־קעגן געטראָגן מעגלעכקייטן, וואָס האָבן גערייצט זיינע אַספּיראַציעס, איז ער לייכט אַריינגעוואַקסן אין אַ פרעמדער געזעלשאַפט און געדינט אויף אַלע מעגלעכע געביטן אין דעם צוגעאייניקטן פאָטערלאַנד. דאָס גליק־אומגליק איז, וואָס דער יידישער געני אַסימילירט אויך גרינג קולטורן, און פּאַראַלעל דערצו איז דאָס שוין אַ שוווּנג זיך צו אַנטוויקלען אין אַ פרעמדן בוים ווי אַ גרעפטונג פון אַ ספּעציעלן טיפּ פלאַנץ.

צוויי הויפּט־אידעען דאָמינירן אין קאַרנהענדלערס שאַפן; ליבע צו שיינער קונסט און צו יידן איבער דער וועלט. כאָטש אין זיין אויפפירונג איז דער מערקצייכן וואָס שייך יידישקייט, אַ דורכאויס ראַציאָנעלער, איז ער אָבער דערביי אַן אומקאָמפּראָמיסלעכער קעמפער פאַר זיין אַ גאַנצער

ייִד. ער איז שטרענג צו יענע ייִדן, וואָס ליגן נישט אונטער קיין שום דרוק, און פּוצן זיך דווקא אין פרעמדע פּעדערן. ווען מען וואָלט געקאָנט אָפּשאַפן די צווישנמענטשלעכע רעליגיעזע שנאה, וואָלט אונדזער „לא תרצח״ זיך אויסגעווירקט אויך אויף די גוֹיִים. פאַר אַזאַ דיסקרעט־רע־וואָלטירנדיקן ביישפּיל, קאָן מען נעמען דעם מחבר פון בבא־בוך, דער געלערנטער דיכטער עלי לעוויטאַ (אליהו בחור), דער העברעאיש־קענער פון איטאַליע, וועמען מען האָט פאַרבעטן אין „קאָלעזש דע פראַנס״ ער זאָל לערנען די סטודענטן עברית.

מען דאַרף זיך גוט באַוואָפענען אונטערצונעמען אַזאַ גרויסע און אינטערעסאַנטע אַרבעט, און אַז קאָרנהענדלער האָט דאָס באַוויזן, זעען מיר אין דער רייכער ביבליאָגראַפיע פונעם ערשטן, אַזוי גוט ווי פונעם איצ־טיקן באַנד.

מיר האָבן נישט צו טאָן, אין דעם באַנד, מיט אַ שיכט ייִדן, וואָס האָבן זיך לאַנג אויסגעלעבט אין תחום פון דורכאויסיקער ייִדישקייט, אָבער היות ווי די צעוואָרפנקייט פון אונדזער עקסיסטענץ פאַרלאַנגט אַ קולטור פון גרעסערע דימענסיעס, האָט דערפון געגנאָסן דאָס לאַנד ווו זיי האָבן זיך געפונען. פאַראַן אויך שוואַכע כאַראַקטערן, וואָס קאָנפאָר־מירן זיך צו אַ מערהייט און ווערן דעזערטירן. נאָך אַנדערע — צוליב אַ פאַרבינדונג מיט אַ פרוי, ליבע, אַ באַקוועמלעכקייט, — האָבן געוואָרפן פאַר אַ קרבן זייער רעליגיע אויפן קריסטלעכן אַלטאַר; זיי פאַרגעסן ווער זיי זענען, ביז דאָס דערמאָנט זיי דער אַנטי־ייִד. אויסגעבייטשטע פון דערפאַרונגען, ווילן אַ טייל צוריקקומען, אָבער דאָס איז אַ ברכה לבטלה.

דאָס בוך „ייִדן אין פּאַריז״ מאַגנעטיזירט פשוט דעם לייענער, — אויך דער ערשטער באַנד, — און כ׳בין ממש אין פאַרלעגנהייט וועלכע פון די אַדורכגעפירטע ייִדישע פּערזענלעכקייטן כ׳זאָל דערמאָנען, כדי נישט אַריבערצוכאַפּן די מאָס אין אַרט. וועל איך דאָ דערמאָנען בלויז צוויי קעגנזעצלעכע פיגורן: איינער וואָס האָט מיט זיין שאַרפן כאַראַקטער ווי אַ ייִד, זיך אַליין דערהויבן, געברענגט כבוד דעם ייִדישן פאָלק און אַרויסגערופן דרך־ארץ צו זיך: מיר מיינען דאָ דעם שרייבער, אַקאַדע־מיקער זשאָזעף קעסעל, וואָס פלעגט אויסמיידן די פראַנצייזישע אַקאַדעמיע

— די פּאַרפּעסטעטע פון אַנטיסעמיטיזם. ס׳איז ווערט צו באַגריסן זיין שטאָלצע רעדע ביים איינטראָגנען אים אין אַ פּרייען פּאַטעל ווו ער האָט נישט אויסגעמיטן צו דערמאָנען פון וואַנען ער שטאַמט, און ווען ער איז געקומען אין דער הויכער אינסטיטוציע האָט זיין שווערדל פון אַן אַקאַדעמיקער, זיך אַ רייך־געטאָן מיטן אויסגעקריצטן מגן־דוד!...

די צווייטע פּערזענלעכקייט מוז מען אַנטקעגנשטעלן ווי אַ קרבן, טראָגן זיין פולשטענדיקער אַסימילאַציע. דאָס איז זשאַרזש מאַנדעל, וואָס זיין נאָמען אַליין אין שוין כמו אַ פסעוודאָנים־פּאָרטאַט, ווי אַ שטייגער דער נאָמען ראָטשילד... אַ פּאַרלאַמענט־דעפּוטאַט, וואָס האָט זיין גאַנצע מאַטוריטעט געשטעלט אין דינסט פון דער פראַנצייזישער פּאָליטיק, האָט ער נישט אויסגעמיטן דעם יידיש־טראַגישן גורל — און איז דורכן ווישי־מות, אין זיין פאָטערלאַנד, דורך אַ באַפעל פון די נאַציס דערשאָסן געוואָרן ווי אַ קרימינעלער פאַרברעכער!

דאָס מאַטעריאַל וואָס דער מחבר ברענגט אונדז אין זיין בוך, באַגלייט מיט אילוסטראַציעס, עקסיסטירט כמעט נישט ביים ברייטן עולם; זיי הייבן ערשט אָן לעבן ביי די לייענערס, נאָכן באַקענען זיך מיט דער ירושה פון אונדזער גייסטיקער אַריסטאָקראַטיע.

אַ חלק פון דעם לויב קומט דעם סקולפּטאָר מיכאל מילבערגער, וואָס האָט אין זיין בראַנדזענער ביוסט־אויספורעמונג פון מחבר, אויסגעמיינסטערט די אויסערלעכע שטריכן, אַזוי גוט ווי די אינערלעכע כאַראַקטער־שטריכן פון יחזקאל קאָרנהענדלער.

איז וואָס לערנען אונדז קאָרנהענדלערס מאַטעריאַלן? וווהין צילט זיין אידעע טראָגן דעם וואָס ער גיט געשיכטלעכע פאַקטן און נישט זיינע אייגענע באַטראַכטונגען און געפילן? דער ענטפער איז אַ קלאָרער: אַ ייד דאַרף אויסהאַלטן די פּורעניותן אין אַלע פרעמדן און נישט אַנטלויפן פון יידישן פראָנט, און נאָר אַזאַ ייד וועט מען דערמאָנען אין דער געשיכטע מיט כבוד.

„יידן אין פּאַריז״ איז פאַר אונדז אַ בוך, אַ געגרייטער טיש, מיט הויכווערטיקע שיינקייטן, וואָס דער מחבר טראָגט אונדז אַנטקעגן. זייט זיך מכבד און געניסט!

יונה בערקמאַן

(אויף די ראַנדן פו זיין בוך „ווייפרייד״)

דער דיכטער יונה בערקמאַן, ווען מע קאָן אָנרופן (אין אַ געוויסן זין) דער פּאָעטישער „באַנטשע שוויג״, האָט מיט זיין ערשטן בוך לידער „המשך״ זיך איינגעבירגערט אין דער פּאָעזיע מיט זיכערקייט פון זיין בייטראַג און מיט צוציענדיקן אויפמערק צו דעם אויטאָר און אפשר אויך צו זיין אויטאָריטעט, וואָס רופט דיסקרעט פון זיינע שירים מיט דער קענטשאַפט פון פּראָסאַדיע.

פאַראַן אין לעבן פון אַ געבוירענעם קינסטלער אַזאַ פּלאָנטער מיט פּראָבלעמען, וואָס קאָנען אונטערהאַקן די פליגל; אַ מאָל אויך אַן איינפאַכע אַנטוישונג גלייך ביים ערשטן פּלי קאָן האַמעווען די יצירה אָדער אין גאַנצן זי צעשטערן.

אויב לידער איז אַ שווערערער לייענשטאָף ווי פּראָזע, איז אָבער פאַראַן די לייען־פּריווילעגיע, אַז ס׳איז נישט געבונדן צום אויסגעשטעלטן סדר, אַז עס באַקומט זיך נישט קיין אַנאַכראָניזם ווען מען הייבט נישט אָן לייענען פון סאַמע אָנהייב, נייערט דעם ערשטן בלאַט, וואָס מע באַרירט. בין איך טאַקע צוגעגאַנגען אַזוי קאַפּריזנע צו יונה בערקמאַנס איצטיקן בוך „ווייפרייד״ און אָנגעהויבן דווקא פון סאַמע לעצטן ליד. אפשר האָט זיך דאָס געטראָפן אונטערן נייגער פון געשפּאַנטקייט, געוואָלט אומבאַוווסטזיניק שפּאַלטן דעם קאָמפּאָנענט פון די צוויי סובסטאַנטיוון: ווי און פרייד — כדי אָנצוקומען שנעלער צו דער פרייד?... „ווייפרייד״ איז אַ ריכטיקער סימביאָז פון קינסטלערישן שאַפן — פון יעדן שאַפן בכלל — הזורעים בדמעה ברינה יקצורו...

יונה בערקמאַנס לידער זענען נישט לייכט צו לייענען, און לייענען הייסט אוממיטלדיקער געניוס, פאַרגעניגן. נאָר יחידים, וואָס האָבן אַ געוווינהייט צו לייענען לידער, פאַר יענע איז דאָס אַ יום־טוב. בערקמאַנס

לידער זענען נישט נאָר אָנגעלאָדן מיט אַן אָריגינעלן מעטאַפאָר, נייערט אויך מיט אויסגערייפטקייט. ביים לייענען לעבט מען געַנוי איבער דעם דיכטערס „ווייפּרייד" פון שאַפן. כאָטש מע דאַרף זיך טייל מאָל גריבלען ווי „דער פילאָסאָף מיט דער בולקע" פון משה לייב האַלפּערן, וואָס האָט אַזוי זיך פאַרטראַכט אינעם פּראָצעס פון ווערן, פון פאַרזיי און געדיי, פון דעם שפּראָץ פון דער ברויטזאַנג און פון דעם קאָלירטן פלאַטערל אויף איר, ביז די אָנגעקוואָלענע ברוינע בולקע, איז נאָך אַלע מעטאַמאָרפאָזן געקומען אַ גרייטע אויפן טיש... מען מוז לייענען בערקמאַנען מיט אינטערוואַלן, דיסטאַנסירט נעמען געמאָסטענע דאָזעס, ערשט דעמאָלט פילט מען אַף דעם תענוג.

דער פראַנצייזישער פּאָעט פּאָל וואַלערי האָט געזאָגט, אַז אין גרונט גענומען אין דער דיכטונג שפּילט אַ ראָלע נאָר די שפּראַך. ער איז נישט געווען דער איינציקער צו דער באַשטימונג. ס'האָבן שוין פריערדיקע פראַנצייזישע און יידישע דיכטערס אויך געזאָגט דאָס זעלביקע, נאָר אַנדערש פאָרמולירט: „לידער נייטיקן זיך נישט אין קיין אידעע, נייערט אין ווערטער" (מאַלאַרמע צום מאָלער דעגא). און יונה בערקמאַן איז דווקא אַ מיליאָנער פון ווערטער, קוואַליטאַטיוו גענומען. זיי שווימען צו אים פון זיינע טיפענישן. זיין מאַניער פון שרייבן איז אַ ליריש־תפילה־דיקער — און טייל מאָל אַן אָפּפרעגנדיקער מיט אַ טענה צו גאָט און צום מענטש. יעדעס ליד זיינס איז אַ וועלט פאַר זיך, אַ דרויסנדיקס אָדער אַ ריין אינטימס, נאָר איןביידע פאַלן אויסגעגליט אין דיכטערס געמיט. דער מחבר פון „ווייפּרייד", וואָס איז געקומען אין דער ליטע־ראַטור אין די שפּעטערע יאָרן, שטאַמט פון אַ למדנישער היים. דער דאָזיקער וואָרצל שפּרייט זיך אויס איבער זיין גאַנצן שאַפן. אין זיינע לידער פונעם ערשטן ווי פונעם צווייטן בוך פילט מען מער אַף די עפּעקטן פון טרויער ווי פון פרייד. זיין ליד שפּיגלט אָרויס זיין סטיל פון לעבן, זיינע אינערלעכע קאָנפליקטן, זיין נאַציאָנאַלן צונויפבונד מיטן לאַנד. דערגרייכונגען און באַדויער — נאָר דער עיקר איז דאָס ליד, דער מענטש מיט זיין געמיט. טראָץ דעם וואָס זיינע לידער זענען אַזוי באַ־לאַסטעט מיט אומעט, אויטאָקריטיק, אָפּהאַלטן פון אַלע מינים, וואָס מע

קאָן דאָס אַריינגעמען אינעם אויסדרוק קאָמפּלעקסיק. דאָס צענטראַלע, אין תוך געגומען, איז די פרייד פון ווי — און מע קען בשום אופן נישט זיין גלייכגילטיק צו יענעמס אומעט. ווען ס׳איז אַ שטראַלנדיקער אומעט — און דערלאַנגט מען עס נאָך אין אַ שיינער פּאַקונג, ווערט פון דעם פרייד. איינס איבערצייגט אונדז, אַז נישט ווילנדיק איז אונטערדריקט געוואָרן זיין אויסזינגען זיך, זיין נישט אַרויסגערעדטע דיכטונג און עס שלאָגן פון זיינע לידער ערלעכע און טיפע איבערלעבונגען מיט אַ רייכער פּאָע־טישער לעקסיק. פאַראַן מוסטערן פון קורצע לידער, וואָס פאַרשאַפן אַ לאַנג־דויערנדיקע פרייד. זען „איך מיין" (זייט 135) און „אויף לאַנגע יאָר" (ז׳ 139).

לייענענדיק דאָס בוך אַהין און צוריק און וויצע ווערסאַ, פאַרהאַלט מיך דאָס ליד „עצבות". דער פאַרטייעטער טרויער פון די פאַרלוירענע יאָרן, אין וועלכע ער גלייבט, אַז ס׳האָבן זיך אויסגעוועפּט זיינע פּאָעטישע חלומות. די האַרטעווירקלעכקייט האָט נישט אַדורכגעלאָזט דעם „בלויען געפּליסטער פון שטערן, די שטערן, פון וועלכע עס פאַלט היינט אַ שווייגן ווי בליי", איז לאָמיר גלייך אַנטקעגנשטעלן אַ פאַרקערטע שטימונג: „צום פּרדס פון טרוים און פון ליד אין טלית פון שווייגן עס פּערלט זיך תמיד אַ תפילה".

ווי מיר זעען איז נישט געווען קיין אינערציע, קיין פאַרקאַלכונג אין זיין שווייגן. קאָן מען דערפאַר זאָגן צום פּאָעטישן באַנטשע שווייג, וואָס איז באַוועלטיקט פון יאוש, אַז מע מוז נישט שאַפן קיין טוצן ביכער בכדי זיך דערשלאָגן צום פּאַרנאַס . . .

ווי שוין אויבן געזאָגט איז יונה בערקמאַן רייך אין טאַלאַנט. דערי־בער פאַרט זיך דאָס נישט מיט קיין צו גרויסער באַשיידנקייט. פאַראַן אַ באַקאַנטער חסידישער קוריאַז, וואָס קליגלט אויס דעם מענטש און קלינגט ווי אַ תורה פון אמת. וועלן מיר אים קורץ און אין קלאַמערן אַריינגעמען אין דעם מאמר. (מיר מיינען דאָ דעם געפּאַטשטן רבין, וואָס האָט זיך אַליין דערנידעריקט ביי אַ פּרעמדנס פראַגע, וואָס האָט אים געפרעגט אויפן אַדרעס פון רבין. ער האָט פון דער לעקציע געלערנט פון

דעם ייִד, וואָס איז געקומען אים אָפּגעבן שלום, אַז ס׳איז שעדלעך זיך אַליין צו דערנידעריקן; דאָס וויל אויך זאָגן עניוות מיט אַ מאָס).

און איצט קומען מיר צוריק צו בערקמאַנס ליד „אַ צווילינג“ (ז׳ 28). „דער ברודער אַ מאמין, / אמונה — זיין שוועסטער“; — אַ פּראַקטיק בילד. גלויבן אין זיך סטימולירט צו גוטע מעשים. — ספקות — צו אָפּהענטיקייט, ס׳איז לדוגמא דעם אויבן דערמאָנטן רבין...

די סימבאָלן, מיט וועלכע יונה בערקמאַן באַניצט זיך, רעדן צום אינטעלעקט און וועקן צו פאַרטראַכטונג — ווייל אויך נישט אַלע מאָל קאָן מען גלייך דערכאַפּן דעם מיין. אָבער אָפט גיט אַ בליץ אַזאַ שאַרף בילד און באַלייכט דעם גאַנצן געזעמל פון ווערטער.

איך זעץ איבער דאָס ליד „ווו איז דער סניגור?“ (געווידמעט דעם רעדאַקטאָר פון „ישראל־שטימע“ י. צ. שאַרגעל). איך קוק אויף מיין בלייער־צושריפט און לייען: „זייער שיין און דורכזיכטיק קלאָר!“. אויס־טערליש, ווי דעמאָלט איז אַנוועזנדיק די „ווייפּרייד“, ווען מען לייענט דאָס ליד אין פרייען פערז; „ביים שיידוועג“, (ז׳ 98) קומט אויפן זכרון דעם בערדיטשעווערס טענה... נאָר ביי טייל בילדער — בכלל צום גאַנצן בוך, וואָלט נייטיק געווען אַ נאָענטער ווערבאַלער קאָנטאַקט מיטן מחבר פון מויל צו מויל, כדי צו הערן דעם קאָמענטאַר. צ. ב.:

„עס גאַרטלט אָן אַ פוכיק ווינטלדיקער קוש
דאָס האַרץ
אָדער די נשמה איז אַרומגעגאַרטלט“.

דער דיכטער ניצט מערערע מאָל דעם אויסדרוק אַרומגעגאַרטלט, וואָס מאַכט טייל מאָל דאָס בילד מטושטש. די פּאָעטישע ליצענץ האָט ווייט גייענדיקע דימענסיעס פון שאַפן בילדער. יעדנפאַלס לאָזט זיך גיכער פאַרפאַרן אַבסטראַקציע מיט אַבסטראַקציע. אָבער לאָמיר אָננעמען דעם דיכטערס אָפּשפּיגלונג פון דער נשמה.

ביים המשכדיקן בעל־תפילה געפינט מען אָפט אַן אַנטיפּאָדישן גע־

מיטספלוס, אַ גערשאַנגל, וואָס אינעם זעלבן ליד דריקט זיך אויס מיט אַ שלום מאַכן אויף אַלע פאַרדראָסן, וועלטלעכע און אייגענע: „און כ׳וועל מיט אַלע טענות קווּיט״. אָבער צום סוף לייענען מיר שוין: „און ס׳וויין פון בעכער שוימט מיט סם״... דאָס ליד הייבט זיך אָן האָפערדיק און ביים סוף פאַלט די דערהויבונג און ווערט אַנעמיש — אָבער דאָס — נאָר אויסשליסלעך אין דער שטימונג, דאָס זענען זיינע נשמה־שטאַפּלען. נישט וועלנדיק זיין צעפלאָסן אין דער באַגלייטונג מיט אַ שטיקל פּראָזע צו דיכטונג, מוזן מיר פאָרט זיך אָפּשטעלן מיט ציטאַטן און אונטער־שטרייכן אַן אָפּשפּיגלונג פון משיח־חלום צום דלות אויף פאַרשווּענדע־רישקייט:

וואָס איז פּחד פאַרן טויט,
פאַרשאַכערט דעם משיח־חלום האָט
אויף וויין און מויד.

דאָס ליד רופט זיך „באַזונדער״ (ז׳ 82).

יונה בערקמאַן הייבט אָן יעדעס ציקל לידער מיט אַ הקדמה פון אַ מאָטאָ. קומען מיר צום ערשטן ליד: „יידיש וואָרט״ און פריער דעם אַריינפיר:

כאַטש געבויגן מיין רוקן, געבראָכן,
אויף אים טראָג איך אַלץ נאָך מיין גאָט —
באַנקראָט.

נאָך דעם קומט זיין ליד צו די 22 אותיות פונעם אלף־בית. דער אָנהייב דערמאָנט אינעם ריטואַלן שחרית־געזאַנג: אדון עולם אשר מלך בטרם כל יציר נברא. אין זיין „יידיש וואָרט״ איז פאַרקערפּערט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, וואָס האָט מורא פאַרן אונטערגיין פון יידיש. דאָס איז אַ מאָדערנע תחינה, בערקמאַניש אייגנאַרטיק און רירנדיק, וואָס קלינגט ווי אַן איכה אויפן יידישן לשון. אין אַ וויטערדיק ליד „כרת״

חזרט זיך איבער דער זעלבער מאָטיוו און אָט איז אַ סטאַנזע:

ס׳גרייט זיך שטום צו דער לוויה,
שטיל,
אָן טרערן,
נאָך לשון מאַמעשן, דעם פאַלנדיקן שטערן.

צוליב אַ טראָפּן אָפּטימיזם לוינט זיך צו פּאַראַפראַזירן אַ פּאָר שורות פון דעם „אדון עולם", וואָס איז אַ לויבגעזאַנג צו גאָט און איבערשאַפן דאָס לויבגעזאַנג פאַרן יידישן לשון: זי איז געווען און וועט זיין די גלאָריע פון אונדזער פאָלק! מע קאָן זיך נישט אָפּרייסן פון דער פּאָעמע „דער בוים פון אמת". מיט דעם ליד האָט ער געשטעלט אַ טורעם פון ליבשאַפט דעם רבין ר׳ נחמן בראַצלאַווער. עס שטעלט זיך מיר אַוועק אין פּאַראַלעל דאָס פּראַכטיקע ספר פון איין און איינציקער פּאָעמע פון י. ה. בילעצקי „ביים קוואַל פון קאָצק". צום זעלביקן זשאַנער געהערט אויך „אין פלאַנטער פון מחשבות". אַ פלאַנטער פון פילאָסאָפירנדיקע ווי־דעראַנאַנדן גלויבן און צווייפל. מיר זעען דעם דיכטער אָפּט אַ בלאָנ־דזשענדיקן נאָך גאָט און — אָן אַנטווישטער — און ווידער אַ מאָל אַ פאַר־בענקטער. זען דאָס ליד „בענקשאַפט" (ז׳ 32). איצט, אַז מיר זענען געקומען פון סוף צום אָנהייב, קאָנען מיר ווידער צוריקשפּאַצירן און זיך אָפּפעכערן, אָפּפרישן דעם אָנשטרענג צו דעם קאַלירפולן אַרויף פון „האָפענונג", פון ראָמאַנסן — כאָטש זיי זענען ביטערזיס, דערמאָנען זיי יונגשאַפט, אָן עראָטיזם אין מינאָרן טאָן. „גוט און ווייטיקדיק" פונעם לעצטן ציקל פון זיין ערשטן בוך „המשך", טראָגט דעם זעלבן כאַראַקטער ווי זיינע ראָמאַנטישע לידער פון „ווייפרייד". רעליגיעזע אַנטפּלעקונגען, צניעות איז ווי אין אַ תפילה־געזאַנג צו אַ פרוי. אויף זייט 107 איז פאַראַן אַ ליד „אַ רעטעניש מאַעסטראָ". דאָס ליד איז גרויסאַרטיק און דיס־ציפּלינירט צו דער פאָרעם פון טראָכיי און וועמענס שיינקייט פונעם ליד — פאָרטרעט סוגערירט באַוווּנדערונג און מאַכט אינטענסיווער די עמאָציע.

אין דער פלאַנצן־וועלט איז פאַראַן אַן עקזאָטישער בוים, וואָס רופט זיך גליצין. גליצינען האָבן אַ פיאָלעטע פאַרב און אַן אָנגענעמען ריח. זיי צעוואַקסן זיך אין אַ געפלעכט פון ליאַנעס און טראָגן אויף זיך בור־קעטן ווי פון טרויב־גרעיפן. אָט אַזוי זע איך דעם באַשאַף פון יונה בערקמאַן. — און אין דער צוקונפט וואָלט איך אים געוואָלט זען ווי אַ רעגנבויגן גאַרטלט אונטער זיין שטערן־וואָלקן, ווו עס זענען איינגע־שניטן די אויפטועון פון זיין רייכער דיכטונג.

חנה שאַליט

„אין שטענדיקן צאַפּל״

דער טיטל פון בוך „אין שטענדיקן צאַפּל״, איז דורכאויס אַ ריכ־טיקער און אַ ווייבלעכער פאַרן באַשאַף פון ליד און איז אויך כולל יעדן קינסטלערישן באַשאַף. דער צאַפּל פון חבלי־לידה, וואָס ווערט פאַר־גיטיקט מיטן צאַפּל פון פרייד נאָך דעם געבורט . . .

די דיכטערין און רייפער מענטש חנה שאַליט, כאָטש אַ מאַמע פון דערוואַקסענע קינדער און פאַר וואָס זיך שעמען צו זאָגן — אייניקלעך אויך — איז געקומען אין אונדזער ליטעראַטור נאָכן ביאָלאָגישן מין פון באַשאַף — מיטן עסטעטישן מין פון דיכטערישן באַשאַף „אין שטענדיקן צאַפּל״.

די קריטיק האָט זייער ליב צו לייענען דעם ערשטן פּרווו פון אַ פּאָעט. נישט נאָר איז מען נייגעריק, נייערט מען באַציט זיך מיט אַ ביסל רעזערוו און געדולדיקער דערוואַרטונג אויף — לאָמיר נאָר זען ווייטער... אָדער מען פאַרנעמט זיך דערמיט ווי מיט אַ קינד, וואָס שטעלט דאָס ערשטע טריטעלע, ווען סע לערנט זיך גיין; דאָס פיסעלע וויל גיין און ס׳גופל וואַקלט זיך דערביי און פאַלט...

יאָ, ס׳זעט אויס ווי דאָס פיסעלע הייבט אָן מיט אַ שטאַמל אַריינ־צושפּאַנען אין דער וועלט אַריין. פאַראַן אָבער קינדער־נאַטורן, וואָס זענען שטאַרקער, זיי פאַרשאַפן פּלוצעם דעם גליקלעכן סורפּריז דער מאַמען; הייבן זיך אויף און גייען איר גלייך אַנטקעגן...

עפּעס אַזאַ מין סאָרט היימלעכן געפיל האָב איך געהאַט, ווען כ׳האָב גענומען לייענען חנה שאַליטס בוך. כ׳האָב געזען ווי זי גייט מיט זיכערע טריט אין דער דיכטונג, און איינע פון די בעסטע סימנים דערפאַר איז

וואָס זי האָט גלייך באַקומען אַ בכבודיקן און דערמוטיקנדיקן אָפּשאַץ.

ס׳מאַכט זיך אויך אַ מאָל — לויט דער סטרוקטורעל און פונקציאָנעל גשמיותדיקער פאָרמולע, אַז דער אַפּעטיט קומט אין מיטן עסן. פאַר מיר איז אַ גרויס פאַרגעניגן צו זאָגן, אַז גלייך נאָכן פירוואָרט צו די דיכטערישע מאכלים, האָט זיך מיין לייען־אַפּעטיט גיך געעפנט צו חנה שאַליטס לידער און דער איינדרוק האָט מיך טאַקע געפירט צום אויסדרוק.

דאָס בוך פאַרמאָגט נישט קיין דאַטעס אונטער די לידער. דאָס איז אָבער גאַרנישט נייטיק געווען, ווייל דער טיטל פון ליד ווירקט דאָ ווי אַ פאַראויסלויפער און אַקצענטירט, וואָס די דיכטערין האָט דורכגעלעבט ווי אַ יידיש קינד, געבוירן אין דעם פוילישן שטעטל לאַסקאַרזשעוו, (פאַרצווייליגט מיטן שטעטל סאָבאָלעוו). אַ פרעמדע צווישן אַ גרויסער מערהייט גויים.

ס׳איז גוט באַקאַנט, אַז אין דער קלענסטער אָרטשאַפט פון פוילן, האָט אין די שווערסטע מאַטעריעלע באַדינגונגען געלעבט אַ ברוכטייל פון אונדזער צעוואָרפן פאָלק. די רעליגיעזע משפחות פון פוילישן היימלאַנד האָבן אויפגעשטעלט דורות, געשאַפן קהילות און געפירט זייערע היימען פאַראַנקערטע, דער עיקר, אין טראַדיציאָנעלער יידישקייט. נאָכן חורבן — ווי מיר ווייסן, זענען געוואָרן פאַרהייליקט זייערע שטעט און שטעטלעך אין געשיכטלעכע ספרים־מאָנומענטן און איבערגעלאָזט אַ רייכע, טראַגישע ביבליאָטעק, וואָס געהערט צו אונדזער נאַציאָנאַלן פאַרמעגן.

ווען כ׳האָב געהאַלטן אין לייענען חנה שאַליטס לידער, האָב איך אויפסנייַ אַ קוק אַריין געטאָן אין דעם אויבן־דערמאָנטן ספר, ווו ס׳איז פאַראייביקט געוואָרן דאָס געבורט־שטעטל לאַסקאַרזשעוו און האָב אָנגעטראָפן אין אַ פאָטאָ־גרופע פון דער קולטור־ליגע די יונגע חנה שאַליט — וועמען אַ גוטער מלאך האָט אָפּגעהיטן פון יענעם בלוט־מבול און גהינום, אַז מיר זאָלן היינט שרייבן וועגן דער דיכטערין, וואָס האָט אין אַ גרויסן טייל נאַראַטיווע לידער געשילדערט די עפּאָכעס פון איר פריסטער קינדהייט, ביז זי איז דערגאַנגען צו באַזינגען דעם כנרת און ווידמען אַנדערע באַגייסטערטע לידער אונדזער אייגענער מדינה.

אין דער יידיש־ליטעראַטור איז פיל מאָל אָפּגעשפּיגלט געוואָרן די

לעצטע פאַר־מלחמהדיקע עפּאָכע פון דער יוגנט, וואָס האָט געזוכט זיך צו באַפרייען פונעם אַלטן קליינשטעטלדיקן לעבנסשטייגער און אָנגעהויבן קודם־כל פון שאַפן ביבליאָטעקן, שלינגען ביכער און דערגרייכן צו אַ דראַמאַטישן קרייז. ווייל אַ קאָמפּאַקטע גרופּע ווערט ממילא אַ קער־פערשאַפט, וואָס שלעפּט מיט און שטויסט צו אַ נייעם ראָמאַנטיזם, כדי איבערגעשטאַלטיקן די וועלט צו אַ ברידערלעכער, אַ יושרדיקער. פון אָט דעם שיינעם חלום, וואָס די יוגנט האָט געוואָלט אַריינפירן אין דער וואָר, געקעמפט דערוויל און געבויט אין דער לופטן, ווייל זייערע פּאַלאַצן זענען זיך ליידער צעפאַלן ווי קאָרטן־שטיבלעך און געלאָזט אַ ביטערע אַנטוישונג.

**
*

דער שיינער און פרייער גייסט אַנאַטאָל פראַנס, האָט ערגעץ־ווו געזאָגט: „אָן די אוטאָפּיעס פון אַנדערע צייטן, וואָלטן מענטשן נאָך אַלץ געוווינט אין די היילן — נאַקעטע און עלנטע".

דער אויטאָביאָגראַפישער אויסלאָד אויף דער נאַצישער חורבן־טעמע, גייט אונדז אַלעמען בלוטיק אָן. מיר לייענען דאָס אין דעם ליד: „עס מבולט מיט זון" און דאָך איז דער זונפלייץ נישט קיין אָפּלייטער פאַר די דונערן און מבול־פיינען. אירע שורות באַאיינדרוקן מיט דעם באַגער פון דער דיכטערין, וואָס וויל פאַרשלינגען דעם אייגענעם גוף, ווערן צו נישט, אויס מענטש; אַן אַנפאַל פון מורא פאַר דער חיה־רעה פון אַ צווייטן „מענטש", וואָס טראָגט נאָר דאָס מענטשלעכע געשטאַלט, ווי אַ מלבוש־מאַסקע און איז אין דער אמתן דער סאַמע רוצחישער יעגער נאָכן מענטשנקינד. פאַראַן שניידיקע שורות, וועלכע קאַרבן זיך אין אונדז אַריין, מע געפינט זיי גלייך אין די אָנהייב־לידער.

אָט איז אַ סטראָפע אָנגערעגט פון דער איצטיקייט:

קאָסמאָנויטן פון לבנה־לייב
האָבן שטיקער שוין געריסן,

און ווי צו מצרישע היעראָגליפן
מען זוכט צו זיי אַ שליסל
און איך זינג נאָך אַלץ צו לבנה
ווי צו אַ יונגער וואַרעמער מאַמע.

פֿאַראַן בייטנדיקע מעדיטאַציעס וועגן זיך און וועלט. אונדזער גאַנצער ערד־קײַלעך שפּיגלט דאָך אָפּ אַזאַ ווילדן און אומגעוויינטלעכן גאַלאָפּ פֿון פּראָגרעס, אַז אָט דוכט זיך, ס׳קומט ווידער אָן אַ בראשית פֿון תהו־ובהו.

מיר לייענען מיטן זעלביקן צאַפּל, וואָס חנה שאַליט האָט שוין אין איר פֿריער קינדהייט, פֿון די שפּיליאַרן, אָפּגעפּילט דעם האָס פֿון אַ קריסטלעך קינד אויפֿן גויִשן ברוק.

די רייד באַציִען זיך נאָך אַלץ צו די אַנהייב־לידער, וועלכע האָבן מיך שטאַרק באַאיינדרוקט און כ׳האָב כסדר פֿאַרגעזעצט לייענען מיט פֿאַרגעניגן, וואָס האָט מיך אַריינגעצויגן אין דער דיכטערינס אָפּפֿילן און איבערשאַפֿן איר לעבן.

דאָס לעבן לויפֿט זיגזאַגיש, מער ווי גלייך. די דיכטערין האָט שוין אויפֿגעבויט אַ פֿאַמיליע־לעבן. איז לאָמיר אַ רייד טאָן פֿונעם ליד „ערב טאָג" (ז׳ 20). איך האָב דאָס ליד געלייענט פֿריער אין אַ זשורנאַל און גלייך דערפֿילט, אַז פֿון דער מחברין קוואַלט מיט פּאָעזיע. זי גיט דאָרט אַ זייער געראָטן בילד ווי די נאַטור וועקט זיך. ס׳איז אַן אימפּרעסיאָניסטישע קאָמפּאָזיציע, ווו ס׳איז פֿאַרפֿלאָכטן דער אויפֿגאַנג פֿון טאָג און פֿון מענטש און גלייכצייטיק דאָס סתירותדיקע פֿון אונדזער זײַן. די דיכטערין דעקט אָפּ אַ ניואַנסירט געמעל און קאָנצענטרירט ביידע פּאָלוסן פֿון אונדזער עקסיסטענץ; די חכמה און אַבסורד פֿון דאַאיקייט און דאָרטיקייט; די וועלט איז דאָך אַ גלגל החוזר (אַ ראָד וואָס דרייט זיך). זי ברענגט דאָס אַרויס צום סוף מיט אַ נאַטירלעכער און פּאָעטישער ספּאָנטאַנקייט. דער מאָטיוו איז די דיכטערין אַליין, „די אַלמנה".

אין פֿלוג איז דאָס אַן אינדיווידועלע איבערלעבונג, אָבער ברייטער גענומען איז עס דאָך פּאָרט אַ כלל־זאַך. ווען אַ מענטש גייט פֿון דער וועלט האָבן די פּאָראָבלטע אַ ריי מיטבאַטייליקטע אין טרויער, דאָס איז

שוין אַ סאָציאַליזירונג. אַ געשעעניש פון אַ מיטמענטש. איז דאָך אוודאי גערעכט אין דעם פאַל, דער ליטעראַטור־קריטיקער י. ראַפּאַפּאָרט (שוין לאַנג אַן אומשטאַרביקער), וואָס האָט געשריבן, אַז ס'איז בכלל נישטאָ קיין פאַרזיכיקע שאַפונגען. דאָס מיינט, אַז אויך עסטעטיק, וואָס האָט נישט צו טאָן מיט קיין שום מאַטעריעלע קאַטעגאָריעס, איז אויך סאָציאַל.
וועל איך ציטירן בלויז עטלעכע שורות פון דעם ליד „אלמנה".

נאָר אַט קומט אַן דער טאָג אין בלאָער קאָטש
מיט זון נאָ־שפּיץ צו פאָרן,
פאַר וועמען ער ברענגט אַ וויג,
פאַר וועמען אַן אָרון.

אין אַזעלכע און אַנדערע ריטמישע שורות, האָט זיך די דיכטערין אַריינגעבויט. אין טייל לידער איז קוים דער גראַם אַנגערירט, מען האָט בלויז אַן אילוזיע פון גראַם, ווייל פאַראַן ריטעם, וואָס פאַרטרעט עס.
„מיין גלויבן" איז איינס פון אירע לידער, וואָס אַנטהאַלט אַנטוישונג און דאָס איז ווידער אַ גאַנץ באַזונדער שווערע איבערלעבונג; אַ רמז אויף אַ דורכגעפאַלענער האָפענונג פון אַן אידעע, וואָס האָט געבוירן אַ קריפּל. דער דאָזיקער מאָטיוו חזרט זיך איבער אין פאַרשיידענע ווערזיעס, פאַרגאַנגענע בילדער און מלחמה־איבערלעבונגען. ביי אַ טייל לידער איבערראַשן די סוף־שורות, ס'רייסט זיך איבער דער אויספלייץ פון ליד מיט אַ זאָג, וואָס איז נישט דערזאָגט. אַזוי לייענט מען דאָס ליד „פון מיין בענקשאַפט" (ז' 29). דאָ וויקלט זיך אויף אַ ווייבלעכער פּאָעטישער שאַרם. חנה שאַליט גיט זיך גוט אַן עצה אויסצודריקן אירע אינטימע בענקשאַפט־באַגערן. זי געפינט די פּאַסיקע פּאָעטישע שפּראַך דערפאַר און לאָזט זיך דערהערן מיט דעם דינעם טרויער, אַרויסגעריסן פון זיך אין אַ געבעט צום האַרץ:

האַרץ מיינס,
רייס זיך נישט.

וואָרעם דין,
זייער דין
זענען דיינע געוועבן.
און איך
האָב נישט מיט וואָס צו נערן
דיינע באַגערן.

ווי שוין געזאָגט, זענען חנה שאַליטס לידער נישט געצייכנט מיט קיין דאַטעס. דאָך פילט מען פון זיי אַרויס די דורכגעלעבטע צייטן. טייל מאָל פילט מען אָפּ פון אירס אַ ליד אַ יונגע שטראַליקע דערמאָנונג, ווי דאָס ליד „געזאַנג פון פעלד״. ס׳באַקומט זיך אַ רייצנדיקע פאַרגלייך־אַנימאַציע פאַר ליבע־פאַרלאַנגען, אַ גאַנץ אַנדערע פאַרביקע טאָנאַליטעט, וואָס זאָגט עדות פון געזונטע, יוגנטלעכע טרוימען. פאַראַלעל צו דעם (ז׳ 45) האָט שוין אַ וואָלקן איבערגעשניטן דעם העלן שטראַל און ס׳איז שוין פאַראַן אַן אָנגעלאָדענער צאָרן, אַ ווענדונג צום „מאָרגנקינד״.

די דיכטערין הייבט אָן דרייסט און קעמפעריש מיט אַ מאָנונג:

שעם זיך נישט פאַר שרעק.
לאָז אַוועק זיך
אין תהומיקן נעכטן.
יעדעס ווינקעלע צעבלעטער —
פון נישט געשריבענעם ספר,
פון דיין שטאַם,
דעם געלעסטערטן.

אַ שפּרונג אין דער צייט און דער באַשאַף איז שוין אַנדערש באַקליידט.

איר ליד, אַ היינטצייטיקס, וואָס רופט זיך „קאַשמאַרן״ זענען צייכנס פון אַ קאַשמאַרנער עפּאָכע.

***

נישט סתם שרייבט די דיכטערין אַ נאַטורליד. זי איבערצייגט און גיט אַן עקספּאַנאַט פון איר באַגייסטערונג: אַ בילד פּנים אל פּנים מיטן באַשאַף. און ווען מיר גייען אויפן לייטערל פון די פּערזן פון די סאַמע הייכן, קומען מיר צום מענטשלעכן סוד, צום פענאָמען פון קינאה, וואָס שטעקט אַן דעם מענטש מיט שיינקייט... די קינאה קומט דאָ אַרויס אַדעקוואַט מיט דער באַגייסטערונג, וואָס פּולסירט פאַר גאַטס אויסגעשפּרייט און ווערט אַזוי דערהויבן מיטן פּאַעטישן וואָרט.

אין אַנדערע פּערזן קומט צום אויסדרוק דאָס קאָנטראַווערסאַלע. ווי מיט אַ שטילער טענה פון שקלאַף צום בעל־הבית וועקט זי אויף דעם רבונו של עולם מיט תרעומות, וואָס האָט אויסגעשטעלט דעם מענטשן אויף „וויסטן נסיון״.

און אַ ליד: „צו קאַרג ביסטו צייט״, איז אַ רמז צו דער אַפּגעלאָפּענער שטרעקע פון לעבן, וואָס האָט געהאַמעוועט די באַגערן פון דער דיכטערין און ס׳נעמט אַריין אויך דאָס שפּעטלעכע קומען אין דער ליטעראַטור.

אַזוי גייען מיר פון ליד צו ליד און מיר טרעפן אַן ריין־יידישע מאָטיוון און דרייסטע מעטאַפאָרן. אויך דער טיטל פון אַ ליד האָט טייל מאָל אַ גרויסן באַטייט, וואָס וואַרפט אַ פאַרגלייכלעכט אויף אַ דעפיניציע פון ווייטערדיקע שורות.

אָט לייען איך און שטעל זיך אָפּ אויף די ערשטע פּערזן פון ליד און פּיל אַרויס, אַז ס׳פאַרלאַנגט זיך אַ קליינע פעדער־מאַניפּולאַציע פון איבערשטעלן צוויי שורות. ווער איך שוין דערביי אומרואיק, ווייל איך האָב ליב דער עיקר צו אַנטפּלעקן די שיינקייט און נישט זוכן קיין פלעקן אויף דער זון. איך היט זיך אָבער כ׳זאָל מיר נישט דאַרפן שפּעטער פּירוואַרפן דאַלטאָניסטישע קריטישע באַמערקונגען! אמת, דאַלטאָניזם באַציט זיך צו אַ דעפעקטיוון זענערוו, וואָס שייך קאָלירן, אָבער איינעם ברייטן זין גענומען, איז דאָ דער מיין פון אויסקרומען עפּעס, וואָס איז גלייך. לייען איך דערפאַר נאָך אַ מאָל און פּרוּוו פאַראייניקן דעם טיטל

צו די נאָכפּאַלנדיקע פּערזאָן און עס באַקומט זיך דווקא אַ גוט געבויטע סטראָפע אָן אַ פּגם (ז׳ 27).

חנה שאַליט פאַרקערפּערט אין זיך געראַנגלען פון אויסגעוואָרצלטן מענטש־ייד און זי ראַנגלט זיך אין טייל פּערזאָן און מיידט אויס אַ מטושטשן אומבייט:

דורך מיינע מוח־שויבן
איך קוק מיט אַנגסט און באַדויער
ווי גורל —
שטייט אָן עלנטער אין טויער.

נאָר איר אויסגעבענקטער אָאַזיס בלייבט אַ פּאַלאַץ אין דער לופט...

ס׳איז שווער צו מיניאַטוריזירן לידער מיט אַרויסגעכאַפּטע ציטאַטן. פאַראַן אַ שלל מיט מאָטיוון און יעדער קלאַנג זוכט זיין עכאָ, ווייל דער קלאַנג שפּיגלט זיך אין עכאָ, ווי דער מענטש אין שפּיגל.

**
*

איציק מאַנגער, דער פּרינץ פון דער יידישער דיכטונג, האָט איבער־געלאָזט אַזאַ זאָג אין צוויי שורות:

„מיט פאַרמאַכטע אויגן זעט מען נעענטער דעם ים,
מיט פּיבערנדיקע פינגער פילט מען בעסער דעם גראַם״.

ווען מיר דאָס פּאַראַפראַזירן, כדי צו מאַכן אַ פאַרגלייך פון אינ־ספּיראַציע, וואָס מען פילט אַפּ לייענענדיק דאָס ליד „אייפעל טורעם״. ווען מען לייענט זעט מען בולט ווי מיט אַ מאָזאַאיק־געציר פון ווערטער, קאָן מען באַשאַפן באַוועגלעכע גיטער. דער דאָזיקער אייזערנער קאָלאָס דאָמינירט דאָס שיינע פּאַריז און סימבאַליזירט פּאַקטיש די שטאָט צווישן די צאַצקעס פון אַנדערע מאָנומענטן, וואָס טוריסטן פאַרשאַפן זיך. די

מחברין האָט דעם טורעם געזען ביים שרייבן מיט אָפענע אויגן פון איר דמיון. ער האָט אויך געקאָנט קומען צו איר פון דערמאָנונג און זי האָט דעם טורעם געמאַכט פאַר איר אייגנטום, אים אַריבערגעפירט צווישן די טאָוולען פון בוך אין איר וואָרטלעכן באַשאַף. טראָץ דעם, וואָס דאָס ליד איז געשריבן אין פרייע צעוואָרפענע גראַמען און מען קאָן נישט צוגעבן מאַנגערס מעטאַפאָרן „מיט פיבערדיקע פינגער פילט מען בעסער דעם גראַם", געפינען מיר ביי איר די פיבערדיקע עקזאַלטאַציע פאַר דער שיינ־קייט פון מאָנומענט. חנה שאַליט האָט אויפגעבויט איר אייגענעם אייפעל־טורעם און אים געדאַנקלעך פאַרפאַעטיזירט.

***

ווי זייער פיל פון ערלעכע קאָמפּערס, אַנטוישטע פון ליכטיקע אילוזיעס, אָפגענאַרטע, קומט אויך די דיכטערין מיט תפילהדיקע לידער צוריק אין דמיון צום היימישן בית־המדרש, וואָס זי האָט אויסגעמיטן — און דאָס איז דאָך געווען און וועט בלייבן די שענסטע פאָן פאַר אונדזער אַנדערשקייט און נאַציאָנאַלן קיום! די גיהנומדיקע איבערלע־בונגען האָבן אויסגעבערענט די האָפענונגען פון געפינען „נייע זונען". אַ סך לייענערס וועלן זיך אָפּשפּיגלען אין דעם האַרץ־אַראָפּרעד פון דעם רעטראָספּעקטיוון קאַמף פאַר אַ שענערער וועלט, פון וואָס ס'זענען אויפ־געקומען ביי פיל דיכטערס און שרייבערס געלייטערטע תפילות פון באַדויער. בלויז דערפאַר — אָדער בעסער געזאָגט, טאָפּל, דערפאַר — וואָס זיי זענען געווען קרבנות פאַר אַ זיך אויסגיצנדיקן קאַמף פון גלויבן.

דאָס ליד „אַ שעה אַזאַ" זעט אויס צו זיין אַ ראַדיאָגראַפיע פון דער דיכטערינס געמיט־איבערבייט פון אַנגסט אויף פרייד און — פאַרקערט.

פּובליציטעט איז דאָס געשריי, דער ווייזפינגער פון דער טעכניק. שטילע ריינע ליטעראַטור, איז דאָס איבערזעצן אַן אָנגעלאָדן געמיט אין וואָרט. ס'לעבן איז נישט געווען גנאָדיק צו דער דיכטערין חנה שאַליט. אין רעוואַנזש איז זי באַשאָנקען געוואָרן מיט טאַלאַנט אַריינצוגעמען אין זיך פרייד און אויסבייטן דאָס שלעכטס אויף דער איידעלער פאָרעם פון

פּאָעזיע. די דימענסיע פון ליידן איז אָבער קיין מאָל נישט אין דער זעלבער מאָס פאַרגיטיקט. ווען מיר דאָס באַגרינדן מיט דער דיכטערינס אייגענע קורצע שורות:

פאַראַן אַ שעה אַזאַ,
וואָס באַפרייט מיך פון אַנגסט און מורא.
טוליע איך זי צו מיין האַרץ צו,
ווי צו מאַמעס ברוסט אַ קינד
אין זיסן שלאָף,
און בעט ביי צייט אָפּשטעלן זי זאָל איר גאַנג.

נאָר אין מוטנעם טייך פון לעבן
קאָן אַ שעה אַזאַ דען האַלטן לאַנג ?
פאַל איך ווי אַ פיש אין נעצגעפּאַנג —
אומבאַהאָלפן אויף טרוקענעם זאַמד.

***

די דיכטערין חנה שאַליט איז אין גאַנג פון איר שווער לעבן — ווי אַ צווייגל אין די שטורעמס צווישןביידע וועלט־מלחמות, אויסגע־וואַקסן צו אַ שאַפערישן בוים אין אונדזער ליטעראַטור.

היות ווי נאָר דורכן צאַפּל קומט דאָס געבורט — אינעם פולן זין פונעם וואָרט — ווינטשן מיר דער דיכטערין, אַז אין קורצן זאָל זי קומען צו אונדז מיט אַ צווייט בוך פון אַ פריידיקער יצירה.

דערווייל פאַרנעמט זי שוין אַ בכבודיק אָרט צווישן די שרייבערס — אויף איינעם פון די ביי אונדז ליידיק־געבליבענע שטילן פון די — ליידער שוין אומשטאַרביקע קאָלעגן שרייבערס.

משה נאַדיר — דער גאון פון געלעכטער

אויב ס׳איז פֿאַראַן ביי מאַנכע שרייבערס אַ סאָלידער אונטערשייד פון זייער אָנהייב, אַ בהדרגהדיק רייפער ווערן אינעם געבוי און טעכניק פון אַ גאַרנדיקן אַרויפשטייג, האָבן מיר עס נישט באַגעגנט ביי משה נאַדיר. וואָס מע זאָל נישט זאָגן וועגן נאַדירן, וועט עס נישט זיין מער ווי עטלעכע אָפּשפריצן פון זיין גרויס ווערק. משה נאַדיר קאָן מען פאַרגלייכן צו אַ ים און אַזוי ווי ס׳איז נישט מעגלעך אַרומצונעמען מיט די אָרעמס אַ ים, איז נישט מעגלעך אַרומצונעמען דעם גאַנצן פענאָמען נאַלן, ליטעראַרישן באַשאַף זיינעם, ווייל ער האָט געענוג שטאָף אויף מאָנאָגראַפיעס.

דעם פסיכאָ־ביאָלאָגישן פּראָצעס פון לאַכן, דעם פלוצלינגן ספּאַזם האָבן שוין אַ ריי פילאָסאָפן און קאָמענטאַטאָרן באַהאַנדלט. איינער, דער מער פּאָפּולערער פון זיי, איז דער פראַנצייזישער האַנרי בערגסאָן. אָבער דאָס אויסטייטשן זיין פונקציע, די טעאָריע פון געלעכטער, איז בלויז אַ וויסנשאַפט, וואָס רעגט אייך אָן צום טראַכטן: ס׳איז אַזוי צו זאָגן, די הינטער־קוליסן פון געלעכטער — אָבער נישט דאָס געלעכטער אַליין. דאַקעגן ווען מיר לייענען „ל׳עלאָזש דע לאַ פאָלי” (לויב פון שטות) פון עראַזם פון ראָטערדאַם (ווען מען מע רופט אָן דער לאַטיינישער וואָלטער) געפינען מיר דעם עיקר־עלעמענט פון ראַפינירטן גייסט, וואָס טראָגט אונדז אַנטקעגן אין זיינע סאַטירעס דירעקט דעם אָביעקט, דעם טעאָלאָג, וואָס רופט אַרויס די אַנגענעמע סענסאַציע פון שמייכל.

מע קאָן שוין זאָגן היינט, אַ נאַדיריש געלעכטער, פונקט ווי מע זאָגט אין פראַנקרייך „אַ ראַבלעאיש געלעכטער”.

גראָטעסק, סאַטירע און געלעכטער געפינען מיר אין אַלע נאַציאָנאַלע

מוזייען ווו מען האָט אַריינגעהאַמערט דאָס קאָמישע, דאָס קאַריקאַ־טוראַלע אין דער פּלאַסטישער קונסט.

יצחק רייס איז דער אָריגינעלער נאָמען פון אַ ריי אַנדערע, פּסעוו־דאָמינען, פון וועלכע דער סאַמע פּאָפּולערסטער איז „משה נאַדיר”. דער נאָמען אַליין „נאַדיר” איז אין פולשטענדיקער האַרמאָניע מיט דער קאָנקרעטער גאָב זיינער. פאַראַן אַ ווערטל: „משה זוך מיך”. אָבער דאָס איז שוין אַ פאָלקס־ווערטל, וואָס ליגט אין דער ספערע פון אַב־סטראַקציע. דאַקעגן, „נאַדיר”, איז משה נעם — און ער נאַרט אייך טאַקע נישט אָפּ מיט זיין דערלאַנגען אונדז, און גיט אונדז מיט דער ברייטער מאָס פון זיין קינסטלערישן טאַלאַנט.

די היינטיקע ליטעראַרישע פּראָפּעטן, די אַנטי־אוטאָפּיסטן פונעם זשאַנער „סיאַנס־פיקסיאָן” פירן אונדז אַריין מיט גיגאַנטישע טריט אין דער צוקונפט. מע „צווינגט” אונדז אויף צו לעבן מיט פּראָגרעס פון די קומענדיקע דורות. מיטן מוח פון דערפינדערישקייט — מיט פוטוריזם אויף אַלע מענטשלעכע געביטן.

משה נאַדיר דאַרף נישט אַריבערקוקן צו דער צוקונפט, כדי צו רייצן אונדזער פאַנטאַזיע. (אגב, איז עס נאָך נישט געווען אַזוי שטאַרק אין דער מאָדע אין זיין צייט). ער האָט אַ סך פון זיין שאַרפזין געווידמעט די כראָניקעס פון דער צייט. זיין שאַרפע פעדער, זיין וועלטקלוגשאַפט איז אַדורך צווישן אינעווייניקסטער ענערגיע און פאַנטאַזיע מיטן צולאָג פון אויסערלעכע סטימולן.

איינע פון זיינע כאַראַקטעריסטישע דערציילונגען, וואָס געהערן צו דעם מין כראָניקעס פון סאָציאַלע מאָטיוון, פון אָרעם און רייך, זאַטקייט און הונגער, איז זיין פעליעטאָן: „פאַראַן אַ שטעטל רוזוועלט”. ער האָט אַריינגענומען אין קלאַמערן „געדאַנקען פון אַ מענטש, וואָס עסט ב״ה אַלע טאָג”.

די סאַטירע ווערט דאָ ווירקעוודיקער, ווייל זי איז געשריבן אין דער ערשטער פּערזאָן. ווען מיר זען ווי משה נאַדיר מאַכט פון רויער דינאַמיק — **עסטעטיק**.

ביים עסן די פיש האָט זיין פרוי אים אַנטקעגן געטראָגן אַ „שטיקל נייעס וועגן אַ שטעטל רוזוועלט", ווו מען האָט אָן אַ פּאַרוואָס געשאָסן אין אַ מאַסע שטרייקערס. ער האָט זיך אויפגעקאָכט פאַר כעס. קייענדיק דאָס שטיקל פיש האָט ער גערעדט צו זיך אַליין: „אַזאַ נידערטרעכטי־קייט פון די קאַפּיטאַליסטן, אַזעלכע קאַניבאַלן, שיסן אויף אַרבעטער!". אַז ס'איז אונטערגעקומען דער טעלער יויך מיטן מאַרכביינדל, האָט זיין כעס זיך גענומען אַראָפּזעצן... און ער האָט צו זיך געמורמלט שוין געלאַסענער: „ווער ווייסט טאַקע, ווער ס'איז שולדיק? מע וועט דאָך נישט סתם נעמען טאַטעס פון קליינע קינדער און זיי שיסן? — אַ סימן, פאַר וואָס שיסט מען דיך נישט, האַ?

די דאָזיקע פראַגע איז אים געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט דערפאַר אין געדאַנק זיך אָנגערופן „חכם, דענקענדיקער מענטש, ראַדיקאַלער טראַכטער".

ביי די וויטערדיקע שפייזן האָט ער שוין אָנגעהויבן צו זען די שטרייקערס אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט. ער האָט זיי שוין נישט גענומען פאַר שעדלעכע מענטשן. „ווער פאַרלאַנגט דען, קבצנים זאָלן שטרייקן? ס'איז דען דאָ אַ געזעץ אויף דעם? שטרייקן צוליב לומפּיקע פערציק פענעס אַ טאָג? ווירקלעך, ס'איז דאָך נאָר צום לאַכן".

דער געדאַנק וועגן די שטרייקערס האָט זיך שטענדיק רעוואָלטירט. ווען ר'איז שוין געזעסן אין דער וויגשטול מיטן פיינעם האַוואַנאַ־ציגאַר, האָט ער זיך צעלאַכט מיט אַ זאַטן געלעכטער: „ווי נאַריש די אַרבעטער זענען, צוליב לומפּיקע פערציק פענים גייט מען שטרייקן און מע שטעלט איין ס'לעבן?...".

משה נאַדיר קריטיקירט די וועלט אויף זיין שטייגער, מיט זיין חכמה. ער נעמט זיך אַליין פאַר אַ מאָדעל אין שרייבפּאַרעם. אין דעם קליינעם בילדל געפינען מיר די פּסיכאָלאָגיע פונעם זאַטנס וועלטבאַנעם.

ווען מען איז הונגעריק, איז מען אויף דער זייט פונעם אונטערדריקטן; מיט דער מאָס פון אָנפילן דעם מאָגן, פון אייגענער באַקוועמלעכקייט, ענדערט זיך ראַדיקאַל די סאָלידאַריטעט מיטן אַרבעטער, ער דעסאָציאָ־

ליזירט זיך מיט אים, ווייל ער געהערט שוין צו אַן אַנדערן קלאַס, וואָס ער איז גרייט צו פאַרטיידיקן.

***

איז אַ קריזיסטאָג אין אַמעריקע און ס'דערגייט ביז צו פּראָקלאַמירן „אַ פּעקלטאָג", שאַפט ער דערפון אַ זאַכעלע. משה נאַדיר גיט אַ מאָל אָפּ אין סענטימענטאַלע פאַרבן זיין „ווייך האַרץ און איידל געוויסן"; ער גיט עס אָבער — נישט ווי אַ גביר־אַדיר, נייערט מיט זיין אַריסטאָקראַטישער פּעדער, „נאַדיר"! ער שרייבט אַ סך מאָל אין דער איך־פאָרעם, כדי אונטערצושטרייכן די סאַטירע, ווי מיר וועלן עס זען אינעם „פּעקלטאָג".

דאָס גיט אים די געלעגנהייט צוצוגיין צום שאַנק, עפענען און אַנקוועלן פון זיין אייגן פאַרמעגן, פון זיינע מלבושים און דאַנקען גאָט, וואָס אין שטוב איז דאָ פון אַל דאָס גוטס... ער הייסט מע זאָל די אַלע גוטע זאַכן אַריינלייגן אין אַ קאַסטן און באַשיטן מיט קאַנפער... ער באַטראַכט זיין גאַנץ פאַרמעגן אין דעם קאָמאָד, אָבער די האַנט, איז פויל פאַר די אָפענע סענטימענטן פון טיילן זיך מיטן אָרעמאַן — ער פאַר־מאַכט זי גלייך. ער שיקט גאָר אַוועק דער פּרויס פוטער־מאַנטל אויפ־צופרישן. צום סוף מאַכט ער אַ מיזעראַבל פּעקעלע — רייך געשילדערט. הייסט איינשפּאַנען דעם אויטאָ, שיקט עס אַוועק אין „מלביש־ערומים־קלוב" און גיט צו: „ווען אַלע זאָלן זיך אַזוי אויפפירן ווי איך, וואָלט די פראַגע פון אַרבעטלאָזיקייט געלייזט געוואָרן אין אַ פּאָר טעג"...

אָט האָט איר די בולטע סאַטירע פון משה קאַפּויער...

***

„אויף דער בערזע פון פּערל און גאָלד" איז אַ סימבאָלישער טיטל פון אַ דערציילונג פון אַ ווינקל פון אַ פאַררייכערטער קאַפעטעריע, וווּ ס'קומען זיך צונויף שרייבערס און פּאָעטן. מען הערט דאָרט אַן אויס־טערלישע שפּראַך פון די פּראָפעסיאָנאַלן; דאָרט קלינגען ווערטער־

רענדלעך, שאַצונגען און ציטאַטן. אָבער קומט אַרײַן אַ פּרעמדער, נישט פון דער שרײַבער־באַהעמע, מיינט ער, אַז ר׳איז אַרײַנגעפּאַלן אין דער אמתער קנייפּע פון גנבים — אָדער אפשר גאָר סוחרים פון פּערל און דימענטן...

קיינער ווייסט אָבער נישט, אַז דאָס ווייזן זיך פּאַפּירלעך און לאָזן פאַלן ווערטער, ווי: „ליטווישע ברילִיאַנטן, רוסישע שמאַראַגדן, גאַלי־צישע טאָפּאַזן", אַז דאָס זענען אוצרות, וואָס שפּרייטן וווּנדער איבער דעם האַרטן לעבן פון קינסטלער און אַרום אים. עס שטעקט אין דעם דער אָפּנאַר־געדאַנק, וואָס שאַפט ביים פרעמדן די אילוזיע פון אַ ממשותדיק רייכער וועלט!

**
*

לאָמיר זיך אפשר לערנען פון משה נאַדירן ווי אַזוי צו באַניצן דעם אמת?... אָדער לכל הפּחות זיך פּאַרווילן אויסהערנדיק אים.

דער שרײַבער איז אַן אָנגעשטעלטער אין אַ רעדאַקציע. באַווייזט זיך אין זיין צימער דער רעדאַקטאָר. ער באַהאַלט די אמתע כוונה פון זיין וויזיט און ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז נישט דאָס, וואָס ער פרעגט נאַדירן צי ער האָט עפּעס אָנגעשריבן אַ גוטע זאַך, אינטערעסירט אים. ער אַליין, דער רעדאַקטאָר וויל וויסן אַ מיינונג פון זיין אָנגעשטעלטן, אויף זיינס אַן אייגענע אַרבעט. נאָכן אויסהערן לייענען דעם רעדאַקטאָר, לייגט משה נאַדיר אָוועק אַזאַ קריטישע דרשה, אַז זיין ברויט־געבער פאַלט אַרײַן אין אַ ווילדן כעס, פּראַלט אויף די טיר און וויל אים אַרויסוואַרפן... אָבער דער רעפלעקס פון הומאָריסט ראַטעוועט זיין כבוד. ער האָט מאָמענטאַל אַ דריי געטאָן די מטבע פון שלאַק אויף קאָפּ... זיך פלוצעם צעלאַכט און אָנגעהויבן לויבן די הומאָרעסקע מיט די דער־הויבנסטע סופּערלאַטיוון און פאַרגלייכן. „אַזאַ סאַטירע טרעפט מען נישט ביי מאַרק טווען... (דער אַמעריקאַנער שרײַבער), נישט ביי שלום־עליכמען... אפילו ביי גאָגאָלן אויך נישט...".

איצט, נאָך אַזאַ קניפּ אין בעקל, דעם רעדאַקטאָר, וואַרפט דער לעצטער אים צו אַ פּאָר גוטמוטיקע ווערטער, רופט אים, „משוגענער נאַר"... נישט נאָר לאָזט ער אים נישט אַוועקגיין, נאָר ער זאָגט אים נאָך צו אַ הוספה אויף דער צווייטער וואָך... און משה נאַדיר פאַר־ענדיקט: „פון דעמאָלט אָן האָב איך אויסגעפונען, אַז מע קאָן מיטן אמת אויך מאַכן אַ לעבן, נאָר וואָס דען? מע דאַרף וויסן ווי אַזוי אים צו ניצן"...

אין דער ספערע פון קונסט איז גוט באַקאַנט, אַז קריטיק באַליידיקט, טוט וויי, ווי יושרדיק זי זאָל נישט זיין.

דער אַמעריקאַנער פילאָסאָף עמערסאָן, דער פונדאַטאָר פונעם „ריינעם שכל", אָדער טראַנסצענדענטאַליזם, האָט געזאָגט זיינס אַ געדאַנק פשוט און דירעקט, וואָס דאַרף נישט קיין שום פירושים — און ווי ער וואָלט געווען ספּעציעל צוגעטראַכט צו דער סצענע. — אויב דו לייענסט מיר, — זאָגט ער — דיינע כתבים און פרעגסט מיך אַ מיינונג, בין איך נישט מחויב דיר צו זאָגן דעם אמת, ווייל דיין טאָן לגבי מיר איז אינ־קוויזיציע, טאָרטור... עס קומט אויס, אַז נאַדיר ענטפערט סיי עמער־סאָנען, סיי דער גאַנצער וועלט. „דעם אמת דאַרף מען וויסן ווי אַזוי צו ניצן"...

פּרוּווט מאַכן דערפון אַ דעוויז, איז ער אויסגעצייכנט פאַר אַ סך סיטואַציעס!

ווען מע דרינגט אַריין אין נאַדירישן שאַפונגס־אוצר בלייבט מען אין אַ פאַרלעגנהייט, נישט וויסנדיק מיט וועלכער שאַפונג מע זאָל בעסער אילוסטרירן דעם זשעני. לאָמיר נעמען אַזאַ קליינעם שעדעווער, ווי „דער געלאַנגווייליקטער". די פאַבולע איז דאָ אַזוי שטאַרק, אַז די קעגנ־ווירקונג אַנטפלעקט מען אין איינציקע שורות.

אַ מענטש זיצט אין וואַרטזאַל ביים דענטיסט און גענעצט. די אַרומיקע פאַציענטן וואַרטן מיט האַרצקלאַפעניש און יסורים, ערב דער דענטיסטישער באַהאַנדלונג. אויף דער פראַגע, צי ער ליידט אויף אַ צאָן? ענטפערט דער אָריגינעלער פאַציענט, אַז קיין שום צאָן טוט אים נישט

ווי. זיין „ציינווייטאָג״ איז נישט מער ווי לאַנגווייל, דעריבער, איז ער געקומען צום דענטיסט זיך לאָזן אַרויסרייסן איינעם, אָדער צוויי געזונטע ציין... ער האָט שוין אַפילו זיך געלאָזט אָפּערירן אויס לאַנגווייל...

אַזוי וואַרפט דער מחבר אַ ליכט אויף דער איינטאָניקייט פון מענטשלעכן לעבן, וואָס נייטיקט זיך אין כסדרדיקער באַנייאונג, ווי דער אויסבייט פון אַריינעטעמען און אַרויסעטעמען די לופט. זאָל באַדיי זיין אַזאַ דראַסטישע איבערלעבונג ווי ציינרייסן, אַבי עפּעס אַ געשעעניש.

***

„זייט ערלעכע לייט און איר וועט זיך פילן שוידערלעך לאַנגווייליק״ — אַזוי זאָגט משה נאַדיר.

אַפילו דעם נאָמען גיט ער טייל מאָל אַ שרייב צוזאַמענגעזעצט; דעם פּראָנאָמען משה און די צווייטע העלפט פון זיין פּסעוודאָנים, נאַדיר. אין דעם אַקראָבאַטישן פּעדערשפּרונג איז פאַרקערפּערט דער זין פון הומאָר, דאָס אַנדערשדיקע, ווי דער אויסבייט פון טאָג אויף נאַכט.

ווי אַ צווילינג צו זיין מוסטער־סאַטירע: „דער געלאַנגווייליקטער״, איז אויך די דערציילונג „פאַרשלאָפן אַ וועלט אונטערגאַנג״.

***

אַ מענטש, וואָס האָט אַ טבע צו שלאָפן. ער שלאָפט אין אַלע מעגלעכע — און ווי ביי משה נאַדיר, אין נישט מעגלעכע פּאָזיציעס. „שטייענדיק און זיצנדיק און אַפילו פּראָסט פּשוט, אָנשפּאַרנדיק זיך אין זיך אַליין״... אַפילו אונטער דער חופה — זאָגט נאַדיר, איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן ביים מקדש זיין די כלה און האָט אַרויסגעשטאַמלט בלויז „לי״.

אין איינעם אַ טאָג האָט ער זיך אויפגעכאַפּט אין דער פרי און דערזען אַ מאָדנע ליידיקייט. זיין בעטל איז נישט געווען, זיין פרוי איז נישט געווען. האָט ער געוואָלט אַרויסקוקן דורכן פענצטער, איז קיין פענצטער נישט געווען. האָט ער געוואָלט אַראָפּלויפן פון די שטיגן,

זענען קיין שטיגן נישט געווען. אַלזאָ, ס׳איז גאָרנישט דאָ, נישט קיין דרינען און נישט קיין דרויסן; אַפילו נישט קיין פּיצל ערד, ווו צו לייגן זיך שלאָפן. נישטאָ קיין וועלט. „אַ שיין פּעקל!״. ער איז פאַרשלאָפן אַ וועלט־אונטערגאַנג. דאָ האָט ער אָנגעהויבן זיך אויסטשוכען. און דער ווונדערלעכער סאַטיריקער ברענגט אַרויס טראַכטונגען און איינצלהייטן אַזעלכע קליינינקע, נישטיקע דעטאַלן — אין אָפּאָזיציע צו אַ וועלט־אונטערגאַנג!

די פאַרצווייפלונג פון דעם פאַרשלאָפענעם וואַקסט פון מינוט צו מינוט. יעדעס מאָל שווימט אַרויס אַ נייע קשיא. ווו איז אונטערגעגאַנגען זיין פרוי? אפשר מיטן אונטערפּרעסער? און ווי שפּעט איז? אָבער ווו האָט ער דאָס זייגערל? אז אַלץ איז אַ ריזיקע לײדיקייט. „באַצאָלט צוויי דאָלאַר פאַר אַ זייגערל און ס׳איז שוין אונטערגעגאַנגען״ — געוואַלד — שרייט דער העלד — פאַר וואָס האָב איך נישט געהאַלטן קיין אויג אויף דער וועלט און געלאָזט זי אונטערגיין?

מאי קא משמע לן די צווילינג־דערציילונגען, וואָס זענען אפשר איינציק־אַרטיק אין דער וועלט־ליטעראַטור? משה נאַדיר איז אַ קעגנער פון שאַבלאָן: אַ קינסטלער מוז זיין אָריגינעל — און דאָס קומט כסדר צום אויסדרוק אין אַלע זיינע זשאַנערן ווי פּראָזע, קריטיק, פּאָעזיע און סאַטיריטלעך. פון זיין הומאָר קענען מיר אַרויסלייענען דעם פּירוואָרף, וואָס ער מאַכט דער וועלט אויף אַלע געביטן פון שאַפן — אָבער אין דער ערשטער ריי אויפן געביט פון ליטעראַטור, וואָס אין איר הערשט דער טויטלעכער ערנסט, איז הויל פון הומאָר. אויב דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן איז מאָנאָטאָן, מוז מען געפינען אַ קאָמפּענסאַציע ביים קינסטלער; ער דאַרף דאָס זיין דער צושטעלער פון פּיקטיוווע און קינסטלערישע אויפטרייסלונגען — אַפילו אין דער מאָס פון אַ וועלט־אונטערגאַנג, אָדער ווי ער דערציילט אַז אָכסעסיע, וואָס עס שטעקט אינעם כוח פון אַ בופלאָקס, צו וועלכן מיר וועלן נאָך קומען.

ס׳איז ווערט זיך צו באַקענען מיט די ווערק פון משה נאַדירן, ווייל איינס איז שענער פון צווייטן און דאָס — נישט נאָר אין כמות

פון אַ גאַנצן בוך, נייערט מיט די באַזונדערע דימענטלעך פון זיינע קליינע שטיקעלעך פּראָזע.

ביי שלום־עליכמען, קאָן אַ גרויסער טייל פון זיין שאַפן (נישט אַריינגערעכנט די טעאַטער־ווערק) רעפּראָדוצירט ווערן צום גערעדטן וואָרט און קאָן ניצן פּאַר סצענישע געשטאַלטיקונג. אַפילו דער עפּיסטאָ־לאַרער טייל זיינער; דער בריוו־אויסטויש פון מנחם מענדל צו זיין ווייב שיינע־שיינדל.

דאָס שאַפן פון משה נאַדיר אַנטהאַלט אויך די דאָזיקע מעגלעכקייט, אַז דאָס סטאַטישע זאָל ווערן דינאַמיש רעפּראָדוקטיוו אויף דער בינע, ווי צ. ב. ביי מאַנגערן זיין תנ״ך „מדרש איציק״.

***

„מיין ערשטער דעפּאָזיט״, איז נישט בלויז אַ הומאָרעסקע, וואָס האַלט אייך אין שפּאַנונג און גלייכצייטיג אין פאַרוויילונג. פאַראַן אין איר אַ דראַמאַטישער טראָפּן, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין געוווינהייט צו האַלטן אַן אָפּגעשפּאַרטן גראָשן און האָבן אויך מורא דאָס אַנצוגעטרויען אַ באַנק. די איבערלעבונג פון דעם מענטש הייבט זיך אָן גלייך ביים באַנק־פענצטערל. עפּעס געפעלט אים נישט דאָס נישטיקע גרינע ביכעלע, ווו עס זענען פאַרשריבן זיינע צוואַנציק דאָלאַר. ער טומלט זיך ביי דער קאַסע און דראָט מיט פּאָליציי, אויב מע גיט אים נישט גלייך צוריק דאָס געלט.

„זאָלן די יידן, וואָס שטייען דאָ, זיין עדות, אַז איך האָב אַריינגע־לייגט צוויי קנאַקנדיקע צענערלעך״.

אַ כלל, סע הייבן זיך אָן די שלאָפלאָזע נעכט ביים דעפּאָזיטאָר פון באַנקביכל. גייענדיק צו דער אַרבעט, באַטראַכט ער די געביידע פון דער באַנק, ווו ס׳ליגט זיין „מאַיאָנטעק״. ער וואַרט אָפּ דעם פּרעזידענט און זאָגט אים, אַז די קראַטעס פון דער באַנק זענען נישט גענוג סאָליד... מע דאַרף די גאַנצע באַנק איבערבויען אויף מירמלשטיין... זי איז צו שוואַך. „ס׳האָט זיך מיר געחלומט, אַז מען האָט אונדז באַגנבעט״.

מע קאָן אָפילו זיך אָפּשטעלן ביי די סוף ווערטער „מע האָט אונדז באַגנבעט" און זאָגן, דיינו... „אונדז", מערצאָל גלאַנצט דאָ מיט דער גאַנצער סאַטירע. מיט די נעבעכדיקע פּאָר דאָלאַר ווערט דער אַמעריקאַנער בירגער אַ גאַנצער שותף צו דער באַנק. ער איז שוין גרייט צו געבן אַ לאַנדסמאַן, (וואָס ווינט דערנעבן) דרייסיק פּראָצענט פון זיין געלט, כדי ער זאָל וואַכן איבער דער באַנק... די אַקציע ווערט וואָס אַמאָל שפּאַנענדיקער. דער קלימאַקס דערגרייכט צו אַ פּאַניק, צו טויטע קללות; ער זידלט דעם באַנק־פּרעזידענט — די עלעקטרישע שטול איז איך ווייניק, היצעל, מערדער, געוואַלד!!!

די דאָזיקע דערציילונג איז פאַררונדיקט מיט אַ דראַמאַטישן סוף, וואָס לייזט זיך אָבער אויף אין געלעכטער!

ווען אונדזער העלד נעמט אָפּ די צוואַנציק דאָלאַר, גנבעט מען זיי אים צו אויפן וועג אַהיים.

— פון דעמאָלט אָן — שרייבט משה נאַדיר — האָב איך מיר געגעבן אַ שבועה, מיין פוס זאָל נישט איבערטרעטן די שוועל פון אַ באַנק. דאָס זענען גנבים, „קעשענע־באַנדיטן, זאָלן זיי זיך אָנצינדן".

דער סוף פון דעם מעשהלע ברענגט אונדז אויף אַ ווייטע דערמאָנונג פון גאָגאָלס אַ דערציילונג „דער מאַנטל", וואָס האָט אגב, אַ טראַגישן סוף, ווייל דער אָוועקגעגנבעטער מאַנטל איז גורם דעם אָרעמען בירגער, אַזאַ עגמת־נפש, אַז דער העלד שטאַרבט פון אַפּאַטיע. משה נאַדיר שטעלט אָבער דעם טראָפּ אויף קאָמעדיע. ער זעט זיינע העלדן דורך דער פּריזמע פון סאַטירע און רופט אין אונדז אַרויס די ווידעראַנאַנדן פון קאָלט און וואַרעם, פון דראַמע און געלעכטער.

**
*

האָט איר שוין געגעסן אַזעלכע שפּייזן ווי: „נאַטוס און פּראַטוס"? מיר נישט. ווען אָפילו מיר זאָלן אייך ווען באַקענען מיט די מאכלים, זענען מיר נישט אין שטאַנד, ווייל דאָס רעזומירט אַוודאי די וועגעטאַריאַנישע קולינאַרע קונסט פון אונדזער הומאָריסט!

פון דעסטן אויף אַ מוסטער אַ פּאָר קאָנדענסירטע שורות: ס׳איז באַשערט געווען אַ מענטשן צו פּוילן אין תפיסה. האָט זיך צו אים געיאָוועט אַ בחור מיט אַ בראָשור און גענומען מאַכן פּראָפּאַגאַנדע פאַר גרינצייג. — „אויב איר זענט אַ פליישעסער, גראָבט איר אַליין אייער קבר, זענט איר אַ קאַניבאַל, אייער מאָגן איז אַ בית־עולם״.

אַ כלל, דער וועגעטריאַנער האָט דעם פליישעסער איבערגערעדט און ער איז אַוועק אין דעם אַנגעוויזענעם רעסטאָראַן.

צו ערשט קומט אַ שילדערונג פון קעלנער: אַ הויכער, אַן אויפגעשפּראָצטער ווי אַ מיטליעריקע ציבעלע. ער פרעגט דעם קליענט פאַר וויפל ער וויל עסן, „פאַר דרייסיק, צי פאַר פערציק״ (געמיינט סענט). איך עס בלויז פאַר איינעם — ענטפערט דער קליענט — העכסטנס פאַר צוויי, אָבער נישט פאַר דרייסיק.

באַלד גייט אַדורך אַ פּאַראַדע מיט שפּייזן, אַז אַ פויגל קאָן עס אַוועקכאַפּן מיט איין פּיק... — ס׳האָט זיך באַוויזן אַ טעלערל — לייענען מיר — ווו ס׳האָט זיך געפינען „עפּעס אַ ברוינע געהיימעניש צוגעטוליעט צו צוויי בלעטלעך שאַלאַטן״. נאַדיר צעלייגט אויף טעלערלעך אַלע דערלאַנגטע שפּייזן זייער פּיקאַנט געשילדערט, אָבער צום עסן איז קוים דאָ אויף אַ שהחיינו...

איידער מיר שפּרינגען איבער צום דעסערט, ווילן מיר נאָך שילדערן די דערלאַנגטע זופּ פון משה נאַדיר: „אַ טעלערל מיט מוטנע וואַסער, ווו ס׳שווימען אַרום צוויי עלנטע, היימלאָזע ציבעלעס, ווי פאַרלוירענע שיפן אין ים הגדול״. צום סוף גענעצט זיך דער קעלנער אַריין אין קיך און ברענגט דעם פאַרהונגערטן קליענט, דריי געקאָכטע ראָזשינקעס מיט אַ חשד פון אַ פייג. פאַרן סוף קומט נאָך אַ קאַפּע — אַנגעצורקערט מיט אַ גאַנצן מאָנאָלאָג פון קעלנער, וועגן דעם ווערט פון נאַטוס און פראַטוס — געטראַנק. איצט פאַרשטייט מע שוין, אַז דאָס באַקאָנען זיך מיטן דערנער־סיסטעם פון וועגעטריאַניזם, האָט געברענגט דעם זולל וסובא צו באַגיין אַ מאָרד.

***

אַן אַנדערביישפּיל פון איבערטרייב אַלץ אינעם נוסח נאַדיר, איז „דער אַנטיקן־סוחר״. דאָס איז אַ מענטש, וואָס לעבט אויף צוריקוועגס. וואָס עלטער אַ זאַך, אַלץ חשובער איז זי ביי אים.

„זיין קאָפּקעסטל איז פול מיט שטויבוואַרג, מיט אַלטקייט, מיט פאַרגאַנגענער געשיכטע״.

אָט ווי משה נאַדיר גיט אַ בילד פון אַ מענטש, וואָס דערגייט דורך דער ליבשאַפט צו זיין פּראָפעסיע, צו דער מדרגה פון אַ לעכערלעכן מאַניאַק.

„אויפן בית־עולם באַוואונדערט ער די אוראַלטע אַנטיקע מצבות און הערט נישט ס׳געוויין פון די מענטשן, וואָס באַגראָבן אַ יונגן מת״.

ס׳איז אַ מת פון היינטיקן יאָרהונדערט, ס׳האָט נישט קיין שום ווערט. עגיפּטישע מומיעס, דאָס זענען אַנטיקן״.

און אַ צווייטער פאַל ביי אַן איבערגעפאַרענעם ייד: „ווען ער זאָל שוין זיין איבערגעפאָרן אַ פיר טויזנט יאָר, וואָלט איך אים אָפּגעקויפט און באַצאָלט אַ שיינעם פּרייז״...

נישט נאָר די מאַניאַקישע ליבע צו אַנטיקן לייענען מיר. משה באַדיר גיט אונדז דעם שעדעווער פון איינפאַל, ווייל ער באַזיצט די טויזנטמאַליקע מאַכט פון פאַרגרעסערונג, ווערט דערפאַר פון דער קליינער דערציילונג אויך אַ שטיק אַנטיק.

ביי משה נאַדירן איז דער אַנטיקן־סוחר אַ מענטש, וואָס טראַכט אויף צוריק, ס׳איז פונקט ווי דאָס פיזישע גיין אויף צוריק...

***

„דער פאַרביסענער קעניג״ איז אַ הומאָרעסקע, וואָס אַנטהאַלט אַ ספּעציעלן דראַמאַטישן שטאָף און וואָס קאָן אפשר דינען פאַר אַ ביי־שפּיל, פּאַראַלעל צום פּאַרטייאישן מהות פון מחבר. דער גאַליציאַנער

יונגערמאַן משה נאַדיר, האָט געהערט לאַנגע יאָרן צו דער לינקער באַוועגונג, פּונקט אַזוי ווי ער איז געווען קאָמוניזירט, איז ער — פאַרשטענדלעך געווען אַטעאיזירט, און אויך געגעבן זיין פעדער אַן אומבאַגרענעצטע פרייהייט! נאָך זיין קאָמוניסטישער אַנטוישונג, האָט ער צום סוף געזוכט גאָט; נישט סתם ווי אַ רעליגיעזער מיסטיקער, נייערט ווי אַ גלאָקנרוף, ווי אַ וואָרענונג זענען געווען זיינע ווידוי־פערזן. אָט זענען פיר שורות פון אַ ליד, וואָס זאָגן אַ סך. „פאַר וועמען?״.

אַז ווייל איז דעם, וואָס דינט אַ גאָט, אַ קייסער.
צי דעם אינסטינקט פון אַ פּאַרטיי.
איך האָב געפּרוּווט פון אַלע בלויז דאָס לעצטע,
אַז ווי צו מיר, אַז טויזנט פאַכיק וויי!

איך האָב געמאַכט די דיגרעסיע, ווייל אינעם „פאַרביסענעם קעניג״ לאַכט ער זיך אפשר אַליין אויס גאַנץ באַוווסטזיניק.

„ווען דער קעניג מעכל דער 31־טער האָט אָפּגעקעניגט — שרייבט דער מחבר — פופציק יאָר — האָט ער באַפוילן מע זאָל אים אָנטאָן די גאָלדענע פלודערן און אים מאַכן אַ פּאַראַדע״...

די באַשרייבונג פונעם אויסגעפּוצטן קעניג מיט די 119 מעדאַלן, וואָס ער האָט זיך אַליין געשאָנקען, קלינגט ווי אַ מעשהלע פון „טויזנט און איין נאַכט״, דערציילט פון אַ שפּראַך־מכשף.

געווען איז עס אין אַ הייסן זומערטאָג. דער קעניג אין זיינע בגדי־מלכות אין מיטן דער פּאַראַדע, האָט זיך נישט געפילט באַקוועם אונטערן „מעשענעם העמד״ און אָנגעהויבן שוויצן... סע האָט אים גענומען בייסן, קיצלען און דערקוטשען. אָבער ווי קאָן אַ קעניג זיך אַ קראַץ טאָן אין מיטן אַ פּאַראַדע? „אויף דעם האָט נאָר אַ פּריווילעגיע דער פּראָלעטאַריאַט״.

דער קעניג האָט געליטן און געשוויגן. פּלוצעם האָט ער גערופן דעם צערעמאָניע־מייסטער און אים געבעטן: גיב מיר אַ קראַץ, ווייל כ׳גיי אויס ווי אַ ליכט״.

— אָבער ווי מעג מען דאָס קעגן דער הויף־עטיקעטע? — כאָטש אַ קליין קראַצעלע, — האָט זיך געבעטן דער אומגליקלעכער קעניג. דער הויף־מייסטער האָט אָבער געענטפערט טרוקן: „מע טאָר נישט!״. און אים געגעבן אַן עצה: „צעטרייבט אייער לייב־וואַך, וועט זיך אונטעררוקן אַ רעוואָלוציאָנער און אייך אַ קראַץ טאָן מיט דער שווערד פון הינטן און אייך ראַטעווען״.

דער קעניג האָט געפאָלגט און באַלד איז אויסגעוואַקסן אַ צעפלאָמ־טער מענטש מיט אַן אַנטבלויזטער שווערד און זיך געלאָזט צום קעניג אים צו דערשטעכן.

„פון הינטן, פון הינטן, ליבער רעוואָלוציאָנער, שטעכט מיך פון הינטן וועל איך מיך מחיה זיין״...

אָבער אַ רעוואָלוציאָנער וועט נישט טאָן אַזאַ זאַך, אַז אַ קעניג זאָל זיך מחיה זיין — און דער רעוואָלוציאָנער איז אַנטלאָפן.

צו דער הייך פון סאַטירע דערגייט דער מחבר: אַ רעוואָלוציאָנער וועט נישט טאָן קיין טובה קיין קעניג און אים דערהרגענען אויף זיין פאַרלאַנג. סע וואָלט דאָך פון אים געוואָרן גלייך אַ קאָנטער־רעוואָלו־ציאָנער!...

ס׳קאָן זיין, אין דער צייט ווען ער האָט געשריבן „דער פאַרבי־סענער קעניג״, איז ער שוין געווען אַנטוישט אין זיין גלויבן. קאָמוניזם איז דאָך באַשטימט אַ הומאַניזם, וואָס איז אָבער פאַרדאַרבן געוואָרן אויפן וועג צו דער פּראַקטישער אַנטשטייאונג און פולשטענדיק אַנטי־הומאַניזירט געוואָרן.

דער שרייבער האָט דערמיט געגעבן אַ משל, ווי מעכטיק דער מענטש זאָל נישט זיין, קאָן ער ווערן אָפּהענגיק פון אַ מענטשלעכן זשעסט פון אַ גאָר נידעריקן ראַנג.

משה נאַדיר האָט דאָ צונויפגעפּירט אַ קעניג מיט אַ רעוואָלוציאָנער, כדי אונטערצושטרייכן די לערע און האַס צום קלאַסן־אונטערשייד. דאָס געהערט צו די מעשהלעך מיט אַ מאָראַל: „אַ קעניג איז נישט מער ווי אַ מענטש — און אַ מאָל נאָך ווייניקער״.

זיינע מעשׂהלעך מיט אַ מאָראַל, דעקן זיך נישט מיט קיין מאָראַ־לישן עטיקעט. סע שפּרינגט אַרויס פון זיי די נישט־דערוואַרטעטע חכמה און ציניזם. מע קאָן אפשר טייטשן, אַז ער טרעט אויף הייליקע ווערטן? ניין! דווקא ווייל אַלץ איז ביי אים פאַרגעשטעלט אין אַ קרומען שפּיגל, זעען מיר שאַרפער די רעאַליטעט, דעם מוסר השׂכל.

דאָס בעסטע, וואָס מע קאָן זאָגן וועגן דעם שרייבער, זאָגן זיינע אייגענע ווערק.

*****

צו די קליינע מייסטערדיקע דערציילונגען, וואָס קריצן זיך איין אין זכרון מיטן כוח פון טיפער מענטשן־קענטעניש, איז די סאַטירע „דער אַנטלאָפענער מאַן״.

מיר וואָלטן דאָס אָנגערופן פּסיכאָ־סאַטירע.

מעכעלעליע לעבט אין אַן אומגעהייערער פאַרצווייפלונג. נישט וויכ־טיק די סיבה, זי איז אויך נישט אַרויסגעפירט. ער קעמפט אָבער העראָאיש מיט דער פאַרצווייפלונג און קעמפנדיק, שאַפט ער זיך זיין פאַרטיידיקונג־סיסטעם, וואָס דריקט זיך אויס אין אַ דואַליזם. מיר זעען אַ מענטש, וואָס קעמפט מיט זיין פאַרצווייפלונג, וואָס גיט זיך אַליין צו מוט צום לעבן. לויטן אויסדרוק פון משה נאַדיר: „דער מוטיקער מעכעל־עליע טרייבט דעם פאַרצווייפלטן מעכעלעליע מיט אַ שטויס אין דער פּלייצע״... דאָס נעמט אַן דעם כאַראַקטער פון „זיין אָדער נישט זיין״. די ביידע כוחות זענען אָבער געווען אַזוי גלייך שטאַרק, אַז ווען איינער האָט געשטויסן אויף פאָראויס, דאָס הייסט צום לעבן, האָט דער צוויי־טער געשטויסן אויף צוריק... איז מעכעלעליע געשטאַנען אַן אומבאַ־האָלפענער צווישן צוויי דאָמינירנדיקע כוחות און זיך נישט גערירט פון אָרט. ער האָט זיך דערטראַכט, אַז ער איז אַ קרבן פון די אומשטאַנדן און געקומען צום אויספיר: „ווען נישט מעכעלעליע, וואָלטן די אומשטאַנדן נישט געהאַט אויף וואָס זיך צו האַלטן און געמוזט זיך אויפלייזן״. און

מעכעלעליע באַשליסט צו אַנטלויפן פון זיך זעלבסט. אָבער ווי אַזוי זאָל ער דאָס טאָן, ער אַליין זאָל דערפון נישט וויסן?...

אַ כלל, נאָך אַ לאַנגן איבערשמועסן זיך מיט זיך אַליין, האָט ער מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ געכאַפּט די באַן און אַוועק קיין שיקאַגאָ. פּלוצעם וויל ער פאַררייכערן און זוכט אין דער הויזן־קעשענע דעם טיטון אויף צו מאַכן דעם ציגאַר. ער טוט אַ קוק און דערקענט דעם אַלטן מעכעלעליעס הויזן, וואָס איז געשטאַנען ביים אָפּגרונט פון פאַרצווייפלונג. זוכנדיק ווייטער, זעט ער, אַז ער איז אויך דאָ... אָבער איצט האָט ער שוין דערפאַרונג און וועט פּרוּוון אַ צווייט מאָל אַנטלויפן און טאָן וועט ער דאָס ביי נאַכט, ווען ער שלאָפט...

אויפן געלעגער דיאַלאָגירט ער מיטן גוטמוטיקן מעכעלעליע און נאַרט אים אָפּ מיטן זאָג: „מירן שוין אין ערגעץ נישט פאָרן. מירן שוין דאָ זיצן אין ניו־יאָרק און אָפּמוטשען זיך די פּאָר יאָר". כדי זיך אָפּצוּנאַרן, אַז ער שלאָפט שוין, האָט ער גענומען שנאַרכן. דעמאָלט איז ער אויפגעשטאַנען און אויף די שפּיץ פינגער, ער זאָל זיך נישט איבערוועקן, גענומען די שיך אין האַנט און געלאָפן פייל פון בויגן.

מעכעלעליע איז שוין געווען ווייט אָפּגעלאָפן פון זיך אַליין. דער סוף פון זיין לויפן ענדיקט זיך מיטן אַריינפאַלן אין די הענט פון אַ פּאָליציימאַן.

מעכעלעליעס אַנטלויפן דערגייט צו אַ דראַמאַטישן קלימאַקס. ער צעוויינט זיך פאַרן פּאָליציאַנט: „שוין ס'צווייטע מאָל ווי איך אַנטלויף. כ'בין מיר שוין נמאס אויף טויט. איך קאָן זיך נישט קוקן אין פּנים אַריין, איך מוז אַנטלויפן".

דער חסר־דעה וועקט זיך איבער אין שפּיטאָל. ווען די קראַנקן־שוועסטער פרעגט אים, וואָס ער מאַכט, ענטפערט ער, אַז ער וויל גיין אַ היים זיך אויפוועקן...

לייענענדיק מעכעלעליע, קומט אונדז אַנטקעגן „דער משוגענער בטלן" פון י. ל. פּרץ. יענער בערל חנה'ציעס, פרעגט דעם שפּיגל: „ווער בין איך?". ער האָט פאַרלוירן דעם איך זיינעם, ווערט ביי זיך מערצאַליק און לעבט אין אַ דעליריום.

דער אונטערשייד צווישן די צוויי דערציילונגען איז, וואָס פּרץ רעדט אַרויס די סיבות פון זיין העלדס צערודערונג. ער ווייזט אים אונדז ווי אַ יתום, אַ דלותדיקער, וואָס גיט זיך אָפּ דעם בית־המדרש און אונטער־דריקט אַ לעבן לאַנג זיינע מענטשלעכע פּאַרלאַנגען, וואָס זענען זיך נוקם אין אים. זיי קריכן פון אונטערבאַוווּסטזיין אין חלום, באַהערשן אים ביי טאָג און ביי נאַכט און אַנטמענטשן אים.

פאַראַן פאַרשיידענע דימענסיעס פון גייסטיקער צערודערונג און אַ סך „מעכעלעליעס״, וואָס קאָנען נישט אויסטראָגן די אומשטאַנדן, ווייל די אומשטאַנדן צעטראָגן זיי און צעהאַלבן זיי.

אַלץ האָט משה נאַדיר אויסגעניצט. נישטאָ — דאַכט אונדז, קיין איין קרקע בתולה, וואָס זיין פעדער זאָל נישט האָבן אָנגערירט.

זיין היימשטעטל נאַראַיעוו איז ממש געוואָרן אַ לעגענדע — ווי דער מחבר אַליין. ער האָט אויך אַ ריי באַטעמטע, ראָמאַנטישע קינדער־דערציילונגען, און מע קאָן אים אַוועקשטעלן פּאַראַלעל מיט אונדזער קלאַסיקער שלום־עליכם.

***

אָט איז אַ שאַרפער שטעכער קעגן אַלע פּראַפּעסיעס, אָדער מסחרים, וואָס באַניצן זיך מיט ליגנס — אַריינגערעכנט דעם שוואַרצן מסחר, וואָס לעבט פון טויט...

די דערציילונג רופט זיך „קרקע״ — און דער טיטל אַליין איז שוין אַ ווונק אויף אַ מאַקאַברישן הומאָר.

אַ ייד וויל קויפן אַ שטיקל ערד, באַשווינדלט מען אים מיט אַ יחוס־דיקן ליגן. אַז דערנעבן ליגט אַ גרויסער גאון. „דער אַגענט־פאַרקויפער האָט מורא — זאָגט ער, אויב ס׳איז נישט אַ גליד, גליד־געשוועסטערקינד פונעם בעל שם טוב אַליין!״...

לאָזט זיך דער ייד צורעדן, אַזאַ כבוד, צו ליגן נעבן אַזאַ הייליקן ייד — און קויפט דאָס שטיקל ערד. ער איז אָבער נישט געווען דער איינציקער אָפּגענאַרטער, ווייל ביי יעדן נייעם קליענט פון אַ שטיקל קרקע,

איז אוועקגעשטעלט געוואָרן די זעלביקע מצבה פון דער צוגעטראַכטער רעקלאַמע און אויסגעטראַכטן גאון... דער סקאַנדאַל דערגייט ביז צום שאַפן אַ קאָמיטעט פון אָפּגענאַרטע קרקע־קויפערס, וואָס פאַרנעמען זיך אַנצולערנען דעם שווינדלערישן סימעטרי־אַגענט.

די דערציילונג געהערט אויך צו די קליינע מייסטערווערק, דער מאָ־קאַבערישער סוזשעט אַנטהאַלט אַזוי פיל אַקציע און הומאָר, אַז מע פאַר־געסט, אַז ס'האַנדלט זיך אין אַן אייביקער דירה, ווייל אין יעדע פּאָר שורות ווערט אויפגעריסן אַ נייע קרקע פון געלעכטער.

**
*

ווען די קונסט פון רעקלאַמע טראָגט זיך אַריבער אויף דער קונסט פון ליטעראַטור, זענען מיר גלייכצייטיק צוויי מייסטערווערק. „דער כוח פון אַ בופלאָקס" שטרייכט אונטער די קינסטלערישע איינפאַלן פון אַ רע־קלאַמע.

אַ מענטש הייבט זיך אויף אין דער פרי און באַמערקט דורכן פענצטער אַ פּלאַקאַט מיט אַ בופלאָקס, וואָס רופט צו קויפן בופלאָקס־טאַבאַק „ביליק און באַטעמט". די מודעה איז געווען אַן איינפאַכע, נאָר דאָס בילד פון בופלאָקס, האָט אַזוי באַאיינדרוקט דעם דורכגייער, אַז עס דאַכט אים, דער בופלאָקס לויפט אים נאָך ביז אין דער שאַפּ אַריין און שרייט אין אים אַריין „רייכער מיין טאַבאַק!".

דער מענטש, וואָס איז אַזוי פאַרפאָלגט פון דער רעקלאַמע, איז בכלל נישט קיין רייכערער; ער ווערט אָבער אַזוי צעטראָגן פונעם קאָלאָס פון בופלאָקס, אַז ער קויפט אַ פּעקל טאַבאַק.

רעגנס און ווינטן האָבן געשעדיקט דעם געצייכנטן בופלאָקס און ער באַקומט, וואָס אַ מאָל מער, אַ געשטאַלט פון אַ ווילדער חיה, וואָס לויפט אים נאָך און שרייט, „רייכער בופלאָקס". דאָס געשריי שטייגט שוין צו אַ וואָרענונג, אַן אולטימאַטום! „קויף בופלאָקס!".

סע העלפט נישט דאָס הכנעהדיקע ענטפערן — כ'האָב שוין געקויפט.

צום סוף ברענגט דער בופלאָקס אַריין דעם מענטשן אין אַזאַ

רציחה, אַז ער גייט אין אַ קאַמף מיט אים, רייסט אַרונטער די רעקלאַמע און ווערט אַרעסטירט פאַרן צעשטערן פרעמד אייגנטום.

די פולבלוטיקייט פון זיין דערציילערישער קונסט פאַרפאַלגט אונדז, פונקט ווי דער בופלאָקס דעם דורכגייער און אָבסערווירער משה נאַדיר. די דערציילונג איז אַ מאָדעל פון קונסט אין דער רעקלאַמע, פאַרשותפט צו דעם אמת פון שיינער ליטעראַטור.

***

אויב דאָס קאָמישע רעדט צו דער אינטעליגענץ דורך דער דעגראַ־דאַציע פון ווערטן, פאַרמאָגט די דערציילונג „עסן דעם נאַכטיגאַל?" אַלע אַטריבוטן, מיט וועלכע ס׳איז באַשאָנקען משה נאַדיר: הומאָר, ציניזם, פּאָעזיע, פסיכאָלאָגיע, אימאַזשינאַציע און רייזעגראַפיע.

צוטראַכטן איז די סטיכיע פון דיכטער. ס׳הייבט אָן דער קינסטלער משה נאַדיר אַזוי:

„איידלמאַן איז אַן עסטעט. איידלמאַן טרינקט הימלזאַפט. איידלמאַן עסט שאָטן־שפּינוועבס סערווירט אויף אַ חלום פון שטערנגאָלד און באַ־שאָטן מיט לבנה־רייז".

איך האָב נאָר געגעבן אַ קליינעם ציטאַט וועגן איידלמאַנען, וועמען דער מחבר פאַרוואַרפט אויף אַן אינדזל און וויזט אים אונדז אַ הונגעריקן. דער עסטעט האָט אויסצושטיין דעם נסיון פון זען אַ נאַכטיגאַל אַראָפּפאַלן נעבן אים. אַ פאַרהונגערטער ווייסט ער נישט וואָס צו טאָן, אים הרגענען, אָדער נישט.

דער שרייבער ברענגט אַרויס אויף אַ פּאָעטישן אופן דעם כוח פון הונגער, וואָס איז מסוגל צו פאַרשווענכן די איידלסטע געפילן פון אַ פּי־לאָסאָף, אַן איידלמאַן. די דערציילונג איז נאַדירס אַ שיר־השירים און ער האָט אַ סך אַזעלכע, וואָס שטרייכן אונטער זיין מאַגישן ווערבאַליזם.

***

אַ קורצע פּאָר שורות, ווי אַן אַפאָריזם און עס שמייכלט פון דעם

אַרויס אַ גאַנצע עשירות פון איראַניע געמישט מיט גרימאַסע: „זי האָט אים געשווירן אַ שבועה פון אייביקער ליבע און ער האָט זי אַוועקגע־שווירן צו אַן אַנדערער". אָט די שבועה דיקטירט פון אַ הייליק געפיל, וואַנדערט אַרום — און אויפן גלגול־וועג, ווערט זי צוריקגעשווירן פון אַ דריטן צו דער ערשטער פּערזאָן"...

אין משה נאַדירס שרייבן זענען נישטאָ קיין לאַנגע פילאָסאָפישע טיראַדעס. פּונקט ווי ער, איז אין דער דערציילונג פון זיין צעפּאָרענעם העלד, מעכעלעליע, פּסיכאָ־סאַטיריש, איז ער אין דעם „גלגול פון אַ שבועה" פילאָ־סאַטיריש. די ליבע, וואָס לעבט אין כסדריקע איבערגאַנג־גלגולים, איז דאָך פאַקטיש אַ באַשטענדיקע אין איר בייטעוודיקייט, ווייל מיט דער זעלבער ערנסטקייט שווערט מען זי אַהין — און אַהער.

האָבן מיר דאָך ביי היינריך היינע אַזאַ פערז, וואָס האָט אַ שייכות צו צווישן־סעקסועלע ליבעס דאָס ליד רופט זיך: „איין יינגלינג ליבט איין מיידכען".

„ס'איז אַן אַלטע געשיכטע,
דאָך בלייבט זי אייביק ניי,
און ועמען זי באַשערט איז,
דעם ברעכט דאָס האַרץ אין צוויי".

***

דורך דעם זשאָנגלירן מיט דער שפּראַך, ווי מען וואַרפט אַ באַלעם, אַ היין און אַ הער, אַריבער און צוריק און ווידער אַ הין, ווערט פון דער דראַמע — קאָמעדיע.

פאַראַן אַ טייל פון זיינע שטיקלעך פּראָזע, וואָס זענען אויסער די כללים פון שרייבן. דאָס זענען נאַדירס נישט געאָרדנטע געדאַנקען; אַרויס־געוואָרפן אין אַ כאַאָטישן מישמאַש, ווי אין שגעון פון אַ צעדולטן און גלייכצייטיק געניאַלן שנעל־טראַכטער. אַזוי קומט אונדז פאָר זיין מאָנאָלאָג

אין דער פינצטער ביים אָנצינדן אַ שוועבעלע הינטער דער טיר און דאָס שוועבעלע לאָזט זיך נישט אָנצינדן.

אָט דאָס שוועבעלע, וואָס משה נאַדיר פאַרפאָעטיזירט ערגעץ אַנדערש, צו אַן איידעלער פריילין מיט אַ בלאָנד קעפל. דאָס שוועבעלע מיטן כעמישן צינדקעפל, איז בכוח אים אַליין צו פאַרוואַנדלען אין אַ פייער־שפייענדיקן באַרג, אין אַזאַ היציקער שנעלקייט וואַרפט ער אַרויס זיינע געדאַנקען. אַזאַ ענלעך שטיקל פראָזע, ווו ס׳ווערן ביים לייענער קאָנצענטרירט אַלע מוסקלען און נערוון, זענען אויך זיינע „רויע געדאַנקען".

שטיקער פאַרביטערניש גיסט אויס זיין פעדער אין אַ קאָשמאַרנער שנעלקייט. וועלטשמערץ, ווערטלעך און פאַראַדאָקסן. דער עיקר קומט דאָ צום אויסדרוק דער ברוגז, וואָס די ליטעראַרישע וועלט ווייזט אַרויס צו אים. „עס וועט נאָך קומען אַ צייט — זאָגט ער — ווען דער אמתער קריטיקער וועט אַנטדעקן אין מיר דעם טראַגיקער".

דער אָפּלאַכער, קריטיקער, ליריקער און סאַטיריקער; דער אַלזייטיקער דיכטער און שרייבער, וואָס האָט אויסאיראָניזירט אַ וועלט, איז טאַקע געווען אַן איינזאַמע און טראַגישע פערזענלעכקייט. דאָס שפּיגלען אָפּ פיל פון זיינע לידער.

„ס׳קאָן צו מאָל אַ וואָרעם
ניט לעבן אָן אַ פריינד,
און איך בין אַזוי אָרעם
עלנט און אַליין".

און אין אַ צווייטער סטראָפע:

„עס ווערן לייט אין נאָרדן —
אָפּט מאָל טויט פאַרשנייט
און איר וועט מיך דערמאָרדן
מיט אַ פאַרשוויגנקייט".

נאַדיר האָט אויך געהאַט אַ סך פריינד צווישן שרייבערס און באַ־וווּנדערערס. אים האָט אָבער ווי געטאָן דאָס פאַרשווייגן אים פון דער קריטיק; צו דער דאָזיקער פאַרשוויגנקייט אויף וועלכער ער באַקלאָגט זיך, האָט אויך אַוודאי בייגעשטייערט זיין אַנגעהעריקייט צום קאָמוניזם. זיין אַטעאיזם און פאַרלייקענונג פון אַנדערע אידעאָלאָגיעס. דאָס האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט זיין אייגענער קריטיק, ווי אַ צונויפגעוואַקסענער צווילינג. — אויפן געביט פון טעאַטער און דראַמאַטורגיע, איז ער געווען אומברחמנותידיק. אָבער טאָמער האָט אים אַ געוויסע סצענע און דראַ־מאַטישער טעקסט גערירט, האָט ער זיך צעוויינט זיצנדיק אין טעאַטער.

דאָס דערציילט ער אין זיינס אַ טעאַטער־רעצענזיע. דער פאַל איז געווען ביי שלום אַש׳ס „מאָטקע גנב״, דאָרט ווען דער לעצטער דיקטירט אַ בריוו צו זיין מאַמען. דאָס האָט אין אים אויפגערודערט דעם סענטי־מענט צו זיין אייגענער מאַמען, אַנגערירט די ריכטיקע ספּרוזשינע, און אַרויסגעדריקט טרערן. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט טעאַטער און ברענגט עס צום אויסדרוק אין געציילטע ווערטער: „אין די קאַלטע ווענט פון טעאַטער וועט מיין אָטעם גיין פאַרלוירן״.

משה נאַדיר האָט פאַרניכטעט און צעשמעטערט סצענישע אויפפי־רונגען; ער האָט אָבער נישט געקאָנט אומוואַרפן דאָס יידישע טעאַטער. ס׳איז מעגלעך, אַז ער האָט אויף דעם געביט איבערגעכאַפּט די מאָס. זיין מיינונג איז אָבער ביי אים געווען אַ הייליקטום. איז ער דערפאַר פאַרבליבן דאָס שאַדנווינקל פון טעאַטער אויפן מאַטעריעלן און מאָראַלישן געביט און דערמיט אַליין פאַרהאַקט פאַר זיך די טירן.

***

„דער דעמב און דער שטראָם״ איז אַ ליד אין זעקס סטראָפן און אַ פּאָעטישער מוסטער, וואָס דריקט אויס אַן אמת אין אַלע דימענסיעס. דאָ קומט צום אויסדרוק אין גראַם די קנאה פון צוויי נאַטור־דערשיינונגען. אַן איינגעוואָרצלטער בוים און אַ באַוועגלעכער פלוס. אַזוי ווי דער דעמב קאָן נישט ענדערן זיין וואָרצלדיקע איינגעפונדעוועטקייט, פונקט אַזוי קאָן

נישט דער לויפנדיקער קוואַל, זיך פּלוצעם אָפּשטעלן און זיך באַהעפטן מיט דער ערד. איז דערפאַר דער דעמב מקנא דעם לויפנדיקן פלוס און דער פלוס איז מקנא די סטאַטישקייט פון האָבן אַ שטאַם. דאָ געפינען מיר די אינעווייניקסטע צווישן־שייכותן פון מענטש און נאַטור. דאָס זעלביקע קומט דאָך אייביק פאַר אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. נאַדיר האָט דאָס סימבאַליזירט מיט די נאַטור־דערשיינונגען. ס׳איז דער אייביקער מענטשלעכער צאַפּל נאָך עפּעס בייטנדיקס, וואָס איז פיל מאָל אונטערגעשטראָכן אין זיין פּראָזע.

די איראָניע טרעט נישט אָפּ ביי אים אויך אין די לידער. מע קאָן זיי צום לייכטסטן געפינען אינעם ציקל: „לידער פון אַ פּאַרהייראַטן" — אין מיינע לידער — זאָגט משה נאַדיר — איז פאַראַן עפּעס היינישעס. און ר׳איז גערעכט. זיין אינטעלעקט קוקט שאַרף אַרויס אינעם פיליגראַן פון זיינע פערזן.

אינעם בוך „נאַדירגאַנג", און אין דעם בוך „מודה אַני", איז פאַראַן כמעט דער גאַנצער נאַדיר. אין איינעם איז אַן אָפּקלייב פון לידער און פּראָזע און דאָס לעצטע, „מודה אַני", איז אַ חשבון־הנפש פון זיין אָפּגע־לאָפענעם אַרבעטסוועג און קאַמפסוועג פאַר אַ וועלט־גאולה.

אַזוי שטעלט זיך נאַדיר פאַר אין אַ ליד:

„עס האַמערט דער מעכטיקער ים
מיט זיין צאָרנדיקן האַמער,
עס גרייכט זיין גיגאַנטישער גראַם
מיין דערשראָקענע קאַמער".

דאָס איז אַ מיטל־סטראָפע פון זיינס אַ ליד. נאַדיר האָט טאַקע פאַרמאָגט די סטיכיע פון אַ צעבונטעוועטן ים, וואָס רייסט טייל מאָל שטיקער פון זיך, שטעלט אויף וואַסער־טורעמס און צעשליידערט זיי, כדי צו צערייסן די גרענעצן און איבערשפּאַרן די ברעגעס.

ווער ס׳האָט געצויגן דעם איינפלוס פון אים, קומט אויפן געדאַנק אַ יינגערער נאָכפאָלגער, (צו לאַנגע יאָרן), וואָס איז אונדז אַלעמען

באַקאַנט. דאָס איז אברהם שולמאַן, אָדער אידעם (זיין פסעוודאָנים). אברהם שולמאַן איז אַ פלינקער הומאָריסט און סאַטיריקער — און ער מאַני־פעסטירט אָפט זיין באַגייסטערונג פאַר זיין קאָלעגע, משה נאַדיר.

מיר מאַכן דעם פאַרגלייך צוליב די דירעקטע באַריר־ליניעס פון די בײדע הומאָריסטן.

אַלעקסאַנדער דער גרויסער פון מאַצעדאָניע, וואָס האָט געטראָגן אַ גרויסע פאַרערונג פאַרן גריכישן פילאָסאָף דיאָגענעס, וואָס האָט געוווינט אין אַ פעסל (געלעבט אין 4־טן י. ה. פאַר אונדזער צייטרעכענונג) האָט געזאָגט: „ווען איך וואָלט נישט געווען אַלעקסאַנדער דער גרויסער, וואָלט איך וועלן זיין דיאָגענעס".

אָט דעם זאָג, קאָן מען אומגעפרעגט צושרייבן אברהם שולמאַנען און פאַר זיינעטוועגן, אים פאַראַפראַזירן: „ווען איך וואָלט נישט געווען אברהם שולמאַן, וואָלט איך וועלן זיין מ״ה נאַדיר"...

דער וווּנדערלעכער סאַטיריקער האָט אויף אַזוי ווייט פאַרמאָגט די אויטאָנאָמיע פון שפּראַך און דעם שענסטן און געפּאַסטן סופּערלאַטיוו האָט ער אַליין זיך געשאַפן: „איך בין אַ שפּראַך־מייסטער, אַ שפּראַך־אַנאַרך".

מיט דער שפּראַך, וואָס איז נאָר אים אייגן, האָט ער באַנייט, אַריינ־געגעבן פריש בלוט אין אונדזער מאַמע־לשון.

ווי שוין אויבן געזאָגט, איז ער געווען אַ פאַרכאַפּנדיקער שנעל־טראַכטער און שנעלשרייבער. אינעם דאַנקוואָרט צו די אַרויסגעבערס פון זיין בוך „נאַדירגאַנג", שרייבט דער מחבר, אַז עס זאַמלען זיך ביי אים אָן אַזוי פיל שריפטן, נאָך נישט געביכערטע מאַטעריאַלן, פּונקט ווי אין דער מעשה מיט יענעם יידן, וואָס די האָר וואַקסן ביי אים קיין עין הרע אַזוי שנעל, אַז ביז מע שערט אים אָפּ דעם שטערן, האָט ער שוין אַ באַוואַק־סענעם האַלדז.

דעם גאַנצן דראַמאַטישן פאַרלויף פון זיין לעבן און שאַפן, געפינען מיר אין רעליעף אין דער רעם פון זיין לעצטן בוך, „מודה אני", וואָס איז דערשינען נאָך זיין טויט. דאָס איז דער שליסל צו זיין לעבנסוועג צוגעטראָגן אינעם אויפגעפּראַלטן וווּנדער־וווּנדיק האַרץ פון פּאָעט. דאָס

איז אַ ווידוי־בוך פון אַ צעשמעטערטן גלויבן אין אַ בעסערער וועלט פון גלייכקייט און גערעכטיקייט — פון דער צווייטער זייט, אַן איבערבעטן זיך מיטן מענטש און מיטן אל רחום וחנון.

אַ גרעסערער טייל פון דעם בוך איז געווידמעט די רעמיניסצענצן פון זיין פאַרגעטערטער היים נאַראַיעוו. די שבח־אידיליעס באַקומען ערשט ביים קראַנקן דיכטער, אַ מיסטישן אויסקלאַנג פון די פאָלקס־סימבאָלן.

אָט איז איין סטראָפע פון זיין — מיט ליבע דורכגעפּיבערט ליד צו זיין היימלאַנד, „היימלאַנד, מיין היימלאַנד".

„די זיבן זילבער־גאָלדנס פון דיינע שטילע וואָכן,
די דרייסיק זילבער פון דיין גאָלדענעם חודש
אין מיין קינדיש האַרץ זיי קלינגען און זיי שאָרכן
ווי פּרוכת־גלעקער אויפן ארון־קודש".

פון אַלע זיינע סאַרקאַסטישע און שפּילעוודיקע לידער, איז ער צו־געקומען צו די תפילהדיקע, צו טונקעלע אַנונגען פון סוף.

ווי אַ פאַרווונדיקטער לייב שמועסט ער מיט גאָט אין זיין סוף־וואָרט פון בוך:

„ווי אַ שלעכט קינד צו אַ גוטן טאַטן,
ווען מענטשן שמיץ זענען אַ היילונג,
קום איך צו דיר אבינו שבשמים
מורמלענדיק מיט מיינע געפּענטעטע ליפּן".

ביי זיין אויפטרייסלענדיק ליד „נענטער" אין דער תפילה פון זיין „מודה אני", איז פאַראַן אַ נביאיש פּירוואָרט:

„איר וועט זוכן מיינע ביכער אין זיי גראָבן,
ווען איכ'ל זיין אין דר'ערד שוין לאַנג באַגראָבן".

משה נאַדיר רעדט אין געגראַמטע שורות צו גאָט. אין זיינע סוף־פּערזן לייענען מיר:

„איך וואַרט און וואַרט אַליין, אַליין,
צי וועט מיר גאָט אַנטקעגן גיין?
אַ צווייַ דרייַ טריט כאָטש ביזן שוועל —
איך טראָג אים שניי־בלימלעך אין זעל:
שמע ישראל — דער סוף פון ליד,
אַזוי מוז שטאַרבן יעדער ייד".

די פאַרגלויבטקייט אין דער אידעאָלאָגיע פון משה נאַדיר, איז ווי מיר זעען, אַריבער צו עקסטרעמע סתירות פון געבאָטן און פאַרבאָטן, וואָס ער דריקט אויס אין דער קינסטלערישער פאָרעם פון פּאָעזיע. אַזעלכע פאַלן רופן אַ סך מאָל אַרויס לעכערלעכקייט; טראָץ דעם, וואָס אַנטוישונג איז ביים מענטש דער ביאָלאָגישער און פסיכישער שאָק, וואָס באַצווינגט און האָט אויך געצווונגען משה נאַדירן אַריינצופאַלן אין מיסטיציזם און זיך היילן מיט דער אויטאָטעראַפּיע פון ווערן אַ בעל־תשובה און איבערבעטן מענטשן און גאָט, וועמען ער האָט פאַרשעמט. דאָס קאָן זיין אַן אַלטערנאַטיווע לייזונג פאַר דעם שטאַרקסטן כאַראַקטער און ס'איז אפשר אויך געווען פאַר דעם גרויסן שרייבערישן טאַלאַנט פון משה נאַדיר.

***

ווען מיר קריקגיין און ענדיקן מיט הומאָר, וואָס איז נישט בלויז אַ וואָרט, ס'איז אַ גאַנצער באַגריף! פאַראַן אַ פאָלקסטימלעכער, נאַאיווער און באַטעמטער כעלעמער הומאָר, פון וועלכן מע שעפּט און שאַפט אַרום אים ליטעראַטור אין פּראָזע און אין גראַמען. פאַראַן אַן אומבאַוווסטזיניקער קינדער־הומאָר — אָבער דאָס איז שוין אַ גאַנץ באַזונדער קאַפּיטל.

אין די טראַגישסטע מאָמענטן פון אונדזער פאָלק, אין די געטאָס און לאַגערן, ערב דער פאַרטיליקונג פונעם גרויסן טייל פון אים, האָט מען

נאָך געשאַפן הומאָר; אמת, אַ גאַנץ ספּעציפישן הומאָר, וואָס איז אַרויס־געדרונגען פון די דעמאָלטיקע באַדינגונגען און איבערלעבונגען. יעדער טראַגישער שאָק, קאָן שאַפן אין דער מענטשלעכער פּסיכיק אַן אַפּוועד־מיטל פון גלייכגילט — און דאָס איז דער פּאַנצער, וואָס זיין באַגלייט־דערשיינונג איז הומאָר. מע האָט זיך אַליין אויסגעלאַכט מיטן שטיקל זיך, וואָס וועט פון אונדז ווערן, אָדער מיטן אָבאַזשור פון אונדזער הויט.

כדי צו פאַרזוכן נאַדירס שפּראַך־מאָדולאַציעס, פּאַראַדאָקסן און איינ־פאַלן, האָב איך אַרויסגעכאַפּט פון קאָנטעקסט איניקע מוטטערן.

דער אַנאַרכיסט: „איך בין אין גאַנצן געראָטן אין מיין מוטער, וואָס דער טאַטע האָט געזאָגט יאָ, האָט זי געזאָגט, ניין";

„די בעסטע עסנס קאָן מע קריגן אין אַלע וועגעטאַריאַנישע בראַ־שורעס — ביליק";

„דער בעסטער שווינדל איז פאַרט, אַז מע קאָן יענעם אָפּנאַרן און נאָך בלייבן דער פיינער מאַן";

„ער שטייט ביים שפּיגל און זעט זיין אייגענע בלינדקייט";

„די ליבע איז בלינד, דעריבער קאָן זי זיך גאַנץ שיין אויסדריקן אין דער פינצטער".

„מע דאַרף פאַרשטיין, וואָס דאָס הייסט אַ גוט שטיקל פּוטער, מע דאַרף אַזוי צו זאָגן זיין אַ געענדיקטער פּוטעריסט"...

„איך ראַטעווע זיך פון איין פייער אינעם אַנדערן";

„מיין כוח איז שטאַרקער פון מיר, ער דערשלאָגט מיך";

„דאָס מינדסטע שטיקל וואַפנשטילשטאַנד איז מיט גאָלד צוגלייך";

„יעדער פּלוצעם קומט געגנוי אין צייט";

„די שטערן ציילט מע נישט, זיי זענען אָן אַ צאָל";

אַן אַנדערער מיינסטער י. ל. פּרץ האָט ערגעץ־ווו געזאָגט: „ווען די שטערן וואָלטן געווען גאָלדענע רענדלעך, וואָלט מע זיי געציילט".

„אַ פאַרפאַלק גט זיך, כדי צו לעבן ווי צוויי געליבטע. מאָראַל: אַ מענטש איז נישט קיין בהמה, ער האָט נישט אזוי פיל שכל";

ביים קויפן אַ שטיקל ערד, קרקע, „פאַרניצט עס געזונטערהייט".

**
*

אַ קראַנקער און איינזאַמער, האָט דער קאָלאָס פון דער יידישער ליטעראַטור איבערגעגאָסן זיין געמיט אינעם צימצום פון צוויי שורות:

„עי כמאַרעס, עי שטורעמס, נו ברענגט שוין דעם בליץ
עי שלאָג מיך אַ נידער דו געטלעכער וויץ!".

און דער געטלעכער וויץ האָט אים אַנידערגעשלאָגן. די ליטעראַטור אָדער בעסער געזאָגט, די באַשיצער אירע, האָבן די חכמה זיינע איינגעזאַמלט צום לעבן אויף אַלע אייביקייטן — מיט זיינע פּאַראַדאָקסן צוזאַמען, וואָס זענען לויט זיינס אַן אויסדרוק „אומשטערבלעך ווי דער טויט".

משה נאַדיר איז געבוירן געוואָרן אין קליינעם גאַליצישן שטעטל נאַראַיעוו אין יאָר 1885. געשטאָרבן דעם 8־טן יוני 1943 אין אַמעריקע.

משה נאַדירס שאַפן איז אַ ים. זיין ליטעראַרישע ירושה ביי זיינע 58 יאָר, ציילט 26 בענד און אַלץ, וואָס ער האָט געשאַפן, זיין בייסיקע קריטיק, סאַטירע און ליד, איז געווען פון אַ סווערענער פּערפעקציע.

**
*

איך האָב זיך אָוועקגעלאָזט אויף אַ גייסטיקער שווים־אַוואַנטורע און געפּרוווט פון דעם ים אַרויסציען אייניקע נאַדירינגלען פון דעם גאון פון געלעכטער מיט אַ קאַפּיטשקע — פון מיין אייגענער גייסטיקער פילאַנטראָפּיע.

דאַנק־אויסדרוקן:

אַ האַרציקן דאַנק מיינע פריינד פאַר דערמוטיקן מיך אַרויס־צוגעבן דאָס בוך און באַזונדער פאַר דער פינאַנציעלער **מיטהילף**.

אַ פּאַראויסיקן דאַנק די דינאַמישע פאַריזער עסקנים און געזעלשאַפטן פאַר נעמען זיך די מי צו העלפן פאַרשפּרייטן דאָס בוך.

אויפריכטיקע אָנערקענונג דעם דרוקער **שמואל ליכטענשטיין** פאַר זיין איידעלער דינסטגרייטקייט דעם מחבר ביים אַרויסגעבן אַ בוך.

אַ באַזונדערן לויב דעם עסייאיסט **דר. נח גריס** פאַר זיין ציכ־טיקער קאָרעקטור־אַרבעט.

ביכער פון זעלבן מחבר :

טוי פון שטילקייט — **לידער** — **פּאַריז** 1951

אַ ניי לעבן — **דערציילונגען** — **פּאַריז** 1959

שטערן אין מיין שויב — **לידער** — **פּאַריז** 1961

קאָלירן און קלאַנגען — **לידער** — **פּאַריז** 1967

אינטים מיטן בוך — **עסייען** — **פּאַריז** 1973

סימפאָניע אין ווינט — **לידער** — **פּאַריז** 1978

אינטים מיטן בוך, **צווייטער באַנד,** — **(עסייען)** — **פּאַריז** 1983

CITE IMPRESSION
14, Cité Griset - 75011 PARIS
Tél. : 357-36-53

RIVKA KOPÉ

AUTEURS
LIVRES
OPINIONS

II